געשאבן – 1. פאר און פאדי פון שאבן.

% געשאבענע קארטאפליעס, געשאבענע בוריקעס.

ער האט ליב געשאבענעם רעטעך מיט שמאלץ.

2. אדי/אדוו. (שלש) געגאלט, ראזירט (וועגן פנים).

1885 " זיינע שרייבערס |דעם פאדריאדטשיקס| זענען

גרויסע גויים, ווי ער אליין, |...| מיט געשאבענע 1

מארדעס, עס איז א שרעק צו זען ווי זיי זיצן ביי

דעם קאנטאר". נוסבאום, 1, 15.

ג ע ש א ד ט – ----→ געשאט.

2,

3 -

(?נ?) |געשאַדן| ג י ש א ד ן - שאַטן, שעדיקן.

... " צו מיינמ׳ פושט זי גילאדן // דארום דען

אירשטן טג קוט זי המן ניט <u>גישאדן</u>". <u>מגילה מינכן</u>,

<u>מ/ 100ב</u>.

4 - גאַז

ג ע ש אָ ו ו ל ט - פאר פון שאוולען, |הארקאווי|.

ג ע ש אָ ט – פאר פון שאטן (שאדן ברענגען).

3.

6 - גע

געשאַט - דאָס/דער, באַ. (שנש) דאָס דויערנדיקע שיטן (זיך).

1933 " שטיל איז דאָ געוואָרן |...| אַזוי אַז עס האָט זיך אַזש געהערט דער שאָרך פֿונעם שנײ=געשאַט".
גאָדינער, 2, 138.

1973 " |...| רײַסט איבער דער טאַטע אין גיכן געשאַט |פֿון רײד". אליצקי, 5, 307.

6

געשטאַטן - פֿאַר פֿון שיטן.

געשאָטנט – אַדי/אַדור. (שנש) וואָס איז אין שאָטן,

באַדעקט מיט אַ שאָטן.

1927 " |...| אין מײַנע געשאָטנטע טריט".

א. אויערבאַך, 1א. 9

.................................................................

רעד: געפֿינען די ציטאַטע! איך האָב ניט דאָס בוך...

.................................................................

1937 – 1939 " און עס גלייט אין אור חלום פֿון ווייניקן פֿעלן
מײַן געשאָטנטער קערפּער ..."

סוצקעווער, 3, 104.

9 געש –

ג ע ש אַ ט ק ע וו ע ט – פאַר און פאַדי פון שאַטקעווען.

11 % געשאַטקעוועט ־רויט.

(?נ?) ג ע ש אַ ך - (עלט) איז געשען.

1872 " איין מעשה געשאך אן |=מיט| איין שר".

12 צאינה=וראינה, 3, בראשית.

□ גישאך/גישעך.

... " מרדכי שרייב די זך /ך נוך אל גיבערט |=האָט פּאַסירט|

15 ווי עש גישך". מגילה מינכן, מ/ 109/א.

1648 " דיא קומסריא זאלטן קומן ווידר// הארטן מיר

1701 פון אידרמן זאגן// דז פרייאטן זיך אלי אונזרי גלידר

// אלז אך גישאך אין חדש אב טאגן". מגילת ווינץ,

ז' 8 - 9.

1723 " מעשה גישאך צו רעגנשבורג דא ווארן צווייא

13 מייארדש דיא ארבבטן בייא איינם יודן |...|".

מעשה=בוך, מעשה 171.

ג ע ש א כ ט ן - <u>פֿאַר פֿון שעכטן</u>.

12 - 

ג ע ש א כ ע ר ט - פאר פון שאכערן.

13 —

ג ע ש א כ ר א י ע ט — פאר פון שאכראיען |הארקאווי|.

14 – געל

ג ע ש א כ ר ע וו ע ט – פאר פון שאכרעווען, |הארקאווי|.

ג ע ש אָ ל - דאָס/דער, =ן. דאָס דויערנדיקע שאַלן אָדער דאָס שאַלן פֿון אַ סך קולות, אינסטרומענטן.

% געשאַל פֿון האַרנס.

1920 " |...| אַנטשוויגן די געשאַלן,// אַלע ווענט צעפֿאַלן".

41 יהואש |ליד " אין טאַנץ"|.

1939 " עס דערהערט זיך אַ געשאַל פֿון אַ טרומייט".

47 האלקין, 2, 42.

1968 " דער עכאָ צעפֿאַלט זיך מיט אַ געשאַל און געקנאַל ביז אויף יענער זייט פֿון די הילצערנע בריקן".

קאַנק גראַדע, 7, 95.

◻ גישאַל.

1713 " און˙ דען מאל זאלט איר איין גישאַל מאכן און˙ יוכצן מיט אננדר איר ווישטי ערטר פון ישראל".

45 מחזור, 1, דף קלה - 2.

ג ע ש אַ ל ט - פֿאַר פֿון שאַלן.

17 - ~~ly~~

ג ע ש א ל ט (ע ט) - פאר פון שאלטן, |סטוטש|.

געשאָלטן - פֿאַר פֿון שעלטן/פּוילן

ג ע ש אַ ל ט ע ו ו ע ט - פּאַר פֿון שאַלטעווען.

ג ע ש א ל י ע ו ו ע ט - פֿאַר פון שאליעווען.

21 - גן

ג ע ש א מ ט - ----⇐ געשוימט.

ג ע ש א מ ק ע ט - פאר פון שאמקען.

**ג ע ש אַ נ ע וו ע ט – פאר פון שאנעוועַן.**

ג ע ש א נ ק – דאס/דער, =עך. 1. א זאך וואס מע שענקט,
מע גיט עמעצן אן באלוינונג, ווי אן אויסברוך פון
ליבשאפט, פריינדשאפט; צו א שימחה אדג"ל; מתנה.
% געבן, דערלאנגען א געשאנק. א טייערער געשאנק.
קריגן, באקומען, אננעמען א געשאנק.

1834 " |...| האט דער רב ארויש באפוילן איין גרוישין
82 דאנק, אז מען וועט איהם שיינקען איין גרוישין גישאנק"
מעשה גדולה |...|.

1865 " אבער איין געשאנק וועסטו דאך פון מיר אננעמען".
61 רוף, 1, 18.

1871 " ס'איז פאר איין, יאנינא, צום געבוירן פון
קאנק אייער טעכטערל. |...| כ'האב אויך געבראכט א געשאנק
פאר דער מיידעלע". סוצקעווער, 7, 85.

2. אַ גײַסטיקער װערט, װאָס מע באַטראַכט װי אַ געשאַנק.

1863 " די טרערן איז נאָר דעם מענטשן אַלײן אַ **געשאַנק**
84 פֿון גאָט". איבן דיק, 1, 13.

1941 " גאָט האָט מיך באַשאַנקען מיט אַ גוטן **געשאַנק**".
66 תרגום יהואש, בראשית, ל - 20.

1966 " צו זען איַיך װידער, אײַער קול צו|הערן,//
איר זאָלט מיך מיט אַזאַ **געשאַנק** באַהערן |...|".
האלקין, 4, 154.

[=דראָשע]

0 **דרשה=געשאַנק** - װערטפּולע זאַך אָדער געלט װאָס מע פֿלעגט אַ מאָל שענקען בײַ דער חתונה דעם יונגן פּאַר=פֿאָלק, נאָך דעם װי דער חתן האָט געהאַלטן זײַן דרשה אין תורה=ענינים.

1876 "|...| ווען דער מאַרשעליק זאָל זײַ |אַרעמע
75 חתן=כלה| ניט באַגראַמען, וועט דער עולם קיין
דרשה=געשאַנק ניט געבן". לינ'עצקי, 3, 4.

1929 " נאָך דעם פֿלייש האָט מען אָנגעהויבן רופֿן
76 דרשה=געשאַנק |...| און אויפֿן טיש האָבן זיך אָנגעהויבן
באַווײַזן |...| גאָלד=און זילבער=חפֿצים |...|".
יקיר וואַרשאַווסקי, 1, 224.

געשאַנק=אָפּער - דער, =ס. (עלט) קרבן מנחה.

17 גאָטס געשאַנק - עפּעס גוטס, וווּנדערלעכס, וואָס
קומט פֿון גאָט, פֿון דער נאַטור. % אַזאַ שײנע שטימע
איז גאָטס געשאַנק.

1945 "איז דאָס מײַן וועלט פֿון זינגען און באַזינגען?
78 און ליב האָבן דעם טאָג, ווי גאָטס געשאַנק".
סעגאַלאָוויטש, 12, 35.

שור: ס'איז נישט אַזוי ליב דאָס געשאַנק ווי דער געדאַנק -
ס'איז ניט וויכטיק דער מאַטעריעלער ווערט פֿון דער מתנה,
ווי דאָס געדענקען דעם מענטשן.

קומט מיט א געשאַנק און מאַכט אַן א געשטאַנק - בנב.

ג ישענק.

1679 "אביר דען קינדרן דיא ער פון דען קיפש ווייברן
81 האט, גאב ער גישענקין". בליץ, בראשית, כה - ו'.

1767 " מנח. א. מאנה ומנחה. פריזענט. גשענק.

60 אופפר". ס' דברי יושר.

ג ע ש אָ נ ק ע ן - פֿאַר און פֿאַדי פֿון שענקען.

געשאָנקענע צרות - בנב. | פֿער 90, נ׳ XIII - 1, ז׳ 26.|

שוו: א געשאָנקענעם פֿערד קוקט מען ניט אין די ציין - אויף אַ זאַך וואָס מע קריגט אומזיסט זוכט מען ניט קיין חסרון.

געשאָס - דאָס/דער, בא. (שנש) דאָס שיסן, שיסעריי.

" ווי א געשאָס פֿון דער זאַווערוכע |1946 - 1943|
אַרויס |...| האָט איך איינעם פֿון יענע טעג זיך 96
דורכגעטראָגן אויף זיין דרעלינע דער אינזשעניר
פּאָקראַס". בערגעלסאָן, 18, 672.

ג ע ש אַ ס ט ע ט - פֿאַר פֿון שאַסטען.

ג ע ש אָ ס ן - פאר פֿון שיסן.

(?נ?) ג ע ש אַ ס ק – דאָס, באַ |סטוטש 282|. דאָס שאַסקען.

ג ע ש אַ ף - דאָס/דער, =ן. (שנש) שאַפֿונג, באַשאַף.

108 1945 " בענקט ער צום געשאַף זײַנעם". באַרײַשא,3, 59.

... " אַיעדער גרעזעלע, אַבי אַרויסגעשטעקט דאָס נעזעלע

106 אויף גאָטס געשאַף |...|". מאַניק |משל "דער בוים און דאָס גרעזל"|.

---

רעד: אייגנטלעך איז די נײַשאַפֿונג נאָך ~~ניגענער~~ מעבער:
ס'איז דאָ אַ קאַרטל מיט אַן אָנווײַז אויף דעם
וואָרט אין יודל מאַרקס איבערזעצונג פֿון ט. מאַנס
" טאָניאָ קרעגער"; "דאָס שטעטישע געשאַף" -
אויסגעטײַטשט: " דאָס וואָס ווערט געשאַפֿן".
מער קיין ביבל' דאָרטן ניטאָ.

17,

35 - געש

(?ג?) |געשאפּד|ג ש א פ ד א - עניק, צושטאַנד. מה"ג gishaft.

112 ... " על דברת - אויף דש גש פדא, ל' על דבר קרה".

רייכלין 8, דניאל, ב - ל.

רעד: לויטן אויסשרייבער / אויסטייטשער איז דאָס דער מקור פֿון ייִנטיקן "געשעפֿט, עסק": "ניט מײַן געשעפֿט".

ג ע ש אַ פּ ט - פֿאַר פֿון שאַפֿן (אַמ).

ג ע ש א פ ן – פֿאר און פאדי פון שאפן.

|| געשאפנקייט – 1. מצב פון זיין געשאפן, ב 1.

2. (שנש) געמאכטקייט, געקינצלטקייט, אומעכטקייט.

1956 " אין די לידער קען מען ניט געפינען קיין שפור
פון געשאפנקייט אונטער דראנג און צוואנג פון 120
באשטעלונג". י. גלאטשטיין, II/17.

רעד: די דאזיקע ניישאפונג איז אויך אין דער בחינה
פון "געשאפנקייט" אין דעם לעצטן באטייט..
כ'בין טאקע א חסיד פון ניישאפונגען, אבער דעמאלט
ווען זיי געבן עפעס צו – דא ניט...

38 -

ג ע ש אָ פּ ק ע וו ע ט - פאַר פון שאָפּקעווען | האַרקאַווי |.

ג ע ש אָ צ ט - פּאר פון שאצן.

געשאָקל – דאָס/דער, בא. (שנש) דאָס דויערנדיקע שאָקלען (זיך) אָדער דאָס שאָקלען זיך פֿון אַ סך זאַכן.

1964 " די לופֿט מיט נאָגנדיקן געשאָקל, און לאַנגע

128 צאַפּלדיקע שאָטנס וויגן די ווענט". י. קאַפּלאַן, 1, 188.

|| געשאָקלערײַ – דאָס, בא. דזוו דפֿוו.

1866 105 " דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ געמורמל,

129 אַ געשאָקלערײַ נאָך פּאַרנט און אין דער ברייט".

ארז, פּער 177, נ' 14, ז' 215.

ג ע ש אָ ק ל ט - <u>פֿאַר פֿון שאָקלען</u>.

ג ע ש אַ ק ע ט – פֿאַר פֿון שאַקען (שרײַען; "שאַ").

ג ע ש א ר ט - פאר פון שארן.

ג ע ש אָ ר ׳ ע ט – פֿאַר פֿון שאַריען, (אויף טאָג).

ג ע ש אַ ר ך - דאָס/דער, ב״א. דאָס דויערנדיקע
שאַרכן.% געשאַרך פֿון שטעקשיך. ס׳הערט זיך אַ געשאַרק
פֿון פֿליגל.

...

1937 "גוט אויף צו שפּירן דורך פֿליגל־געשאַרך אין דעם
נעסטבלב [...]".

סוצקעווער, 3, 85.

1948 " מע קאָן זיך נעמען מיט דער זײַט,// מע דאַרף
אָבער נאָך דעם געשאַרך זיך לאָזן". מאַרקיש, 9, 32. 132

1972 " זי האָט זיך אײַנגעהערט אין דעם פֿלײַסיקן
געשאַרך, מוזיק איז עס געווען פֿאַר איר אויער". 133
ראָזענפֿאַרב, 2, 442.

ג ע א ר כ ט - פֿאַר פֿון שאַרכן.

47 – ~~~

ג ע ש א ר ל א ט א נ ע וו ע ט – פאר פון שארלאטאנעווען.

ג ע ש אָ ר ן - פֿאַר פֿון שערן.

געשאַרערײַ - דאס, בא. דאָס דויערנדיקע שאַרן (זיך) אָדער דאָס שאַרן (זיך) פֿון אַ סך זאַכן.

1930 " הינטער די טירפֿאָרהאַנגען הערן זיך אַ סך טריט דערצווישן: אַ שווערע געשאַרערײַ אויף דער |...| 143
פּאָדלאָגע, אַזוי ווי מען שלעפּט אַ משׂא". טרונק, 2, 381.

ג ע ש א ר פ ט - פאר פון שארפן.

51 –

ג ע ש א ר פּ ע ט – פּאר פון שארפען |הארקאווי|.

52 – גע

ג ע ש אַ ר ק ע ט - פֿאַר פֿון שאַרקען, |סטוטש|.

53 - ג׳

ג ע ש ב ר ט |געשאַבערט| - פֿאַר פון שברן, |שאַבערן| .

|האַרקאווי| .

ג ע ש ד כ נ ט |געשאדכנט| - פאר פון שדכענען.

ג ע ש ו ו אַ כ ט - פֿרעד אדוו, פּפּ (עלט) געשווּעכט.

שוואַכער געוואָרן, אָפּגעשוואַכט. % דער זיפּרון איז אים געשוואַכט, געדענקט ניט אַ סך זאַכן.

1916 " זייך ראיה איז דאָך שוין אַ ביסל געשוואַכט. אַפֿשר דורך דער ווייטער נסיעה. ער מוז שוין האָבן אַ ברילֹ". זילבערבוש, 1, 150. 174

גישוועכט.

1602 " אונ' דז הערץ איז איך אים ביז אונ גישוועכט
|...|". ס' ירמיה, יז - ט. 173

1716 " אונ' דער שכל ווערט גישוועכט ווייל מן אים
ווייניג גיברויכט". חובות הלבבות, 1, דף מז - 2. 172

געשוואַלט - אַדי, דזוו געשוואַלן.

(?,?)

1922 " לאָזט מען אַ געשוואַלטע פּעל ליגן אין וואַסער, נעמען זיך אָן די הויטבענדלעך |הויטביינדלעך?| מער און מער מיט וואַסער". וואולאך, 1, 20. 175

רעד: אפשר איז עס סתם אַ גרייז פון ריידער/ שרייבער אָדער אויסשרייבער? אַ דיאַלעקטישע פאָרעם? ווג?

ג ע ש וו אַ ל ן – 1. פֿאַר פֿון (גע)שוועלן.

2. אַדי/אַדוו. אויפֿגעבלאָזן, אויפֿגעלאָפֿן, (וועגן דער הויט, צוליב אַ קראַנקהייט, אָדער אַנדערע סיבות). אַ געשוואָלן פּנים. די געשוואָלענע האַנט. דער געשוואָלענער פֿוס. ער איז אין גאַנצן געשוואָלן פֿון קעלט.

1864 " דאָס פּנים איז אים געבעך געשוואָלן; אַ רחמנות, ער האָט געבעך זיך נישט אויסגערוט". מענדעלע, 11,12. קאַנק

1907 " האָב איך אים |...| אָפּגעמאָלט אויף פּאַפּיר, אין גאַנצן זײַן געשטאַלט מיט די געשוואָלענע באַקן". קאַנק
שלום-עליכם, 8א, 286.

1935 " די רביצין גייט אַרום מיט אַ פֿאַרבונדענעם קאָפּ און מיט רויטע אויגן, געשוואָלענע פֿון וויינען. קאַנק
באַשעוויס, 1, 93.

1972 " |...| האט די אלטע פרוי אויסגעטאן די שיך,
א רייב געטאן די געשוואלענע פיס און זיך אויסגעצויגן 268
אויף איר אייזערנעם בעטל". ראזענפארב, 2, 262.

3. גרעסער ווי געוויינלעך, צעוואקסן, אויפגעבלאזן.

1867 " דער יידישער לערער איז געווען א פויליש
פארשמירט יידל מיט געשוואלענע פאות |...|" 190
פער 177, נ' 40, ז' 298.

1893 " |...| קורץ געקליידט, די בערד ראזירט, דײַטשמערישע
געשוואלענע וואנצעס". ארנשטיין, 2, 14.

1953 " א לאנד |...| פון אומענדלעכע געשוואלענע זומפן".
ברוסילאוו, 1, 9. 178

4. גוזמאדיק, איבערגעטריבן, מער וויפל ס'קומט.

% מ'האט געבאטן פאר דער סחורה א געשוואלענעם מקח,
האט קיינער ניט געקויפט.

1946 " פריער זאגט ער: נעם, נעם, נאך דעם מאכט ער
222 מיר א געשוואלענעם חשבון". ראזען, פער 90, נ' VI - 3-6.

1962 " זיי |די באַן=בעלי=בתים| קלאגן זיך, אַז זיי
182 ווערן געטריבן צו באַנקראט דורך זייערע 'פויליאַקישע'
ארבעטער, וועלכע נעמען 'געשוואלענע' שכירות".
פ. קאנסטאַן, פער 166, IX/1.

1968 " זיי האבן ביי איר גענומען אזעלכע געשוואלענע
א/185 פרייזן פאר דער סחורה, אז זי האט געמוזט בדיל=הדל
ווערן". גראדע, 7, 381.

5. (שגל) "אַרומגעוויקל(ט) אַרום קערפּער מיט סחורה וואס מע שמוגלט, אַזוי אַז מע זעט אויס ווי געשוואָלן".
|פּער 90, XIX - 2|.

|| געשוואָלענערהייט - אַדוו. אין מצב פון זיין געשוואָלן.
% געשוואָלענערהייט האָט ער געמוזט גיין צו דער אַרבעט.

געשוואָלנקייט - די, בא. אייגנשאַפט אָדער מצב פון זיין געשוואָלן. אין דער געשוואָלנקייט פון פּנים האָט מען דערקענט אַז ער הונגערט.

/7 פּפּ: געשוואָלן ווערן: ווי אַ בארג, ווי אַ פּאַס, ווי אַן (אָנגעווייקטער) שוואָם, ווי אַ טעוברתע (אין ניינטן חודש), ווי אַ קלאָץ.

א געשוואלן הארץ - וועגן עמעצן וואס האט א סך צרות, דאגות, צעוויייטיקט.
[וואס איז]

1873 " |...| מיד און פארשוויצט, מיט א פארפלאמט פנים און א געשוואלן הארץ, מיך א ווארף געטאן אונטער דעם בוים". מענדעלע, 1, קאנק 254060. קאנק

1973 " |...| רעדט זי זיך אראפ פון 'געשוואלענעם הארצן'. אליצקי, 5, 422. 177

געשוואלענע מליצה - גוזמאדיק רעטארישע רייד.

1931 " דער טאטע שרייבט מיר בריוו און בריוו, אנגעפילט מיט געשוואלענע לשון=קודשדיקע מליצות". זילבערבוש, 3, 14.

[1543.פ.ר.ג]

געשוואלענע פריצהטע - (איר) וועגן א קאפריזנע צעוברתע פרוי.

<u>געשוואלענע צרות</u> – גרויסע צרות וואס קומען איינע
נאך די אנדערע.

<u>געשוואלענער קאפ (וואר: קריגן א געשוואלענעם קאפ)</u> –
וועגן א בעל=גאווה, גרויסהאלטער.

<u>א געשוואלענע שעה</u> – זייער לאנג. % ער ווארט שוין
<u>א געשוואלענע שעה</u>.

<u>האבן א געשוואלענעם טייסטער</u> – האבן א סך געלט.

<u>געשוואלן ווערן הארעווענדיק</u> – ארבעטן א סך, מיט
גרויסער מי און מאטערניש.

<u>די ארבל ווערן אים געשוואלן</u> – וועגן א פויליאק,
וועגן עמעצן וואס שטרענגט זיך ניט אן צו ארבעטן.

שוו: א געשוואלעכעם שאט ניט (וואר: א געשוואלענער מעג אלץ עסן) - "וועגן איינעם וואס האלט שוין ביי שטארבן "|לאקל, דוקלע, גאליציע).

די נאז קען געשוואלן ווערן פון א קליינעם מוק - א קליינע זאך איז א מאל אויך וויכטיק.

דער עושר בלאזט זיך און דער ארעמאן ווערט געשוואלן - בלאזן זיך מיינט דא האלטן זיך גרויס, דער ארעמאן ווערט געשוואלן פון הונגער.

ם גישוואלן/גישוואולן.

1610 " אייך מענש ווען עז אישט אן זיינר הויט זייך ווליש גישוואולן |...|". טייטש=חומש, ויקרא, יג -ב.

|סוף XVII| " אליש עש אין דען דריטן שנה איזט גנגין איזט

דעם קיד ארבלעצליך הענט אונ׳ פיס גישוואלין"...| 241

גליקל האמיל, ז׳ 128.

1717 " אז זיא | די ברוסט| הרט אונ׳ גישוואלן איז

נעם זפרן אונ׳ ציגן מילך מיט ווייש ברויט גיקאכט 261

|...". ס׳ החיים II, דף נח - 2.

געשוואַלץ - דאָס/דער, =ן. (דטשמ? דיאל?)

געשווילעכץ (געשוויר?).

1931 " די האָט אינעווייניק |טעקסט: אינווענדיק| איין געשוואַלץ". גינצלער, 1, 38. 271

..............................................................................

רעד: אויפֿן קאַרטל איז דאָ דאָס אָרט פֿון דרוק: טאַרנא |טאסנא?| סלאָווקיי. זען אויך "געשוואַלסט".

..............................................................................

□ גישוואולץ.

1767 " שחף א. שחפת. גישוואולץ". ס' דברי יושר. 169

ג ע ש ו ו א נ ג ע ר ט – פֿאר פון שוואנגערן.

ג ע ש וו א נ ק ע ן - פּאר (דיאל, פולן) פֿון שווענקען.

... " אַ לויפנדיק וואַסער האט מיט אַ פּלאַפּל געשוואנקען

272 ווייסע שטיינדלעך". אפּאטאשו.

רעד: מעק ביבל' דאָטן ניטאַ, אבער ס'איז דאַ א צווייטע

ציטאַטע:

" צום טײַכל, וואָס האָט |...| אַריבערגעשוואַנקען

מיט אַ בייזער די ברעגן, פאַרגאָסן די לאַנקע".

אפּאטאשו, דערציילונג "פייערדיקע צלמים", אין באנד V,

ווילנע, 1926 - 1930, ז' 200.

1963 " די כוואַליעס, וואָס האָבן געשוואַנקען אירע

273 באַפּעכטע ווענט". באַשעוויס, פּער 155, IV/20.

גע שוואַרן - פּפּ געשווירן. 1. פֿאַר פֿון שווערן.

2. | געשוואָרענע, געשוואָרענער | . אדי, אַפּט סובסטאַנטיווירט.
וואָס איז אײַנגעשוואָרן דורך מלוכה=אָרגאַנען צו האָבן
דאָס רעכט אויסצופֿירן אַ געוויסע אָפֿיציעלע פֿונקציע.
% געשווירענע ריכטער.

1870 " שולדיק אָדער אומשולדיק דאַרף ערקלערט ווערן
פֿון די געשוואָרענע, וואָס ווערן אויסגעקליבן פֿון 286
פֿאָלק". פֿער 177, נ' 51, ז' 385 - ז!.

1947 " ער איז געווען אַ פּריוואַטער העברעיִשער לערער
און שפּעטער אַ געשוואָרענער איבערזעצער פֿון ייִדיש 284
און העברעיִש". יזב 8, 19.

1950 " |...| געפֿינען מיר |...| פּראָפּעסיאָנאַלן
(דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, געשוואָרענע בוכהאַלטערס א"א)". 287
נ. גאָלדבערג, פֿער 94, XXXIV, 153.

3. (פֿיג) געטרײַ, איבערגעגעבן. % געשוווירענער
אָנהענגער. געשוווירענער פֿאַרערער.

1964 " דזשאָנסאָן האָט זיך קיין מאָל נישט דערקלערט 295
פֿאַר אַ געשוווירענעם אומבאַדינגלעכן פֿרײַנד פֿון
דײַטשלאַנד". גלאַטשטיין, פֿער 69, VIII/7.

1968 " יעקב פֿיכמאַן |...| האָט מיט זײַן אײדעלן
כאַראַקטער |...| נושא־חן געווען בײַ מײַן ווײַב, 157
וועלכע איז געווען זײַנע אַ געשוווירענע צוהערערין".
מ. ראַקאָווסקי, יזב 2, 962.

1971 " וועלוויש אַליין איז געווען איינער פֿון די
רײַכסטע ייִדן אין זלאָטשעוו און אַ געשוווירענער חסיד
פֿון גערער רבין". א. פֿײַוולאָוויטש, יזב 7, 37.

|| געשוווירנס - דאָס, בא. |סטוטש 601|. בנב.

רעד: סטוטש גיט: געשוווירנס, אַפֿידייוויט(אַמ)" מײנט
עס אַז דאָס זײַנען סינאָנימען?

17 **געשווארענער געריכט (אדער געריכט פון געשווארענע)** –

א געריכט (מישפט) וואס באשטייט פון א צאל אויסגעקליבענע פריוואטע פערזאנען וואס זיינען איינגעשווארן צו מישפטן אין איין ספעציעלן פראצעס, באשטימענדיק נאר "שולדיק אדער ניט שולדיק"; דעם פראצעס פירט אן אן אפיציעלער (פראפעסיאנעלער) ריכטער און ער טראגט אויך ארויס דעם ענדגילטיקן פסק=דין.

**געשווארענער שונא** – שטענדיקער, אויסגעאלטענער, פאנאטישער שונא.

1964 " סיריע פארגעסט ניט אין דער יידישער מדינה,
וועמענס געשווארענער שונא זי איז". פער 69, 16/XI. 280

**געשווארענער עדות** – אזא וואס איז תמיד גרייט צו 13 באשטעטיקן עמעצנס רייד, אפילו ווען ס'איז ניט אמת.

1869 " זיי דרייען זיך פון אַלעס אויס און האָבן

אויף יעדער מאַשענסטווא |=שווינדלערײַ| אַ תּירוץ 283

און <u>געשוואָרענע</u> עדות". <u>ארז, פּער 177, נ' 17, ז'120 - TTT</u>.

<u>געשוואָרענער ברייוו</u> - דערקלערונג באַשטעטיקט דורך

עדות אין אַן אָפּיציעלער אינסטאַנץ.

1951 " אויב די פרעמדע מלמדים האָבן בדעה געהאַט צו

פאַרבלײַבן אין ליטע לענגער, האָבן זיי זיך געמוזט 298

באַזאָרגן מיט אַ <u>געשוואָרענעם ברייוו</u> (אַפּידעיוויט

פון זייערע פרויען אָדער קרובים פון פוילן".

<u>ש. ווישניצער, פּער 106, 169.</u>

<u>בבֿי אײַך געשוואָרן, ווי אום שבת פאַרן</u> - ווען אַ ליגנער

וואָס שווערט זיך אַז זײַנע רייד זײַנען אמת.

ם

גישווארן.

3. <----

1626 " דען פיל הרץ אין יהודה דיא דא ווארן צו טוביה

(בעלי=שבואה) גישווארני לייט". ס׳המגיד,1, נחמה,ו״ - יח. 281

גישווארני אייער - פארשטונקענע אייער.

1785 " על דבר הבצי|ם| הנמצאים בתרנגולים מעופשי|ם|

ונפוחי|ם| וסרוחים וקורין גשווארני אייער, מה 282

דין התרנגולת |...|". שו"ת קרית חנה, דף יא/2.

ג ע ש ו ר א ר צ ט - פאר פון שוואַרצן.

39.



געשוו׳לסט - די, =ן, פּפּ געשוואַלץ. (עלט)

געשווילעכץ, געשוויר.

1887 " האָט אַ יונג מיידל איינינקע יאָר געהאַט

165 אַ געשוווּלסט אויפן בויך |...|". פער 74, נ׳ 31, ז׳ 511.

1925 " די דאָזיקע געשוווּלסטן |...| רופן אַרויס ביים

161 מענטשן אַ גרויסע שוואַכקייט, בלאַסקייט". צ. שאַבאַד, פּער 151, נ׳ 10.

□ גישוואולש(ט).

... " השחפת - דגשווילשט". רייכלין 8.

1676 " איין מענש וועך עש ווערט זיין אין זיינר ווייש

168 איין גשוואולש אודר איין אויש זעציקייט |...|".

ברנט שפיגל, פרק לג.

ג ע ש ו ו ױ ר ן - ---← <u>געשוואָרן</u>.
ד

ג ע ש ו ר נ ג - דאס/דער, בא. (שנש) דזוו שווינג.

1955 " |...| מיטן שטיין אינעם ברודער אַ זעץ //

152 מיט פֿאַרמעסט און געשוונג". לייוויק, 11, 276.

ג ע ש וווּ נ ג ע ן – פאר פון שווינגען.

ג ע ש ו ר ו ּ מ ע ן - פֿאר פֿון שווימען.

79 - געש

ג ע ש ו ו י ב ל - דאס, בא. (שנש) דאס דויערנדיקע שווייבלען.

1963 " אין געאייל צום וואכעדיקן טאג, צום גערשטנדיקן, ווייצעדיקן ברויט=געשווייבל, צו מעסטן אויפן מעסטל, וועגן אויף דער וואג". א. אויערבאך, 7, 130. 302

ג ע ש וו י ב ל ט - פֿאַר פֿון שוויבלען.

ג ע ש ו ר י ג ן - פאר פון שוויגן.

42,

82 - געש

311 געשווידער - דער, בא. "פלאפלעריי" קטוו.

44,

83 - געש

312 (?נ?) געשוויר - די, =ס. (שלש) שוויגער.

..........................................................

רעד: איך קארטל איז דא אן אנווייז אויף נ. פרילוצקין אבער אן מקור.

..........................................................

43,



ג ע ש וו י ט ש ע ר - דאָס, בא. דזוו געצוויטשער, צוויטשערייַ.

1961 " איר קול טראָגט זיך אין דער לופֿט, ווי דאָס געשוויטשער פֿון פֿייגל". ר. ינאית, פֿער 69, X/30. 13

□ |געשווײ| ג י ש ו ר יי א – די, =ען. שוועגערין.

1610 " אונ׳ אוב ניט ער ביגערט דער מאן צו נעמן זײַן

315 גישווײַיא אונ׳ זיא זאל גון דיא גישווײַיא צום טאר

צו דען עלצטן |...|". טײַטש=חומש, דברים, כה – ז.

1701 " |...| דער שוואגר גינג אויש אונ׳ איין בײַיא

317 זײַן גישווײַיא, אונ׳ ביזאך אלי טאג אוב זיא קײַין

מאנגל האט". מעשה=בוך, 2, מעשה כד.

46,

86 - געש

געשוויג — דאס, בא. (שנש) דאס דויערנדיקע שווייגן.

1934 " נאר מעג איינעם מישפטן דאס פינצטערע געשוויג // פון א משוגענעם |...|". מ.ל. האלפערן, 5, 22. 323

|1937-1939| " הינטער די שארבנס פון ביידנס געשוויג // האט יעדער געטראגן א שטייג // מיט ברייקע ווערטער". 324

סוצקעווער, 3, 152.

87 – ℓ

ג ע ש ר י י ס ט – פֿאַר פּוץ שווייסן.

47,



ג ע ש ו ו יי פּ ט - אדי. (טערמ, סטאלעריי). בנב.

1929 " וועק א געשווייפּטער קראַנשטייך (צייכ׳ 5

329 אָדער אַנדערע געשווייפּטע טיילן: שטיצעס, פֿאַרענטשן,

געשווייפּטע פּיסלעך צו שטולן, דאַרפֿן אויסגעפּירט ווערן

פֿון האלץ |...|". בערמאַן, 2, 14.

געשוויל - דאָס, =ן. דזוו געשווילעכץ/געשוויר.

1948 " |...| עפּעס קער די שאַנד מיט אים זיך אָן,// ווי ס'קער אַ קרעפּס=געשוויל זיך אָן אַ קערפּער". 330

מאַרקיש, 9, 56.

---

רעד: דאָ נאָך צוויי ציטאַטן, אַלע פֿון מאַרקישן. כ'בין אויך אַ וואָלינער, אָבער געהערט נאָר "געשווילעכץ". אגב, דאָ נאָך אַן אַנווייז אויף אַ פֿריִערדיקן באַניץ (אין "ברידער", 1929) אָבער אָן ציטאַטע".

מכתב־יד

49.



ג ע ש וו י ל ו נ ג - די, =ען. |מארק ווב 1292|.

דזוו געשווילעכץ.

ם

גשווילונג.

1737 " יככה ה׳ רש חפת - מיט גשווילונג".

מלמד שיח, דברים, כח - כב. |תי: מיט דער|. 338

(?נ?) ג ע ש ו ו י ל ט - דריטע פּערזאָן אצ פֿון געשוועלן.

ווערט געשוואָלן, אויפֿגעבלאָזן, אָנגעקוואָלן.

|1930–1926| " דער פֿרעמדער האָט נישט באַמערקט, ווי זײַן

332 שיפֿל וויגט זיך, |...| טראָגט זיך מיטן שטראָם, ווען

ס'וואַסער געשווילט, קאָן זיך אָנשלאָגן אָן די שטיינער,

וואָס רײַסן זיך פֿון וואַסער, ווי בערג". אפּאַטאָשו, 170,9.

1968 " אַ געניט אויג האָט געקענט זען, אַז דאָס געשווילט

343 מאָניע אַזוי". ב. דעמבלין, יזב 2, 656.

ם גישווילט.

1610 " |...| גלייך צו ביישונג דער שלאנגן דר מענש

340 מערקט עז ניט (פּתאום) געשווילט ער אונ' לויפֿט אויף".

טייטש=חומש, שמות, כב - כד, רש"י.

רעד: אפשר האט מען עס דווקא אַרויסגערעדט דעמאָלט"געשוועלט"?

ג ע ש ו ו י ל ן - ---← <ins>געשוועלן</ins> (געשוואָלן ווערן).

51,



ג ע ש וו י ל ע ך ! - |די?| , בא. (שלש) מילך |סטוטש 258|.

52,



(?נ?) ם | געשווילעך !!| ג י ש ו ו י ל י ך - דזוו געשווילעכץ.

352 1758 " השחפת - גישווילין". באר התורה, ויקרא, כו - 16.

רעד: דאס קארטל ווייזט ניט אן פון וועלכער אויס-
גאבע ס'איז אויסגעשריבן די ציטאטע, זעט אויס
פון א שפעטערדיקער.

ג ע ש ו י ל ע כ ץ - דאָס, =ן. קרענקלעכער אויפבלאָז

פֿון דער הויט אָדער געוועב אין אָרגאַניזם.

% ס'איז אויפגעלאָפן אַ געשווילעכץ. דאָס געשווילעכץ

אייטערט זיך. מ'דאַרף צולייגן אַ פּלאַסטער צום געשווילעכץ.

דאָס געשווילעכץ האָט געפּלאַצט, גייט אָפּ.

1805 "פֿון גרושה (=גרויסע) |...| מוזט איר האבן אלי די

רופאים וואש זאלן אייך פיקן אונ בלוט לאזן |...|".

איבז ספרא, 1.

1909 " זיך גוט איינדעקן פֿדי מען זאָל שוויצן, נאָך

דעם אויסשמירן, וועט באַלד דאָס געשווילעכץ אַוועקגיין". 357

שפּערלינג, 2, 54.

1922 " פֿאַרשוויצטע פּנימער האָבן זיך אַרויסגערויטלט,

ווי פֿון אַ געשווילעכץ". בערגעלסאָן, 6, 105. 371

1947 " די פּיס זייַנען געווען אָנגעלאָפֿן מיט א גרוי
וואסער=געשווילעכץ". שפּיגל, 1, 47. 374

□ גישווילכט/גישווילכשט/גישווילך.

1723 " מאן זאגט אך דאש דיזר שטיין איז זייער גוט
אונ' היילט אלי וויא טאג אודר גישווילכטש אן 360
מענשן לייב". בית ישראל, דף ט/ד.

1739 " דז ניידן דעם מענשענס איזט וויא איינה קראנקהייט
צום לייב אונ' ציהט נאך זיך גשווילכט". 354
ס' מבחר הפנינים, דף נ"א - ז.

ג ע ש ו ר י ם - דאָס/דער, בא. (שנש) דאָס דויערנדיקע שווימען אָדער דאָס שווימען פֿון אַ סך.

1945 - 1947 "[...] און דעם בײַם געשווים פֿון דער שלומיקער באַוועגונג [...]".

סוצקעווער, 3, 498.

געשווינד – 1. אדוו, קאמפּ געשווינדער/(זן)

געשווינטער. איך א (במשך פּון) א קורצער צייט, ניט
דויערנדיק, ניט לאנג; גיך. % גיין/לויפֿן
געשווינד. ארבעטן געשווינד. ער טוט אלץ געשווינד,
איילנדיק. מאך עס א ביסל געשווינדער, כ'האב קיין
צייט ניט צוווארטן.

" און געשווינד ווי די פֿאסט // האט זיך מיין
426 וואלף צעלאזט". עטינגער, 3, 116.

1836 " דארום מוז מען אויך געבן דעם קינד די ברוסט
533 ווי צום געשווינדעסטן באלד נאך דעם געבורט".
בערלאנט, 1, 31.

1888 " הערשעלעס יוגנט איז פֿארגאנגען געשווינד,
401 אפּגעבליט גיך און ער איז קינדווייז נאך געווארן
א קליין יידל". מענדעלע, 3, 32.

1919 " א ווינט קומט אן און קנייטשט דאס שטאף פון
וואסער // און יאגט <u>געשווינד</u> אין העלן וואלד ארייַן". 526
<u>האפשטיין, 1, 23.</u>

1946 " מאכט עס <u>געשווינטער,</u> איידער מען קומט אַרייַן".
<u>אש, 15, 21.</u> 572

2. <u>אדי(זן)</u> . וואס קומט פאר(געשעט, ווערט געטאן) אין א
קורצער צייַט; גיך. ~~געשווינדער/געשווינטער (זן).~~

1885 " דער אפריקאנישער בופל, זייַן אנזען |=אויסזען|
איז זייער ווילד.|...| זייַן <u>געשווינטער</u> לויף און 505
זייַן צארן ברענגט אים מיט זיך אנצופאנגען מיט די
שטארקסטע טירן |=חיות|". <u>אנ. דער פראצעס, 1, 50.</u>

1919 " איבערן גאנצן קערפער איז אים דורכגעלאפן א
<u>געשווינטער</u> און קאלטער שוידער". <u>בערגעלסאן, 2, 45.</u> 313

3. פלינק, רירעוודיק (וועגן א מענטשן) |<u>ראכקינד</u>|.

|| געשווינדהייט - די, =ן. (דטשמ) דזוו געשווינדקייט.

געשווינדיקייט - די, =ן. (עלט) דזוו געשווינדקייט.

1836 " צו מאכין אין דער גישווינדיקייט גוטן ווייך
540 עסיק. מען זאל נעמען איין (צוויקיל) דאש איז איין
בוראק, ווארף עש אריין אין ווייך ווע[ש]ט איך צוויי
שעה האבן גאנץ גוטין עסיק". אנ, המאסף |...|, 1, 69.

1871 " |...| דאָך |...| געמאַכט |דאָס דאַוונען| ווי אַ מעלער,
564 // פֿאַר געשווינדיקייט נישט געהערט די פֿעלער".
רוף, 2, 19.

1936 " איך אַ וואָג און אַ געוויכט האָט ער געמאַכט
559 צום ווינט איי |=איידער| דער ווינט וועט טאָן זײַן
שליחות מיט געשווינדיקייט |...| כדי ניט מחריבֿ צו
זײַן די וועלט". מחזור, 5, 140.

געשווינדקייט - די, =ן. אייגנקייט פון פארקומען ׃

(געשען, געטאן ווערן). % געשווינדקייט פון באוועגונג.

געשווינדקייט פון ליכט, פון קלאנג. דער אויטא פארט

מיט א געשווינדקייט פון 80 ק"מ א שעה.

1911 " פאר פערזאנען=צוגן איז פעסטגעשטעלט געווארן

א מעגלעכע געשווינדקייט פון 100 קמ א שטונדע". 555

איבן פייגנבוים, 2, 551 |?|.

1923 " די געשווינדקייט פאראייניקט צוויי אזוי

פארשיידענע באגריפן ווי שטאף און ענערגיע". 573

גוטנבוים, 1, 76.

1957 " ס'ווערט אפגעטאן מיט מענטשישער געשווינדקייט

// אלץ וואס מען דארף, לויט לאנג געשטעלטן סדר". קאנק

לעיעלעס, 5, 208.

17 פּפּ: געשווינט ווי דער ווינט - זייער צעשווינד.

געשווינד ווי א גנב - דזוו דפוו.

געשווינד ווי א האז - דזוו דפוו.

בליץ געשווינד - אויסערגעוויינטלעך גיך.

סטראַק געשווינד - זייער גיך.

גיך (און) געשווינד - אפט געניצט ווערטער-פּארל.

1864 " אַ קעגן מיר לויפט איינער מיט אַ פּעקל גיך און
קאנק ~~און~~ געשווינד". מענדעלע, 12, 100.

1907 " מיר לאָזן זיך גיך און געשווינד באַרג=אַראָפּ צו
קאנק זײַן חבר פּיני". שלום=עליכם, 8א, 125.

61,



שוו: גיב דעם רשע צו טרינקען פון זיינע זינד, וועט ער אוועק פון דער וועלט געשווינד.

געשווינד איז נאר גוט פליי צו כאפן - שפאטיש ווען עמעצן אײַלט זיך אומנייטיק; אז ~~ובט~~ אײַלן זיך צו פיל טויג ניט

גישווינד/גישווינט.

1. ←---

1544 " דוד אונ' די זיינן זוכטן גאר גישווינד. // איר ווייבר אונ' איר קינד אונ' אל איר גיזינדא". 524

שמואל=בוך, סטראפע 749.

1648 " מיר זאמלטן זיך צו אנגדר גאר גישווינד // פאר דער בוקנומר פפארטן". מגילת ווינץ, ז' 38. 386

1748 " ווער דא וויל דען (שכר) האבן פון (תהלים)

390 דער מוז עז רעכט זאגן ניט געווינט, לאנ צום ווארט
פאר ווארט". סידור תפילות II, דף סח - 1.

2. ---->

... " עש ווערט צום ערשטן זיין גאר איין גרושר ווינט.//+
571 ער מוכט איין ועלזן צו ריישן אזו גאר אישט ער
גישווינט". מלכים=בוך. סטראפע 884.

1700 " דער פֿפֿאף וואר גאר איין גישווינדר פרידיגר".
שבט יהודה, דף כט/2.

|| געשווינדיקייט.

1716 " אונ׳ ארבייט איך זיין לאנד מיט גרוש פלייס
557 אונ׳ גישווינדיקייט". חובות הלבבות, 1, דף לד - 2.

1764 " אונ׳ דר פומפיוס וואר זיך זער דר שרעקן איבר

די שטארקייט פון די יהודים אונ׳ איבר איר <u>גשווינדיקייט</u>". 560

<u>יוסיפון, 5, דף ס"א - ד.</u>

~~/7 שור: [illegible]~~

<u>/7 שור:</u>

1766 " <u>גשווינד איז ניט פאר איין קינד</u>". <u>אבן ישראל.</u>

<u>דף י"א - 1.</u> 405

66.

106 - געש

(?נ?) ג ע ש ו י נ ד ל - דאס, בא. דאס דויענדיקע

537 שוויגדלען (באַוועגונג). % "גיהנום=געשווינדל" קטורה.

רעד: חוץ דעם זוכוואָרט און בײַשפּיל, מער קיין זאַך ניטאָ אויפֿן קאַרטל. דער אויסטײַטש מײַנער.

ג ע ש ו ו י נ ד ל ט – פֿאַר פֿון שווינדלען.

64,

108 - געש

(?נ?) ם|געשווינדן[I]| ג י ש ו י נ ד ן/ג ש ו י נ ד ן - אוטור.

פארגיין, אויסענדיקן זיך.

מה"ד: .Geswinden

... " בעטוף - זו גשווינדט, כמ׳ העטופים ברעב".

רייכלין 8, תהילים, סא - ג. 544

[illegible] 1544 " דיא היידן אל גימיינן מאכטן זיך הר צו.

// שטרייט ווש גישווינדן אן אייבם מורגן ורוא". א/570

שמואל=בוך, סטראפע 70.

(?נ?) ם|געשווינדן |!!| ג י ש ו ו י נ ד ן - אדוו.

געשווינד, גיך.

1544 " ער |יהונתן| שוש גישווינדן דרייא פפייל

אז איך זאגן וויל.// גיגן דעם הולך שטיין ווייט אויבר 507

דש ציל". שמואל=בוך, סטראפע 507.

1541 " דיא גאנץ נאכט טעט זי ניט קיין שלאף //

מורגנש בור זי אויף גר גשווינדן". בבא=בוך, 546

סטראפע 482.

1764 " דא לויפט דר מאן אלזו גשווינדן היך אונ'

ווידר איין צי שאר פון די רומאים". יוסיפון, 5, דף קח-!!. 545

ג ע ש וו י ס ט ע ר - |די?| זאמל=נאמען פאר שוועסטער
בכלל.

1936 " |...| שיינע ריידעלעך צו די 'ברידער און
געשוויסטער'". נאדיר, 10, 99. 576

1971 " |...| צו געדענקען דאס אלץ, וואס עס האבן
מיטגעמאכט אונדזערע טייערע קרובים און געשוויסטער, 574
וויפל זיי האבן געליטן |...|". יזב 7, 11.

ג ע ש ו ר י צ ט - פֿאַר פֿון שוויצן.

ג ע ש ו י ר - דאָס/דער, =ן. 1. אײטערנדיקע אָנצינדונג פֿון געװיסן געװעב אין/אױפֿן קערפּער; מכּה; (מעד) אַבסצעס. % מאַגן=געשוויר (אולקוס).

עס ציט אים אַן אַ געשװיר. דאָס געשװיר האָט געפּלאַצט. צולײגן אַ פּלאַסטער צום געשװיר.

1850 " צו אײַך גשװיר אין האלז צו נעמין די זאַפּט פֿון ציבליס און די זאַפּט פֿון רוטה און מושין מיט האניק און דאס גשװיר דער מיט שמירין". אנ, תעלה ארוכה. 589

1888 " מיט דעם דאָקטאָרס װײַ=געבן זיך אין קאַבצאַנסק האָט, װי קראָפּעװע נאָך דעם ערשטן זומער=רעגן, אַרױסגעשפּראָצט מיט אַ מאָל שלאַפֿקײטן אַלערלײ, אַן אַ צאָל: ספּאַזמעס, בױכװײטיק, |...| מכּות, געשװירן |...|". קאַנק

מענדעלע, 3, 26.

1934 "|...| אַ בראַנדיקער געשוויר, וואָס פרעסט מיר
603 אויף מײַן אינגעווייד |...|". מ.ל. האַלפּערן, 5, 90.

1940 "|...| די האַק פון הענקער // זאָל וואָס גיכער
591 עפּענען אָט דעם געשוויר". קושניראָוו, 5, 47.

2. (פּיג. שלש) שוויגער.

1875 "האָט אים האָווירט ווי איינע בייזע געשוויר".
607 דיק, 78, 21.

/7 פּאַסן צו אַ געשוויר צוצולייגן - (איר) וועגן עמעצן וואָס איז זייער נאָכגיביק, ווייכלײַביק.

ס'איז זיך ניט צוצורירן, ווי צו אַ געשוויר - (איר) וועגן עמעצן וואָס באַליידיקט זיך פון אַ ליאַדע וואָס, וואָס פאַרטראָגט ניט די מינדסטע קריטיק, וועגן אַ בעל=כּעסן.

70.

114 - געש

ס'איז נייטיק ווי א געשוויר אין האלדז (אונטערן ארעם א"א) — ווענן אן אומנייטיקער און שעדלעכער זאך.

אנזעצן זיך ווי א געשוויר - ~~ווענן עמעצן וואס~~ נודיעט, 13 [illegible] ~~דערגייט די יארן.~~ 13 [illegible]

גלעטן ווי א געשוויר - חנפענען.

שו"ע: יעדער געשוויר האט זיין קאליר - א) יעדער קראנקייט איז אנדערש. ב) יעדער צרה איז אנדערש.

א געשוויר בלאזט זיך (וואר: איז אנגעבלאזן) - ווענן א בעל=גאווה, א גרויסהאלטער. איידער דער געשוויר פלאצט, איז ער ביי זיך אנגעצויגן (וואר: אנגעבלאזן) דזוו דפוו.

א געשוויר ביי יענעם אונטערן אָרעם טוט ניט וויי -
די צרות פון אַנדערע גייען ניט אָן, אַרן ניט אַזוי
ווי אייגענע.

קללות: א געשוויר זאָל זיך אים זעצן (שטעלן, רייסן).
א געשוויר אים אין בויך (וואר: אין קאָפּ, אין דער לעבער,
אויף דער שפּיץ צונג, אויפן הינטן) .

מיר א ברויט, דיר א ברויט, מיר אַן עפּעלע, דיר א
געשוויר אין קעפּעלע - שפּאַסיקע קינדערשע קללה.

ם
גישוויר.

1676 " |...| אונ׳ די גלידר ווערדן אים שוואך אונ׳
דער לייב שלאגט אים אויז אונ׳ ווערט גריציג אונ׳ 590
ביקומט גשוויר". ברנט שפיגל, פרק מ׳.

72,



1728 " איז דער שתן דיק |...| איז ער אונטן גשוואליין

593 אודר האט איין גישוויר אין לייב |...|".

סגולות ורפואות, דף יח - !!.

73,

117 - געש

(?נ?) ם|געשווירבלט| ג י ש וו י ר ב ל ט - פֿאר פֿון שווירבלען

(ווירבלען, דרייען זיך).

74.

118



ג ע ש וו י ר ן – אוטוו. (דיאל?) געשוואַלן ווערן.

1974 " חנהלעס הויט איז צעביסן פֿון דעם אומפּלייט,

625 פֿון קראַצן זיך געשווירט איר לײַב". עלבערג, 2, 125.

ג ע ש ו ר י ש ט ש ע ט  –  פֿאר פֿון שווישטשען.

גע שוו י ש ט ש ע ר יי — דאָס, =ען. |האַרקאָווי|.

דאָס דויערנדיקע שווישטשען אָדער דאָס שווישטשען פֿון אַ סך (מענטשן, פֿייגל).

75.

120 - גײַ

ג ע ש וו ע ב - דאָס/דער, באַ. דאָס דויערנדיקע שוועבן

אָדער דאָס שוועבן פֿון אַ סך.

1909 " אין דער שטוב האָט זיך ממש געהערט דאָס שטומע

628 גע<u>שוועב</u> פֿון מלאכים". <u>וויעוויאַרקאַ, 1, 63.</u>

[illegible]

1941-1944 „דער פֿערמעדער ווי די ביינערדיקע שלומדע באַוועגט זײַן שלאָגל, // זײַן וווּנדערשטעלטן שוועבן נאָך זײַן שטאָרמישן <u>געשוועב</u>".

<u>סוצקעווער, 3, 369.</u>

1960 " אין וואַלקן=<u>געשוועב</u> פֿון ווײַסע בערד איבער

627 פֿאַרבאַרגענע ספֿערעס |...|". <u>פֿרידמאַן, 2, 86.</u>

ג ע ש ו ר ע ב ט - פאר פון שוועבן.

ג ע ש ו ו ע ב ל ט - פאר פון שוועבלען |הארקאווי|.

ג ע ש ו ר ע כ ט I – פאר פון [illegible] שווערכן (אפשוואכן).

:76,



פֿאַ פֿון שווערן,

(?נ?) ם | געשוועכט !! | ג י ש ו ע כ ט — ~~2 אדי/אדוו.~~

~~געשענדט, פֿארשוועכט.~~

1661 " אונ' מיר וועלן ניט מין | מיין, מער | זעהן אונזרי

עלטרן דש זיא אום גיצוגן ווערדן בייא אירן בערטן 629

אונ' דאש אונזרי ווייבר אונ' אונזרי טעכטר גישוועכט

ווערן פֿר אונש". יוסיפון, 2, דף שס - 2.

125 -

ג ע ש ו ו ע כ ט !!! – פֿאר פון שוועכן (טרינקען) [האַרקאַווי].

77,

126 - געש

ג ע ש ו ו ע́ ל - דאס, =ן. |סטוטש 420|. דזוו געשווילעכץ.

127 - [illegible]

ג ע ש וו ע ל ט – פאר פון שוועלן* |הארקאווי|.

ג ע ש וו ע ל ן – אוטוו. (עלט?) געשוואַלן ווערן.

1864 " |...| האַלט זיך פֿאַר אַ שטיקל בעל=הבית, ער מעג
קאנק זיך כאַטש געשוועלן פֿאַר הונגער". מענדעלע, 12, 147.

1887 " האָט ער איר גענומען, מיראַן גוטמאַן, און ערשט
632 זיצט ער מיט איר אין צאפ |?| און געשוועלט פֿאַר
הונגער". פּער 74, נ' 28, ז' 439.

1941 " |...| גאָט וועט מאַכן אָנועקפֿאַלן דייַן דיך,
און געשוועלן דייַן בויך". תרגום יהואש,
במדבר, ה – 21.

2. (שלש) געפֿעלן.

|אָנהייב XIX| "טאַטע=פֿאַטער אין הימל, ווי לאַזט מען
633 אזוינעם אין א יידיש הויז אריין! עס געשוועלט
אים נישט, וואס אונדזערע מנהגים זענען ווידער דעם דין".
אַנ, געגנאַרטע וועלט, 2, 59.

1881 " וואָלט איר נאָר זען, ווי ער באַטראַכט אייך

634 דאָס שטיקל פֿלייש, |...| קיין זאַך געשוועלט אים

ניט" שאַצקעס, 1, 22.

1968 " פֿון וואַנען האָט ער אין פּאַרויס געוווּסט, אַז

דאָס עסן וועט אים ניט געשוועלן?". גראַדע, 7, 203.

□ גשוועלן.

... " צבה - גשוולן |...| ל' נפיחה". רייכלין 8,

638 במדבר ה - כא.

1630-1625 - דער גאַשט קאַן אין דער אייל ניקש זאָגן

636 // פֿאַר הונגר גישוועלט אים דער מאַגן".

בשרייבונג פֿון אשכנז |...|.

ג ע ש וו ע נ ג ע ר ט – פֿאַר פֿון שוועגערן, |סטוטש|.

ג ע ש ו ר י ע נ ט ש ע ט/ג ע ש ו ר ע נ צ י ע ן -

פֿאר פֿון שוויענטשען/שוויענציען |הארקאווי| .

ג ע ש וו ע ב צ ל ט - פאר פון שוועבצלען.

ג ע ש וו ע נ ק ט - פאַר פֿון שוועבקען.

80.



(?ג?) ם |געשוועסטערונג| ג י ש ו ו י ס ט ר ו נ ג - די, בא.

קרובהשאפט=באציונג צווישן שוועסטער, אויך צווישן ברידער און שוועסטער.

1711 " ער איזט דר איינציגר רעכטר זון פון זיינם פאטר און האט אויך ווייטר קיין גישוויסטרונג מער". א/640

מעשה של ירושלמי, דף ב/2.

1798 " און איר גשוועסרינג זאל אייביג זיין דורך אנגדר און זאלן פאלגן אייגם דעם אנדרן". תחנות ובקשות, 661

דף טו/ב |איבערדרוק, 1858, ווילנע|.

געשוועסטערט - אדי/אדוו. (שנש) נאָענט, קרובֿיש, געבונדן ווי שוועסטער (און ברידער).

1923 " מיר זיינען די ערשט) אין פֿאַלדן פֿון ווינטן,// מיט וויכערס געבונדן, מיט כוואַליעס געשוועסטערט, // געברודערט מיט שטורעם". האָפּשטיין, 2א, 22. 644

1928 " |...| און מיט עקל און האַס געשוועסטערט". פֿײַנבערג, 1, 81. 643

... " אַ מענטש אַ צווייטנס צער דערפֿילט,// וויל זײַן געברודערט און געשוועסטערט |...|". ליוויק. 642

רעד: פֿון וועלכער זאַמלונג? אויפֿן קאַרטל שטייט: 1941.

82. 6

137 - געש

(?נ?) ם |געשוועסעריק| ג י ש ו ו י ס ט ר י ג - אדי/אדוו.

אין קרובישאפט צווישן שוועסטער אדער ברידער און שוועסטער.

1717 " אונ' אז עז נון טאג וואר דא זאבן |=זעען| זיא זיך אן אנגדר אן |דער בחור מיטן מיידל| אונ' דר קענטן דש זיא גישוויסטריג ווארן אונ' הובן אן צו וויינן". צאינה=וראינה, 3, דף קע"א - 1. 645

געשוועסטערקינד — דאס, =ער, פֿפֿ שוועסטערקינד.

אַ קינד פֿון עלטערנס שוועסטער און ברידער; קוזין(קע).

% ער קער זיך אָן מיט מיר אַ לײַבלעך געשוועסטערקינד—

ער איז מײַן מוטערס ברודערס אַ זון.

|אַנהייב XIX| " זי העט מיר דא נאך צען מאל איר ייחוס

649 אויסגערעכנט, ווי אזוי דער פּויזנער מגיד האט

אנגעקערט איר א געשוועסטערקינד". עטינגער, 3, 301.

1913 " איצט |...| גייט זי שוין אָפּט צו איר היגער

656 געשוועסטערקינד". בערגעלסאָן, 11, 11.

1936 " |...| אַ וואַרשעווער נגיד און אַ געשוועסטערקינדל

660 פֿון ר' ישיע פּריוועס". טרונק, 5, 88.

◻ גישוויסטר קינד.

1697 " דער הונט שלאגר איז גיוועזן מיט מיר גישוויסטרקינד

646 |...|". ס' משלים, דף לו' — !!.

(גלט)

ג ע ש ו ו ע ץ - דאָס/דער, ב א. 1. פּלוידערײַ, פּלאַפּלערײַ, פּוסטע/נאַרישע רייד.

1870 " ווער עס האָט נאָר עפּעס געשמאַק, קען שוין נישט איבערטראָגן דאָס געשוועץ, דעם ליאַרעם, די אומאָרדענונג". 666
צעדערבוים 1, 30.

1975 " יעדער שד מיט זײַן געשפּעט. יעדער לץ מיט זײַן געשוועץ". באַשעוויס, 6, 10. קאנק

ם גישוועץ.

1. <----

1661 "איר האבט אין איירעם בריף גאר צו פיל ווארט אונ' איבריג גישוועץ גשריבן". יוסיפון, 2, דף סא - 2. 663

1716 " אירי הערצר איז פול פון דיא ליבשאפט צו גאט,
664 אונ׳ אין דיא מענשנש ריד פינדן זיא קיין לושט,
אונ׳ פון איר גישוועץ האבן זיא קיין הנאה".
<u>חובות הלבבות, דף קנט - 1.</u>

2. רכילות, לשון=הרע.

1610 " אונ׳ דרום דז דיזי זאכן |ווי צרעת| קומן אום
665 וועגן גישוועץ דאש לשון הרע|...|". <u>טייטש =חומש</u>,
<u>ויקרא, יד - ד.</u>

1722 " וועז דוא ניט ווערשט גלושטן אום רעכט ווערשטו
667 אויף דיין גזעלין קיין פאלש עדות זאגין אונ׳
ווערשט קיין גישוועץ איבר ברענגן". <u>מנורת המאור</u>,
<u>דף ר״א/ב.</u>

ג ע ש ו ו ע ר – דאס, =ן. (עלט) דזוו געשוויר.

1872 " איין געשווער קומט אום איין זיין האלדז און ער דערווערגט זיך". צאינה וראינה, 3, פרשה נשא. 669

גישווער.

1717 " דא מאכט הקב"ה דש איין וואשר אודר איין גישווער קומט אים אין זיין האלז אונ' ער דער ווערגט זיך". צאינה וראינה, 2, דף קה – !!!. 668

רעד: די אויסגאבע 1872 איז, זעט מען קלאר, אן איבערדרוק פון 1717, דער אויסלייג איז מאדערניזירט (דורכן אויסשרייבער?).

געשוועֶרט - 1. פֿאַר פֿון שווערן (שנש, שווער מאַכן, דריקן).

2. שוואַך, אָפּגעשוואַכט; באַשוועַרט. % זײַן געשוועַרט אין זכּרון, אין דער ראיה.

1888 " האָ, וואָס האָב איך געוואָלט? דאָס געדעכטעניש איז מיר אויף דער עלטער, ניט פֿאַר דיר געדאַכט, אַ ביסל געשוועכט. וואָס בײַ מיר איך איין אויער אַרײַן, גייט פֿונעם אַנדערן אַרויס - יאָ, זיך דערמאָנט!|...|". מענדעלע, 3, 224. קאַנק

▫ גישווערט.

3. שווער (שטאַרק). ← [איך כּין ניט מספּים, ג[...]]

1716 " (ותכבד) אונ' די וואר גישווערט אונ' גישטערקט די האַנט פֿון דעם יזינד יוסף |...|". ס' המגיד, 3, שופטים, א - לה. 670

88.

142 - געש

(?נ?) ם |געשווערצט| ג י ש וו ע ר צ ט - פֿינצטער, שוואַרץ (געוואָרן).

... " קודר - גשווירצט, כמו קדרו השמים (ירמיה ד -כח),
677 ל׳ שחרורית". רייכלין 8, איוב, ל - כח.

1696 " ווארום גישווערצט זאל איך גייך איך ביצווינקנוס
1/677 דיש פיינד". |סידור| תפלה למשה, תהלים, מג - ב.

| תי: למה קודר אתהלך - פֿאַר וואָס מוז איך פֿינצטער אומגיין|.

89,

143 - געש

ג ע ש ו ט ע ט - אַדי/אַדוו. (לאַקל(?), ראַסייִך)

אײַנגעקאָכט אויף אַ ספּעציעלן אופֿן (זען ציטאַטע).

1947 " געשוטעטע בולוועס - קאַרטאָפֿל גוט אײַנגעקאָכט 682

אין אַ צוגעדעקטן כּלי, מיט זאַלץ, פֿעפֿער און ~~ב~~ ציבעלע,

ביז דאָס וואַסער ווערט אויסגעקאָכט און די פּאַרע

שפּאַלט די קאַרטאָפֿל". ל. פֿײַנבערג, פֿער 90, VII, ז' 70.

1947 " געשוטעטע הערינג - הערינג גוט אײַנגעקאָכט מיט 683

פֿעפֿער און ציבעלע". דצוו.

ג ע ש ו י ד ע ר ט - פֿאר פֿון שוידערן.

90,



געשו́ים - דאס/דער, בא. (שנש) דאס דויערנדיקע שוימען.

1921 " גאר ווייט אויפן ים איז געלעגן // פון שיף א געשוים און א רויך". סעגאלאוויטש, 6, 104. 686

גע שו י מ ט - פֿאַר פֿון שוימען.

ג ע ש ו י נ ט - פאר פון שוינען.

(?נ?) ס|געשויען| ג י ש ו י א ן - טרוו. זען, אַנקוקן.

|XV| י"ה| " ער קונט עס ניט גישויאַן ער ווש בור

בלינדט באלד // אכט אונ׳ נויינציק יאר וואש דער 689

כוהן גדול אלט". שמואל=בוך, סטראפע 83.

(?נ?) ם |געשו́יץ| ג י ש ו י צ א - בנב.

1610 " אונ׳ ער |דער מלאך| גינג פון הינטר זיא, צו זיין

שיידן צווישן שאר מצרים אונ׳ צווישן שאר ישראל 690

אונ׳ צו אנ|ט|פפ̄נגן די פפ̄יילן אונ׳ דיא גישויצא

פון מצרים". טיַטש=חומש, שמות (רשי), יד - יט.

ג ע ש ו י ר ן - פֿאַר פֿון שערן.

151 געש-

ג ע ש ו כ ט - פֿאר פֿון שוכן.

1. (אַנטאָן אין שיך, געבן שיך).

2. אדי/אדוו. אַנגעטאָן אין אַ שוך(שיך).

% זיי גייען געשוכט אין הויכע שטיוול.

1920 " |...| איין פוס געשוכט, דער צווייטער באַרוועס".

לייוויק, 7, 162. 699

ג ע ש ו ל ט  –  1. פאר פון שולן (לערנען, אינסטרוירן).

2. אדי/אדוו. גענײט, טרענירט, באהאוונט.

1945 "|...| איך פלוס און אפפלוסן פון זינד נאך ניט געשולט, // געווען דאס אויג אין בלענדיק |...|". 701

האלקין, 3, 132.

1958 " זייער פארעם |פון פערל| וואס רונדער, אלץ בעסער; די פגימות ווי א בראדעווקע אדער א פליאמע, וואס נאר א געשולט אויג קאן באמערקן". ח. יאפע, פער 68, ~~יזו~~ /13.

1968 " זי איז א גוט ווייב, א געשולטע בעל=הביתטע, א געטרייע חברטע". א. פערעל, יזב 2, 566.

153 -

ג ע ש ו ר מ ע ט - פאר פון שומען, |הארקאווי|.

ג ע ש ו נ ד ן - פאר פון שינדן.

ג ע ש ו ס ט ע ר ט - פאר פון שוסטערן, |הארקאווי|.

(?נ?) ם|געשוף| ג י ש ו י ף - דאס. באַשעפעניש, שאַפונג.

... " דא דער גויט מרדכי זיין ורוימן גישויף".

מגילה=ליד, ש' 1146. 711

רעד: דעם אויסטייטש גיב איך לויטן קאַרטל.

96,

157 - געש

(?נ?) ם |געשופּד|ג ש ו פ ד א - דאס. פּאַרעם, צורה, אויסזען.

... " וצלם אנפוהי - און דש גשופדא, ל' וצורת

א/711 פּנין". רייכלין 8, דניאל, ג - יט.

ג ע ש ו פּ ט (ז י ך) – פֿאַר פּוץ שופּן (זיך),
|האַרקאָווי|.

159 -

ג ע ש ו פֿ ל ט - פֿאַר פֿון שופּל(י)ען.

ג ע ש ו ר ה ט |געשורעט| – אדי/אדוו. אויסגעשטעלט/ אויסגעלייגט אין שורות. % די תלמידים שטייען געשורהט צו צוויי אין אַ שורה.

1937 " |...| געשפּרונגען איבער די בערגלעך און גריבלעך וואָס אויפֿן וועג, אין מיטן פֿוןביידע זייטן 713 געשורהטע כאַטקעס". פּוכאַלסקי, 1, 11.

98.



ג ע ש ו ר ש (ע) - דאס, בא. (שבש) דאָס דויערנדיקע שורשען.

1954 " נאַר אַ הייזעריקער עכאָ, ווי דאָס געשורש פון אַ פאַלנדיקן קוסט". מ. מאַן, פער 38, נ' 20, ז' 319.

714

ג ע ש ו ר ש ע ט - פֿאַר פֿון שורשען.

ג ע ש ו ש ק ע - דאָס, באַ. דאָס דויערנדיקע שושקען (זיך) אָדער דאָס שושקען (זיך) פֿון אַ סך.

1966 " |...| אַ שדים=געשושקע". מ.מ. שאַפּיר, 2, 6. 717

|| געשושקעריַי - דאָס, באַ. דזוו דפּוו.

1864 " |...| האָט צו ווײַלן מיט זיי געטרעסעט, ווי מיט אַ לולב, אויך אַ געשושקעריַי פֿון עטלעכע איבער-געבליבענע דאַרע בלאַטלעך ערגעץ דאָרטן |...|". קאנק

מענדעלע, 12, 43.

ג ע ש ו ש ק ע ט – פֿאַר פֿון שושקען (זיך).

102,

165 געש-

|געשטאָבער| ג י ש ט ו ב ר – דער, געלויף, אויפֿגעלאָף.  (?נ?)

1541 " דא ואנדן זי גלייך |איך?| גרוב אורייאן //

1161 דעם וואר עש ניט וואל ביגליקן // זי רענטן אויף

איך מיט איינם גרושן גישטובר // מקאברון דער שטאק

איך אובר אונ׳ אובר". בבא=בוך, 410, 4 - 8.

ג ע ש ט אַ ט ן ~~(ל א ז ן)~~ - טרוּ (עלט) דערלאָזן,

דערלויבן |ל 2|.

ם
גישטטן.

1595 " רו"ט זיין ממונה דרויף דז זי קיין שידוך
זאלין גישטטן, דער זיינר טאכטר גיבט אונטר מאה 723
וחצי, אם לא זי זיין היא וואל פור חוקר ודורש
דז ער דר קהילה ניט צו שאד ווער". קראָקעווער קהילה=
תקנות.

(?נ?) ג ע ש ט א ַ כ ן - פֿאַר פֿון שטעכן.

(?נ?) 7 געשטאָכענע געלט - (עלט)" רובלס און האַלבע רובלס פֿון אַ פֿאַרעלטערטער טשעקאַנקע, וועלכע האָבן במקום קאַרבן אַרום געהאַט קליינע שטאָכן" |קטוו|.

געשטאָכענע דוקאַטן-| סטוטש 411| , אַמאַליקע גאַלדענע מטבעות מיט לעכלעך אַ־יִן מיטן.

געשטאָכענע קאָרטן - קאָרטן וואָס אַ שווינדלער=קאָרטן=שפּילער האָט געמערקט מיט קוים אָנזעעוודיקע שטאָכן, כּדי אָפּצונאַרן דעם פּאַרטנער.

1967 " |...| אָוועקשטעלן בײַ מיר אַ טישל מיט אַ פֿליצע |?| איך בלאָט אַריינצולייגן דאָרט געשטאָכענע קאָרטן און רופֿן געלטיקע מענטשן זיי צו באַאַרבעטן אין ראָמס". 735

קאַרפּינאָוויטש, 1.

ג ע ש ט א כ ע ר ט - פאר פון שטאכערן הארקאווי.

געשטאַלט - דאָס/די, =ן. 1. פּאַרעם, אויסזען, אַנבליק. % אין דער געשטאַלט פֿון עפּעס/עמעצן. ענדערן, בייטן, אַננעמען די געשטאַלט פֿון עפּעס/עמעצן. דרויסנדיקע געשטאַלט. ווארעמקייט איז איינע פֿון די געשטאַלטן פֿון ענערגיע.

1805 " |...| ווערט געגעבן |דורך די תנועות הגלגלים| איין אן ברייטונג צו אלי בשעפניש דש זיא אן נעמין אונ פר ענדרין זיך פון איין גשטאלט צום אנדרין גשטאלט". 946
איבן פאוויר, דף כח - 2.

1873 " מיר געפינען אין די היסטאַריע=ביכער, אז סעמיראַמידע, די קעניגין פֿון בבל, האַט אויף דער עלטער אַנגענומען קאנק
דאָס געשטאַלט פֿון אַ טויב". מענדעלע, 1, קאנק 46340.

1900 " אונדזער שולהויף האַט צוויי געשטאַלטן: אין דער וואָכן איז ער אַנדערש, שבת און יום=טוב - 848
ווידער אַנדערש". שלום=עליכם, 72, 21.

1920 " און גאט האט געפארעמט דעם מענטשן לויט זיין
געשטאלט, נאך זיין אפבילד האט ער אים געשאפן". 918
אייגהארן, 6, 32.

1944 " שבעלע האט |...| געשמעקט בשמים פון זיין גרויסער
זילבערנער בשמים=ביקס |...| אין דעם געשטאלט פון קאנק
אן אלטן גאטישן טורעם מיט גראווירן און גלעקלעך".
טרונק, 3, 192.

2. פיגור, סילועט (ס'רוב פון א מענטשן). % שיינע
(גראציעזע, שלאנקע) געשטאלט. הויכע (נידעריקע,
ברייטפּלייציקע) געשטאלט. מאנצבילישע, ווייבערשע
געשטאלט. פון דער ווייטן באווייזט זיך א מאדנע
געשטאלט.

1864 " עס האט תמיד פאר מיר זיך אויסגעמאלט איר פנים
איר געשטאלט". מענדעלע, 12, 100. קאנק

1912 " אַ גרויסער טייל פֿון דעם מין מענטשן |...|

826 קאָן זיך ניט באַפֿרידיקן מיט די אידעאַלן פֿון אמת,

יושר, שיינקייט |...| אין זייער וואָכעדיקער, טאָג-

טעגלעכער געשטאַלט". זשיטלאָווסקי, 2, 175.

1938 " |...| די געשטאַלט ביילט די פּוסטן, זי זינגט".

744 מאַנגער, 1, 105.

1963 " וואָס קאָן זיין בעסער ווי צו זיצן אַ נאַקעטע

831 דאָ |...| און צו באַשויען די אייגענע געשטאַלט".

באַשעוויס, 4, 124.

3. פּערזאָן, פּערזענלעכקייט. % די געשטאַלט פֿון פּרצן

איז געווען אַ וועגווייזער פֿאַר דורות ייִדישע

שרייבער.

1940 " די גראַנדיעזע געשטאַלט פֿון דעם וועלט=מחוקק

764 שטייט אויף פֿון דער באַהאַלטנקייט". קאַראַלניק, 2, 33.

1960 " דאָס געשטאַלט מענדעלע אין געווען אַ געשטאַלט
פֿון גייסטיקער גבֿורה, |...|". גלאַטשטיין, 2, 15. 908

1967 " אוריאל |ווייַנרײַך| ז"ל איז געווען איינער פֿון
די זעלטענע עקזעמפּלאַרן פֿון אַן אַצילותדיק ייִדיש 851
וועלטלעכער תּלמיד=חכם=געשטאַלט |...|". ש. ביקל,
פֿער 69, 7/IV.

4. אַ פּערזאָן (טיפּ, כאַראַקטער) וואָס פֿיגורירט אין אַ קינסטלעריש
קינסטלערישן ווערק. % די געשטאַלט אין רעאַליסטיש
געשילדערט. די געשטאַלטן פֿון ראָמאַן זײַנען בולט
אָנגעצייכנט. ראָמאַנטישע געשטאַלט. קאָמישע געשטאַלט.
שלום=עליכמס געשטאַלטן.

1914 " די איבערגאַנגען פֿון איין געשטאַלט צום אַנדערן
|אויף דער בינע| זענען געווען העכסט נאַטירלעך". 914
שלום=עליכם, 9ב, 295.

1946 " אים |אַשן| איז געלונגען אויצובענקען |...|

922 און אויסצומיִסטרעווען די געשטאַלט פונעם תהילים=ייִד".

ניגער, 6, 467.

1973 " בדרך=כּלל איז ביַי רעמבראַנדטן יעדער געשטאַלט

874 איַינגעטונקט אין חושך, נאָר דאָס פּנים איז באַלויכטן".

סימה |?|, פּער 38, נ׳ 77, ז׳ 90.

|| געשטאַלטונג - ←--- געשטאַלטיקן/געשטאַלטונג.

|| געשטאַלטלאָזן - אַדי/אַדוו. (דטשמ) אָן אַ באַשטימטער/ קלאָרער געשטאַלט, אומפאַרעמדיק.

געשטאַלטלאָזיקייט - די, בא. (דטשמ) אומפאַרעמדיקייט.

1960 " דער אין=סוף וויל אויפהאַלטן נאָר אַ רגע//

1012 זיַין ווונדערלעכע געשטאַלטלאָזיקייט". פרידמאַן,109,2.

1973 " |...| לויכטן פֿאַרן מענטשן אין הימלישער,
זעלישער געשטאַלטלאָזיקייט". שפּיגל, 5, 109. 1013

געשטאַלטלעך - אַדי/אַדוו. 1. פֿון דער געשטאַלט (פֿיגור).
1949 " |...| געהאַט פֿאַר די אויגן די וווּנדערלעכע
געשטאַלטלעכע שיינקייט פֿון זייער פֿאָטער". טרונק, 7, 51. 1014

2. שייכדיק צו געשטאַלט, פֿאָרעם; ~~פֿאָרמאַטיוו~~.

געשטאַלטלעכקייט - די, בא. פֿאָרמאַטיווקייט.
1951 " |...| אין דעם עפּאָס פֿון יידישער געשטאַלטלעכקייט
טרונק, 8, 142. 1015

(?נ?) געשטאַלטעניש - דאָס, =ן. (שנש, איר) געשטאַלט, ב 2.
1948 " די געשטאַלטענישן דיינע - שטאַרן ענדלאָז".
לוצקי, 3, 196. 1022

0 געשטאלט=פסיכאלאגיע - די, בא. שיטה אין דער
פסיכאלאגיע, לויט וועלכער איבערלעבונג און אויפפיר
רעאליזירן זיך אין גאנצקייטן.

ב געשטאלט פון דער גלייכונג - |טערמינאלאגיע פון
מאטעמאטיק, ווילנע 1921| בנב.

□ גישטאלט.

←--- 1.

XV| 1541 " גוט יתברך שיקט איין ענגיל צו שאול אין
דען טאן.// אין אלר גישטאלט אז ווער ער איין מאן. 935
שמואל=בוך, סטראפע 586.

1541 " דו הושט איין בעשר גישטאלט צו גין הוביירן".
בבא=בוך, קאנק 181/147. קאנק

1610 " אונ׳ ער זול זעהן דען פלאג אונ׳ נון די פלאג

889 אן וועגדן דש הויז שושליך גרוינליך אודר רויטליך אונ׳

איר געישטאלט נידר מין דען די וועגד". טייטש=חומש,

ויקרא, יד - לז.

1728 " אונ׳ דען שתן שטעלין אויף איין ארט דש |...|

894 ניט צו ווארים אונ׳ ניט צו קאלט איז, כדי ער זיין

גישטאלט ניט פר ענדירט". סגולות ורפואות, דף יז - ?!.

.2 ←---

1541 " אונ׳ זאז באלד אז זי דער זאך זיין גוט גישטאלטן

950 // דא קונט זי זיך ניט מען |מער?| אויף האלטן".

בבא=בוך, 7 - 8.

ג ע ש ט אָ ל ט - 1. פֿאַר פֿון שטאַלן.

2. אַדי/אַדוו. 1. ווי שטאָל (פֿעסט, שטאַרק, אומבייגעוודיק).

1934 " האָב איך מיט געשטאָלטער עקשנות // זיך געביסן פֿון ווייטיק די ליפּ". פֿיינבערג, 2א, 122.

965

1948 " און ס'גייט דער שמעלץ, פֿאַרפֿלייצנדיק אָן אויפֿהער, // דער שמעלץ פֿון שלאַכט מיט ווידערשטאַנד געשטאָלט".
מארקיש, 9, 467;

3. פֿאַרהאַרטעווועט (וועגן מענטשן) |ראַכקינד|.

178 - געש

(?נ?) ||||| |געשטאַלטהאַפֿטיק| ג י ש ט א ל ט ה פּ ט י ק - אדי.
געפֿורעמט.

1716 " איין שטארקיר מאן איז ער איין דער מלחמה |...|
איין מאן איין שין גישטאלט הפטיגר |...|". 968
ס' המגיד, 3, שמואל א', דף ג - !!.

179 געש-

(?נ?) ג ע ש ט אַ ל ט י ס ט - דער, =ן. (שנש) אָנהענגער פֿון

דער געשטאַלט=פּסיכאָלאָגיע.

1948 " אַנדערע געשטאַלטיסטן האָבן זיך פֿאַרנומען דער

978 עיקר מיט עקספּערימענטן אין פּערצעפּציע".

נ. נאַרדי, פּער 94, נ' XXXI - 4, ז' 353.

געשטאַלטיק - אַדי/אַדוו. 1. געפֿורעמט, פֿון אַ באַשטימטער פֿאָרעם.

1940 " די טויזנט=געשטאַלטיקע, די אַלערלייִקע, די געטער מיט דעם קאָפּ פֿון אַ פֿויגל אָדער מיט דעם גוף פֿון אַ שלאַנג". קאַראַלניק, 2, 97. 981

1959 " קאָנקרעט, לעבעדיק, געשטאַלטיק ווערט ער, ווען ער אַטאַקירט די 'אידייע' פֿון זײַנע קעגנער". ניגער, 9, 137. 980

2. שיין געבויט(וועגן אַ מענטשן), מיט אַ שיינער פֿיגור; שטאַלטנע, שטאַלטיק.

1949 " אָבער זייער געשטאַלטיקע קערפּערס האָבן דורך אַלע שמאַטעס און שמוץ געטראָגן מיט זיך אַ העכערקייט, אַ שטאָלץ". י.י. זינגער, 9, 241. 982

|| געשטאַלטיקייט - די, בא. אייגנקייט פֿון זײַן געשטאַלטיק.

געשטאַלטיקן - טרוו, פּפּ געשטאַלטן. פֿורעמען, פֿאָרמירן, רעאַליזירן/שאַפֿן א באַשטימטער פֿאָרעם.

1936 "שפּיל, פּאָעט, געשטאַלטיק דיינע טענער,// מיט דער

992 בונטסטער פֿרייד מיין הארץ באַגורט". סוצקעווער, 3, 44.

1950 " טרויער, ווי אַזוי זאָל איך דיך שילדערן?//

991 ווי אַזוי זאָל איך דיך געשטאַלטיקן, פֿרייד?". ניסענזאָן, 4, 78.

1960 " 'איסט ריוועד' איז אַשאָ פּרוּוו צו געשטאַלטן

1017 די וועלט ווי זי וויל און קאָן און דאַרף זיין ". ניגער, 10, 256.

געשטאַלט(יק)ן זיך - רעפֿל. (אויס)פֿאָרמען זיך, קריגן אַ באַשטימטע פֿאָרעם, שאַפֿן זיך.

1917 " אין יעדן מאמענט שטארבן אפ קלײטעלעך [קעמערלעך,
צעלן?] פון איר גוף און עס געשטאלטן זיך נייע". 1019
זשיטלאווסקי, 7, 155.

1949 " א שטאט וואס געשטאלטיקט זיך אין די פארמען
פון די ווייסע מיזרחדיקע פאלאצן". טרונק, 7, 242. 990

|| געשטאלטונג - די, =ען, פּפּ געשטאלטיקונג. אקט
אדער רעזולטאט פון געשטאלט(יק)ן (זיך).

1912 " די געשטאלטונגס=פוחות פון א פאלק גייען איבער
בירושה פון דור צו דור". זשיטלאווסקי, 2, 162. 977

1938 "|...| ער האט ניט געהאט דעם זין פון געשטאלטונג,
דעם דראנג צו דער פארעם |...|". קאראלניק, 1, 55. 970

1958 "דער אופן |פון| דערציילן און געשטאַלטיקונג

984 |...| איז אַ היפּשער אָפּוועגד פון דרך, וואָס זינגער

האָט פֿאַר זיך אויסגעלייגט". ביקל, 1, 321.

געשטאַלטיקונג - ---> געשטאַלטונג.

געשטאַלטער - דער, =ס. (שנש) דער וואָס געשטאַלט(יקט).

1956 "|ניגערס| טיטל 'געשטאַלטער פון דריי ליטעראַרישע

1023 דורות הערט אויף צו קלינגען מיטן מינהסטן בייקלאַנג

פון מליצה". מ. שטריגלער, פֿער 9, |נ?|.

1958 "ס'איז אַ דור מיט וווּנדערלעכע ליטעראַרישע

1024 אידעישע וואַרטזאָגערס |...|". ביקל, 1, 209.

געשטאַלטעריש - אַדי/אַדוו. (שנש) ווי (אויפן שטייגער פֿון

אַ געשטאַלטער; שעפּעריש.

1956 " די אדם=הראשונס, |...| וואָס האָבן אַיעדער פון
1028 זייערע דערפאַרונגען אויסגעדריקט געשטאַלטעריש
און מיטיש". טרונק, פּער 169, 206.

1958 " כּדי נישט מעלאָדראַמאַטיש צו מינערן פֿון דער
1027 דראַמע, וועט שניאור גיכער אַריבערבייגן זײַן
געשטאַלטערישע פּען אויף דער זײַט פון נאַטוראַליסטישער
באַשרײַבונג". ביקל, 1, 385.

געשטאַלטערישקייט - די, בא. (שנש) אייגנקייט פון
זײַן געשטאַלטעריש.

1956 " אין ערגעץ רעדט ניט אַזוי הויך דאָס אונטערבאַוווּסטע
1030 ווי גראָד אין דער געשטאַלטערישקייט פון בילד און מחשבֿה".
טרונק |ווו? ווען?|.

/7 וויל געשטאַלטיקט - מיט אַ שיין געבויטן קערפּער;
שטאַלטיק |סטוטש 520|.

120.



געשטאַלטיש - אַדי/אַדוו. (שנש) דזוו געשטאַלטיק, ב 2.

1963 " און אַזוי איז דער געבאָט פֿון מלכּס שׂררים צו

די טעכטער פֿון שבֿט: אַלע בתולות זיין געשטאַלטישע 1011

און מיט חן געבענטשטע |...|". פרידמאַן, 3, 26.

ג ע ש ט אַ ל ט ן - <---- געשטאַלטיקן.

122,

188 - געש

געשטאַליקט - אַדי/אַדוו. (שבש) געשטאַרקט

ווי שטאַל.

1941 " מיט אויסגעשטרעקטער האַנט, פֿון יהוהס וואָרט

1032 געשטאַליקט, // יהושע פֿירט זײַן פֿאָלק אין צוגעזאָגטן

לאַנד". פֿײַנבערג, 3, 10.

123.

189 - געש

(?נ?) ג ע ש ט א ל ע ר ט - אדי/אדוו. (שנש) דזוו

געשטאלט/געשטאליקט.

1974 " מיט אַ האַרטן בליק און מיט געשטאַלערטן

גײַסט שײַדן זײ זיך פֿון זײערע קרובֿים און אײַלן 1/1032

זיך צו די פּאַזיציעס און וואָפֿן". יזב 17, 389.

ג ע ש ט אָ ל פֿ ע ר - דאָס/דער, בא. |סטוטש 202|.

דאָס דויערנדיקע שטאָלפֿערן.

ג ע ש ט א ל פ ע ר ט - פאר פון שטאלפערן.

192 - גי

(געשטאָלצירט - פֿאַר פֿון שטאָלצירן.

(?נ?) ג ע ש ט א ם - דער. בא. אפשטאם, יחוס.

% "גרויסארטיקע פּריצה! אידל געשטאם!" קטוו.

רעד: חוץ דעם ביישפּיל |ציטאַטע? פון וואַנען?| און

א סימן "לב" אין ווינקל פון קאַרטל איז נישטא

גאַרנישט.

196.

194 - געש

1036 (?נ?) (גע)שטאָמבירט - "(איר) געשטודירט, געבילדעט"|קטוו|.

ג ע ש ט א מ ט - פאר פון שטאמען.

ג ע ש ט א מ ל  -  דאס/דער, בא. דאס דויערנדיקע

שטאמלען; שטאמלעריי.

1948  " דעם טייוולס הונט!... אויף שטיקער רייסן; דיר

דאס דארף; [...] האט פונעם זקן קוים געהערט זיך א 1040

געשטאמל". מארקיש, 9, 33.

1971  " אט הערסטו זי פּלאפּלען, די שפּראך אין די וויקלען,

// איר קינדיש געשטאמל ביי גליקל פון האמיל". 1044

מאניק, פער 38, נ' 73.

ג ע ש ט א מ ל ט - פֿאר פֿון שטאמלען.

128.

198 - געש

ג ע ש ט אָ מ פֿ ע ר - דאָס/דער, בא.|סטוטש 202|.

דאָס דויערנדיקע שטאַמפֿערן.

ג ע ש ט א מ פּ ע ר ט - פֿאר פון שטאמפּערן.

200 - ל״ג

ג ע ש ט אָ נ ט - פֿאַר פֿון שטאַנען, (קרעכצן) [האַרקאַווי].

ג ע ש ט אַ נ ע ן - פֿאַר פֿון שטיין.

129.

202 געש –

(?נ?) ם |געשטאנפּט| ג ש ט נ פּ ט – אדי. צעשטויסן,

צעריבן. מה"ז: gestampft.

... " הריפות – גשטנפט ווײשא |=ווײיץ|, ל' חטים

1047 הנידוכין במכתש | תי: פתוך הריפות – צווישן גריץ|.

ר"כלין 8, משלי, כ"ז–כ"ב.

ג ע ש ט א נ ק – דער/דאס, =ען. שלעכטער ריח.

% איבלדיקער (מיאוסער, אפשטויסנדיקער) געשטאנק.

געשטאנק פון פוילעכץ. ס'הערט זיך (מע שפירט) א געשטאנק.

1898 " מיין מאן |דער מלמד| האלט אין דער האנט אייך
קאנטשיק און שלאגט. אין דער שטוב איז אייך 1067
געשטאנק". אויזערקיס, 1, 10.

1907 " א געטראנק? – מאכט ער צו מיר – א געשטאנק,
נישט קיין געטראנק!". שלום=עליכם, 8א, 103. קאנק

1932 " זיי |...| פאלן אראפ אויף פאדאל, ווי א
געשטאנק פון א גרויסן אסעניזאציע=אבאז". 1075
ברעגמאן, 1א, 284.

1970 " אין די באראקן איז אפילו ביים קאלטן וועטער
דער געשטאנק נישט אויסצוהאלטן, מחמת די ריחות 1074
פון פארפוילטן שטרוי". יזב 15, 130.

ם

גישטאנק.

1676 " איין מענש קאן ניט זיין אן גיגעשין אונ' אן
גיטרונקן אונ' ערשט ווערט ניקש אנדשט דרויש אזו 1072
גישטנק". ברנט שפיגל, פרק לו'.

1764 " אך טונך זי אים בגראבן אום אב צו טאן דש
גשטאנק פון די טוטי קירפל, דש זי די לופט ניט 1061
פֿר דערבן". יוסיפון, 5, דף קמד - !T!.

ג ע ש ט א פ א – די, בא. פפ געסטאפא. (שגל)
ראשי=תיבות פון 'געהיימע שטאטס=פאליציי' – די
היטלעריסטישע געהיים=פאליציי, וואס האט זיך
אויסגעצייכנט מיט איר אכזריות, באזונדערס אין
די געטאס בעת דער II וועלט=מלחמה; אויך די מענטשן
פון דער געשטאפא.

1945 " |...| איך שיק די געשטאפא אויף דיר באלד אן".
לייוויק, 8, 92. 1080

1948 " מען האט זיי געמסרט, און די אראפגעקומענע
געשטאפא האט זיי אויפן ארט דערשאסן". 1077
פער 44, נ' 5 – 6, ז' 32.

|| געשטאפאוויעץ – דער, מצ געשטאפאווצעס.
איינער פון דער געשטאפא.

133,



1965 " דער געשטאַפּאָוויעץ האָט זיך צוריקגעקערט צו

די דרײַ ייִדן און געהייסן זיי אָנרופֿן נעמען פֿון רבנים".

פֿער 107, 649.

געשטאַפּאָניק —

דער, =עס. דזוו דפֿוו.

1951 " די געשטאַפּאָניקעס האָבן צוגעזאָגט | די אַלטע און

1088 קראַנקע ייִדן | זיי צו ברענגען מיט פֿורן צו דער באַן.

די דײַטשן האָבן אָבער שפּעטער זיי אַרויסגעפֿירט און

אויסגעשאָסן". פֿער 106, 1782.

געשטאַפּיסט - דער, =ן. דזוו דפֿוו.

1951 "אָפּצונעמען די ייִדישע יונגע=לײַט איז געקומען

1100 אַ גרויסע צאָל שטאַרק באַוואָפֿנטע געשטאַפּיסטן".

פֿער 106, 1686.

<u>געשטאַפּאָ=הויז</u> – דאָס, =הײַזער. דאָס הויז וווּ ס'האָט
אַמטירט די געשטאַפּאָ.

1951 " דער 86=יעריקער ד"ר וויגאָדסקי ווערט אַ
פֿאַרבלוטיקטער אַראָפּגעשלײַדערט פֿון אַלע טרעפּ פֿון 1082
<u>געשטאַפּאָ=הויז</u>, וווּהין ער קומט פּראָטעסטירן קעגן
דער געלער לאַטע". <u>פֿער 106, 1651.</u>

<u>געשטאַפּאָ=לײַט</u> – <u>מצ</u>. די מענטשן פֿון געשטאַפּאָ.

1947 " טויזנטער ייִדן זײַנען אויסגעשטעלט אין צווײ
געדיכטע לאַנגע רייען, צענדליקער זשאַנדאַרמען מיט 1084
<u>געשטאַפּאָ=לײַט</u> און הונדערטער אוקראַינער רינגלען
אַרום דעם פּלאַץ". <u>יזב 8, 193.</u>

געשטאַפּט - 1. פּאַר פֿון שטאַפּן.

2. (ספּעציעל וועגן בעלי=חיים) פּעט, געהאַדעוועט מיט אַ סך שפּייַז צו ווערן פּעט. % געשטאַפּטע גענדז, אינדיקעס, געשטאַפּטע אָקסן אויף דער ברייַע.

1894 " ר׳ וואָלף אַליין איז דאָך נישט קיין מיאוסער פֿאַרשוין... הויך און ברייט, אויסגעפּיטערט ווי אַ געשטאַפּטע גאַנדז". פּימסענשטיין, 1, 67. 1092

1901 " |...| און דאָ גייט אַרום דער בדחן - אַ געשטאַפּט אינדיקל". אלפּס, 4, 8. 1089

1945 " שיקט ער |...| אָקסן געשטאַפּטע און פּעסער ווייַן". באַריישא, 3, 266. 1095

|| געשטאַפּטערהייט - אדוו. אין מצב פֿון זייַן געשטאַפּט. % געשטאַפּטערהייט האָט מען די גענדז געהאַלטן אין שטייַג.

געשטאפטקייט - די, בא. אייגנקייט פון זיין געשטאפט.

% געשטאפטקייט איז ניט קיין מעלה פארן געזונט.

□ געשטאפטער למדן - (איר) א גרויסער בקי אין תורה.

1876 " לאז ער א ביסלווארטן, דער געשטאפטער למדן!".

ליניעצקי, 1, 6. 1098

1881 " דארפסטו קודם צורופן צו זיך א צוויי=דריי

געשטאפטע למדנים |...| און זיך שטעלן מיט זיי 1090

אקע=נא=פוקע |פאקע?|, טאמער וועט איינער באציען א

סברה פונעם 'מקושש' - דארפסטו אנשלאגן אקעגן פון

דער 'עגלה ערופה'". דלוגאטש, 2, 45.

137.



ג ע ש ט אַ פּ ל - דאָס, =ן. 1. גראַדאַציע |אויוו|.

1103 (?נ?) 2. "אַ צאָל שטאַפּלען".

רעד: לויטן כּתבֿ איז דאָס קאַרטל (1103) געשריבן דורך
י. מאַרקן אַליין - מער קיין שום זאַך, אָן מקור, ציטאַטע.

1102 3. בנב.

רעד: אויפֿן קאַרטל (1102) איז דאָ: "געשטאַפּל" און אַן
אָנווייז: "פּרץ, ציקא X, ז' 93". מיר האָבן ניט
די אויסגאַבע (ווי אויך קיין שום אַנדערע) ביי דער
האַנט צו זען די ציטאַטע און וואָס מיינט עס.

ג ע ש ט אַ פּ ל ט -1. פֿאַר פֿון שטאַפּלען.

2. אין דער פֿאַרעם פֿון (עבלעך צו) שטאַפּלען. % אויף די בערג בויט מען געשטאַפּלטע הייזער.

|| געשטאַפּלטקייט - די, בא. אייגנקייט פֿון זיין געשטאַפּלט.

/7 געשטאַפּלטע ברוכצאָל - (מאַטעם) בנב |טערמינ' מאַטעמ', ווילנע 1921|.

געשטאַפּלטע ווינקלען - (מאַטעם) בנב |טערמינ' געאָמעטריע, ווילנע 1921|.

געשטאַפּלטע פּראָפּאָרציע - (מאַטעם) בנב |סטוטש 54|.

געשטאָקט – 1. פֿאַר פֿון שטאָקן.

2. אַדי/אַדוו. פֿאַרשטעקט, פֿאַרשטיקט, פֿאַרפֿראַפּט, ניט פֿריי, (ניט) אָפֿן.

1909 " און אַז דער אָטעם ווערט אים געשטאָקט |ביי אַסטמע|,
1113 זאָל ער אַריינגעבן זיינע הענט אין הייס וואַסער".
שפּערלינג, 2, 118.

1114 1966 " דאָ בלייבט דאָס פֿעסל געשטאָקט". נאַדיר, 13, 266.

1968 " עס איז מיר דאָ צו ענג, עס שטיקט מיך דאָ די
1115 אַלטע, פֿאַרשימלטע, געשטאָקטע לופֿט". גאָלדשטיין, יזב 76,14.

3. (פֿיג) אין אַ שלעכטן מצב.

1868 " אין אַלגעמיין זענען די געשעפֿטן אין דער
1112 גאַנצער וועלט זייער געשטאָקט". פֿער 177, נ׳ 7, ז׳54 - ד.

1893 " |...| איך זאָל זיי האַלטן אויף דער לאַגע, אַז
1111 זיי זענען שוין אַזוי ווייט געשטאָקט און האָבן באַדאַרפֿט
מיין שטיצע". אָרנשטיין, 1.

געשטארבן - פאר פון שטארבן.

|| געשטארבענע(ר) - די/דער, =ע. א טויטע(ר), א מת,
א ניפטר.

1925 "אווו מע גייט, זעט מען נאר געשטארבענע".
שומיאטשער, 1, 8. 1128

1943 " מע ווערט דארט |...| יאמערן |...| דערמאנענדיק
דערביי די נשמות פון די געשטארבענע |...|". קאנק
נסתר, 5, 303.

1968 " לויטן כבוד, וואס מען האט דעם געשטארבענעם
אפגעגעבן, האט די משפחה פארשטאנען, וואס פאר א קאנק
געהויבענעם חתן זי האט אנגעווארן". גראדע, 7, 327.

געשטארבענערהייט - אדוו. אין מצב פון זיין געשטארבן,
נאכן טויט. % געשטארבענערהייט האט ער נאך געהאט

141

214 — געש

אַ מאַכט איבער אים. געשטאָרבענערהייט איז ער אים געקומען צו חלום.

**געשטאָרבנקייט** — די, בא. מצב פון זײַן געשטאָרבן.

1949 " |...| אין דער אייביקער שטילקייט, אין דער אומישנער געשטאָרבנקייט, וואָס הערשט אין דער פעסטונג". שניאור, 11, 22. 1142

1956 " |...| מיט דער אויסגעוויינטער פרייד// פון דערלייזטער געשטאָרבנקייט". גלאַטשטיין, 1, 79. 1143

רעד: איך גיב ווײַטער די פראַזעאָלאָגיע, אָבער כ׳בין מסופק צי זי דאַרף קומען דאָ, און ניט בײַם הויפּטזוכוואָרט "שטאַרבן".

פּפּ: ווי צען מאל געשטארבן - וועגן עמעץ/עפּעס וואָס איז דויערנדיק אומבאַוועגלעך.

מאכן זיך (ווי) געשטארבן - מאַכן זיך ניט וויסנדיק, ניט הערנדיק.

שלאָפן ווי געשטארבן - זייער שטאַרק שלאָפן, שווער אויפצוּוועקן.

אַלץ בעסער ווי געשטארבן - דער מענטש וויל לעבן אַפילו אין אָרעמקייט, אין יסורים.

פוול: געשטארבן, באגראבן, אראפּ פונעם מארק - דאָס לעבן איז געגליכן צו אַ יאַריד, ווו דער מענטש טומלט זיך, אָבער נאָכן טויט פאַרגעסט מען אים גיך, יעדער קערט זיך אום צו זיינע עסקים.

געשטאָרבן, באַגראָבן, כּי לעולם חסדו! - דער מיין דזוו דפוו, אויך וועגן אַן אָווער, היזק, אַז ס׳איז שוין פֿאַרפֿאַלן און קיין שום קלאָגענישן וועלן ניט העלפֿן.

געשטאָרבן, באַגראָבן אויף יענער וועלט ווי געפֿונען - פֿער 90, 1967, נ׳ XXVII - 1, ז׳ 20 - בנב.

פֿאָל: אַז מע זאָגט געשטאָרבן, גלייב.

אַז מע זאָגט געשטאָרבן, איז באַגראָבן.

שוו: ערשט געלעבט, שוין געשטאָרבן, ערשט געשטאָרבן, שוין באַגראָבן - דאָס לעבן פֿון מענטש איז פֿאַרגאַנגלעך און האָט ניט קיין דויערנדיקן ווערט.

פֿירערליי מענטשן זײַנען גלײַך ווי געשטאָרבן: אַן אָרעמאַן, אַ מצורע, אַ בלינדער און אַ בעזדיעטנע.

217 – פֿון

ג ע ש ט אָ ר ט – פֿאַר פֿון שטאַרן.

ג ע ש ט אָ ר כ ע ט - ←---- <u>געשטורכעט</u>.

144,

219 - געש

(?נ?) ג ע ש ש ט אַ ר ץ - דאָס, בא. (שנש) 1. דאָס שטאַרצן.

2. אַן אַרויסשטאַרצנדיקע זאַך.

1934 " |...| די אויגן - ניט בליץ, נאָר אַ ווײַס

1147 געשטאַרץ". מ.ל. האַלפּערן, 4, 49.

ג ע ש ט א ר צ ט - פֿאַר פֿון שטאַרצן.

געשטאַרקט - 1. פֿאַר פֿון שטאַרקן.

2. (עלט) אָנגעשטײַפּט דורך קראָכמאַליען (וועגן הלבשה).

|| געשטאַרקטערהייט - אַדוו. אין מצב פֿון זײַן שטאַרק(ער).

1955 " ער שמייכלט געשטאַרקטערהייט צו זיך און צום
1155 אייגענעם בלײַען |...|". לייוויק, 11, |ליד "דער
אַלטער עפּלבוים בליט"|.

◻ געשטערקט.

---→ 2.

1791 " |...| קיינס קיין געשטערקט, צוועהל אודר
1152 זארוועטן שנופף טיכר זאל אן פסח ניט גברויכן |...|".
ס' החיים, דף ל - !!.

222 - לג

ג ע ש ט א ר ק ע ט - פֿאר פּון שטארקען |סטוטש|.

146, 223 - געש

ג ע ש ט ו ב י ק ט - אדי. פאַרהיימישט (וועגן בעלי=
חיים), איינגעוווינט צו לעבן צווישן מענטשן.

1925 " מילצבראַנד איז אַ קלעפּיקע קראַנקייט, וואָס
טרעפט זיך אָפּט ביי קעלבער, שאָף |...|, ביי מאַנכע 1157
געשטוביקטע ווילדע חיות". פֿער 151, נ' 2.

(גע)שטודירט – 1. פֿאַר פֿון שטודירן.

2. (אַפּט סובסטאַנטיווירט) וואָס האָט פֿאַרענדיקט אַ שול (ס'רוב געמיינט אַ העכערע שול). % זי האָט געוואָלט אַ חתן אַ געשטודירטן. דער יונגערמאַן איז אַ געשטודירטער, קען אַ סך שפּראַכן.

1881 " דער געשטודירטער ראַבינער קען גוט |...| גראַמאַטיק". דלוגאַטש, 2, 6. 1158

1965 " פֿון דעם איז געקומען דער באַגריף, אַז אַ [illegible] געשטודירטער דזשענטלמאַן דאַרף בכלל קענען די 1159
הייליקע שפּראַך פֿון דער ביבל". ~~[illegible]~~ פֿער 69, ז/10.

|| געשטודירטקייט – די, באַ. אייגנשאַפֿט פֿון זיין אַ געשטודירטער.

1887 " |...| ווייס איך ניט, צי וועסטו פֿאַרדינען מיט דיין געשטודירטקייט אין אַ יאָר, וואָס ער פֿאַרדינט אין 1160
אַ מאָנאַט". זאַביעזענסקי, 1, 10.

ג ע ש ט ו ט ע ט – אדי. |סטוטש 258| .דזוו געשוטעט.

רעד: זאָל זייַן אַז ביַי סטוטשקאָוון איז פֿאַרגרייַזט?!
ביַי אים שטייט "געשטוטעטע הערינג", אין „ייִדישע
שפּראַך" (גענויע דערקלערונג): „געשוטעטע הערינג".

449.

226 - געש

(?נ?) ם |געשטויב| ג ש ט פ א - שטויב.

... " אָבק - גשטפא, י"א שטואפ".

1164 רייכליך 8, דברים, כח - כד, |תי: שטויב|.

ג ע ש ט ו י ב ט – פאר פון שטויבן.

150.



געשטויגן - פֿאַר (דיאַל?) פֿון שטייגן |?|,

נאָר אין דער פֿראַגע:

27 ניט געשטויגן (און) ניט געפֿלויגן - ס'איז ניט אמת, ס'איז אויסגעטראַכט, ס'איז ניט צו דער זאַך.

1864 " |...| האָט געקוקט עפּעס צעטראָגן און געענטפֿערט בוידעם, נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן". מענדעלע, 12, 55. קאנק

1916 " האָט ליב בערע דער שוסטער ~~ליב~~ צו דערציילן גוזמאות, אויסטראַכטן זאַכן, וואָס ניט געשטויגן, נישט געפֿלויגן". שלום=עליכם, 8ב, 131. קאנק

1955 " |...| דערציילן א נישט=געשטויגענע און נישט געפֿלויגענע מעשה |...|". [illegible], 1. 1165

ג ע ש ט ו י ל ט - פֿאַר פֿון שטוילן.

געשטוילטער גנבֿ - "א קלוגער גנבֿ, קונציק אין זיין פֿאַך" |ש. לעהמאַן, פֿער 33, 46|.

229|1 גע –

192

ג ע ש ט ו י נ ט – 1. פֿאַר פֿון שטוינען.

2. אַדי. שטאַרק פֿאַרווונדערט, געפּלעפּט; דערשטוינט.

|ראַבקינד|.

152,



געשטויס - דאָס/דער, באַ. 1. (שנש) דאָס דויערנדיקע שטויסן (זיך) אָדער דאָס שטויסן (זיך) פֿון אַ סך (מענטשן/זאַכן); שטויסעריַי, שטופּעריַי.

1936 " מיט אַ מאָל - אַן אויסטערלישע רגע:// ווילדער וואַקל. שוידער און געשטויס". סוצקעווער, 46,3. 1178

1948 " אַ צוריקגעהאַלטנקייט אין דער באַוועגונג און געשטויס, // און די אַנסאַמבלען פֿון געביַידעס - שטייַף אונטערגעפּאַסיקט". מאַרקיש, 9, 237. 1173

2. (שנש) דאָס אַנשטויסן זיך, דאָס טרעפֿן, דער גיין דעם סוד.

1966 " ווען עמעצער וואָלט זען דעם מלכס הענט, |...|, ער וואָלט מן=הסתם דערציילן אונדז געקענט // פֿון די געדאַנקען זיַינע, דאָס געשטויס |...|". האַלקין, 250,4. 1175

רעד: די ציטאַטע איז ניט גאַנץ, ס'קאָן דעריבער זיַין, אַז די ענטפֿערט אויך אויף דעם באַטיַיט.

דעם מיטן (

153,



ג ע ש ט ו י ס ן I - פֿאַר פֿון שטויסן I (שטופּן).

|| געשטויסעניש - דאָס, בא. דאָס דויערנדיקע שטויסן (זיך), אָדער דאָס שטויסן(זיך) פֿון אַ מענטשן.

1951 " דאָס געשטופּעניש און געשטויסעניש איז פֿאָרגאַנגען אין אַ העפּטיק געשלעג". שטונק, 8, 30 | 234?.

1193

154.

232- געש

ג ע ש ט ו י ס ן ז י ך - פאַר פֿון שטויסן זיך (טרעפֿן).

ג ע ש ו י ר ן - פֿאַר פון שערן.

234 - געש

ג ע ש ט ו מ ט - פֿאר פון שטומען.

ג ע ש ט ו נ ק ע כ ץ - דאָס, באַ. 1. שטינקעכץ, געשטאַנק.

2. שטינקענדיקע זאַכן.

1974 " קעגן אַוונט האָט מען שוין געמוזט פּטור ווערן פֿון דעם געשטונקעכץ האַלב אומזיסט". באַשעוויס, פֿער 155, 8/T!T. 1195

| |
|---|
| רעד: כ'מיין אַז ס'דאַרף זײַן "געשטינקעכץ" (מיט י), און בײַ באַשעוויסן אַוודאי. |

ג ע ש ט ו נ ק ע ן - פֿאַר פֿון שטינקען.

200

געשטופּ - דאָס/דער, באַ. דאָס דויערנדיקע
שטופּן (זיך) אָדער דאָס שטופּן (זיך) פֿון אַ סך (מענטשן);
שטופּערײַ, געדראַנג.

1929 " אַ געדריק איז געווען, אַ געשטופּ |...| מענטשן
זענען שיער צעקוועטשט געוואָרן אויף טויט". 1/1197
האַראַנטשיק, 2, 80.

|| געשטופּעניש - דאָס, באַ. דזוו דפּוו.

1951 " דאָס געשטופּעניש און געשטויסעניש איז
פֿאַרגאַנגען אין אַ העפּטיק געשלעג". טרונק, 8, 30|34?|. 1193

געשטופּערײַ.

1864 " און דאָ ווערט ערשט אַ געשטופּערײַ פֿון ייִדן און
קריסטן, וועלכע גייען אָנקוקן דאָס שיינע פֿירונג 1367
אין אַ גאַטעס הויז". גור-אריה, פּער 177, נ' 42, ז' 636.

157

238 - געש

1921 " באַלד איז געוואָרן אַ שטופּערײַ |...|". 1245

אש, 3, 31.

1946 " מען האָט זיי קוים אַרויסגעזען אין דעם |...| 1244

געשטופּערײַ". טרונק, 4, 199.

ג ע ש ט ו פּ ט – פּאַר פֿון שטופּן.

ג ע ש ט ו פ ל - דאס/דער, בא. (שנש) געזעמל פון שטופלען (גריבעלעך אויפן פנים וואס קומען פון שלעכט געהיילטע פאקן).

1967 " אפילו דער קארגער געשטופל אויף זיין פנים באקומט חן". נ. זאבארע, פער 131, 17. 1201

געשטופּלט [ – 1. פֿאַר פֿון שטופּלעך |סטוטש 160|.

2. אַדי/אַדוו. מיט שטופּלעך אויפֿן פּנים (קליינע גריבעלעך
וואָס קומען פֿון שלעכט געהיילטע פּאָקן).

1867 " זי וואַר |...| זייער שטאַרק געשטופּלט, דאָס
א/1202 די צורה האָט אויסגעזען ווי עס וועט אַ מאָל אויסזען
אַ בית=עולם נאָך תחית=המתים, אַלס די טויטע וועלן
|זיך| צעלויפֿן און די גריבער וועלן בלייבן אָפֿן".
דיק, 27, 16.

1901 " קאַרפּע איז אַ געזונטער, אַ ברייטביינערדיקער
1214 שייגעץ ~~א~~ מיט געשטופּלט פּנים". שלום=עליכם, 20, 82.

|1926 - 1930| " אַ ירע קליינע חזירשע אייגעלעך
~~2/1234~~ קוקן קוים אַרויס פֿון די געשטופּלטע באַקן".
אָפּאַטאָשו, 5, 121.

1974 " צו זײַן געשטופּלט איז נאָך ערגער ווי צו זײַן
לאָם". עלבערג, 2, 254. 2/1234

3. (פּיג) גריבלדיק, מיט קלײנע פּאַרטיפונגען.

1956 " |...| זיך צוגעלײגט אײנס צום צווײטן האָבן
שטיקער אײַז, געשטופּלטע און דורכגעלעכערטע פֿון קוילן". 1225
מאַרקיש, 11, 458.

1966 " דער טיש איז ניט קײן געהובלטער, אַ פּראָסטער
אַ שוואַרץ געשטופּלטער". שפּיגל, 4, 43. 1211

1965 " דאָס באַדצימער האָט געהאַט אַ פֿענצטערל מיט
אַ געשטופּלטער שויב". באַשעוויס, פֿער 155, TT/24. 1228

4. (עלט) געפּינטלט, געשפּרענקלט.

1872 " |...| נעם אויס דײַנע שאָף אַלע געריײַטלטע און
טו זיי באַזונדער, און אַלע די געשטופּלטע, די זאָלן 1224
מײַן לוין זײַן". צאינה-וראינה, 3, בראשית, ל - לב.

געשטופּלטקייט - די, בא. אייגנשאַפט אָדער מצב פֿון
זײַן געשטופּלט. % געשטופּלטקייט איז אַ חסרון פֿאַר
אַ מיידל צו אַ שידוך.

פֿפֿ: געשטופּלט: ווי אַ רעשעטע, ווי אַ ריבאײַזן, ווי מצה.

געשטיפּלט.

162.

244 - געש

1725 " אזו פיל מכות דער חולי אן זיך האט ברויכט ער צו איטליכר מה איין בזונדר פפלאסטר דז מענכיר גוף איז זיכט גשטיפלט אונ גיפלעקט אלז וויא דיא שאף פון יעקב". תקוני המועדים, דף ד/1. א/1233

1758 " נקד - געשטופלט". באר התורה, בראשית, ל - לב. 1221

.................................

רעד: אויסלייג מאָדערניזירט.

.................................

(?נ?) ם |געשטופּט| ג ש ט ו פּ ט – |געפּינטלט?טאַטויִרט?

דזוו געשטופּלט?|.

1200 ... " קעקע – גשטופּט". רייכלין 8, ויקרא, יט–כח.

|תי: וכתובת קעקע לא תתנו == און אַן אויסגעשטאָכן

געשריפּטס זאָלט איר ניט מאַכן אויף אײַער לײַב|.

246 -7 lej

247 . (שניידערײַ) געשטראָפֿלט !! - פֿאַר פֿון שטופּלען

[סטוטש 526]. לט

6

246 — 7 ...

247 ג ע ש ט ו פּ ל ט !! – פֿאַר פֿון שטופּלען (שנײַדערײַ).
[סטוטש 526].

164.

248 - געש

(?נ?) ג ע ש ט ו צ ט - אדי/אדוו. קורץ געשוירן (וועגן
בארד, וואנצעס).

1960 " |ער| גלעט זיך דאס געשטוצטע בערדל".

טיגער, 1. 1246

רעד: ניט זיכער איך אויסטייטש. אין דייטש איז גאַ:
קורצע וואנצעס = Stutzbard,
ארומשערן, ארומשניידן = stutzen.

249 - געש

(גע)שטאָ|ק אַ ט ו' ר ( ע וו ) ע ט - פֿאַר פּוץ שטוקאַטור(עוו)ען.

ג ע ש ט ו ק ע וו ע ט - פֿאַר פֿון שטוקעווען [הסריקאוו]

ג ע ש ט ו ר כ ע ט - פאר פון שטורכען.

ג ע ש ט ו ר ע מ ט - פאר פון שטורעמען.

165

253 - געש

(?נ?) געשטורץ - דאס/דער, בא. (דטשמ) דאס שטורצן, דער שטורץ.

1956 "געמאַרדעוועט האָט זיך דעם פֿיורערס צונג

1249 ווידעראַנאַנד, ווי פֿון אַ בלוט=געשטורץ בשעת אַן אַפּאָפּלעקסיע". מאַרקיש, 11, 476.

254 - גרל

ג ע ש ט י ב ר ע ו ו ע ט - פֿאַר פֿון שטיבערעווען

(אונטערהאַלטן) [האַרקאווי].

ג ע ש ט י ג ן - 1. פֿאַר פֿון שטײַגן.

2. אַדי. וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבן, געוואַקסן |ראַבקינד|.

% געשטיגענע פּרײַזן.

(?נ?)　　ג ע ש ט י ו ו ל ט　-　אדי. (שנש) פֿון שטיוול;
באשטיוולט.

1948　" ווען מען האָט שוין נישט געהערט די געשטיוולטע
טריט אויף די טרעפּ און בוידעם, האָבן מיר באַשלאָסן　1252
פֿאַרזיכטיק אַרויסצוקוקן דורכן קליינעם דאַכפֿענצטערל".
פּ. רעמס, פֿער 44, נ' 3 - 4, ז' 27.

167.

257 - געש

געשטיי - דאס/דער, בא. דאס שטיין פון א סך מענטשן, א געזעמל שטייענדיקע מענטשן.

1913 " באלד איז געווארן ארום דער גויע א געשטיי. די פויערטעס ארום האבן אנגעהויבן צו ווישן די טרערן". 1254

אש, 2א, 58.

1914 " איך גיי אזוי אין גאס, האב איך דערזען א געשטיי, בין איך צוגעגאנגען". ראקאוו, 1, 22. 1253

ג ע ש ט יי ג - דאס/דער, בא. 1. (שנש) דאס דויערנדיקע שטייגן.

2. (שנש) ארויפשטייג, דער בארג=ארויף.

1960 " געשטייג פון סקארפיאנען". סוצקעווער, 4, 62.

|| געשטייגער - דער, בא. (שנש) דזוו געשטייג ב 1.

1955 " עס ברענט אויף זיין פנים א וווּנד,// נאר

ער, אין געשטייגער פון ווייען// באנייט פאר די 1257

שטערן זיין בונד// מיט דער וואס ער רופט דולציניע".

לייוויק, 11, 324.

ג ע ש ט ײַ ג ע ר ט – פֿאַר פֿון שטײַגערן.

געשטיין ! - דאָס/דער, ען/=ער. 1. זאַמל=נאָמען פאַר אַ סכום (אַ סך) שטיינער. % דער בויפּלאַץ איז פאַרלייגט מיט אייזנוואַרג און געשטיין.

1946 " ...| האָבן פון דער וועלט פון געשטיין אַרויסגעשטאַרצט הויכע קוימענס". טרונק, 4, 92. 1264

1958 " סע גייען שיפן פון די ווייטסטע קיניגרייכן // מיט פּימסנהאַלץ און צעדער און געשטיינען". א/1304

גראָס, 2, 162.

1973 " ...| געהילץ און געשטיין פון בית=המקדש". אליצקי, 5, 381. 1275

2. האַרטע פון פאַרשיידענע מינעראַלן באַשטייענדיקע ערדמאַסע; פעלדזן. % דאָס געשטיין פון די בערג. אין דעם געשטיין געפינט מען אַלערליי ~~אַרדת~~ פון מעטאַלן.

(3, א)

1920 " |...| אַרומנעמען דײַן מעכטיק ווילדן גוף//
פֿון פֿלאַנצן און געשטײנען". קולבאַק|ליד"וועלט, 1307
אין טויזנט פּנימער פֿאַרשטעלט|.

רעד: געפֿינען מקור.

1936 " מיטן שימער פֿון די העלע גרינען // שלײַפֿט זיך
1314 דער אירטיש אַן ווילדן געשטײן". סוצקעווער, 3, 17.

1959 " זײַן יונגשאַפֿט ברעכט דורך, רײַסט אויף דאָס
1274 געשטײן". שארגעל, 1, 110.

3. (עלט) איידלשטײנער.

1843 " |...| און ער האָט פֿר זיי גוואַרפֿין פֿון אלרליי
1282 פּעריל און גשטײן". אהרן מטריבוש, 1, דף ז - ב - תּר,

1939 – 1937 " אין קאמין פון גליִיקע געדאַנקען //

1313 ליגן אוצרות פון איידעלע געשטיינער". סוצקעווער,3,141.

ם גישטיין.

-----→ 3.

15/4/41 " אייך קרוין אלזו שיין בון איינם צענטנר גולט.

1302 אונ׳ דה צו אלזוא שוין אלש מן זיא מאלן זולט.//

אונ׳ דער אידילן גישטיין ווארן ויל דראן".

שמואל=בוך, סטראפע 1337 – 1338.

1694 " זיא אום רינגילן אונ׳ זיצין אויף שטול פון

1319 קארפונקיל אונ׳ גוטין גישטיין". אקדמות.

1764 " אונ׳ זי |די בעטן| ווארן בשיקט מיט אידיל

1268 גשטיין, שמארגדן אונ׳ פערל מוטר". יוסיפון,5,דף כז –ז.

19

ג ע ש ט יי ן II - אוטור, פֿאַר געשטאַנען. (עלט)

1. מודה זײַן, צוגעבן, נאָכגעבן.

1844 " דען וועל איך מיר פּיללייכט דורך איין בריף אויפן וואונק איהם זיך לאזן דער קענען. נאר ער 1309

דארף טרעפין מיט זיין אייגענעם פערשטאנד, ווען ער מיר געשטיין דאש איך רעכט האב". ליאַנדאָר, 25,1.

1908 " איעדער איינער מוז געשטיין,// אַז דאָס נאָר 'אַ מקווה פּשרה',// ווי ציונס טעכטער מוזן גיין // 1289

זיך טובֿל זײַן און ווערן ריין". ראַזענפֿעלד, 251,2.

2. באַשטיין, קעגנשטיין, קעגנשטעלן זיך.

|אַנהייב XIX| " איין טײַטשל פֿון אַ רבין געשטייט פֿאַר אַלע אײַערע חכמים מיט זייערע חכמות". 1283

אַן, געגנאַרטע וועלט, 2, 58.

געש- 263.

1909 " אַלע, אַלע זענען מיט מיר, אַלע פֿון גרויס ביז קליין!// נאָר, יאָ, נאָר איין קעגנער האָב איך, זאָך איך דיר געשטיין?". גאָלדפֿאַדען, 3, 18.

3. גלײַכן זיך (צו עמעצן), האָבן דעם זעלבן ווערט, פּוח |ליפֿשיץ 2|.

173.



4. "אויסשטייך, אויסהאַלט" |י. מארק|.

5. דזוו באַהויפּטן |קטוו, גנ בענשטיין, ריזשין, פּער 90,
ב׳ XXIII - 2, ז׳ 49|.

גישטיין.

1.

1701 " וויא נון השם=יתברך הערט דש משה רבינו ניט
וואלט גשטיין דז ער דיא תורה האט מקבל גווען, 1306
שפראך הקב"ה דיא בישט איין ליגנר". מעשה=בוך, 2,
מעשה ב.

1796 " ביי הש"י איז גיראט אום גוועגט וועז מן זייני
עבירות ניט גישטיט אונ לייקנט זי אזו ווערט ער 1308
גשטראפט". דרך הישר, פרק ל"ח.

.2 ←---

1544 " אונ׳ דש ער דען זיינן ניט קוט בור גישטון.
1300 // זיא הטן זיך גישפרייט ווייט אויף עמלך פלון".

שמואל=בוך, סטראפע 773.

6. קאסטן, באטרעפן.

1595 " אונ׳ עש וואז גישטייט דער קהלה, די זאל
1311 ער אלז מכיטן מיזן צאלין". קראקעווער קהילה=תקנות".

1671 " אונ׳ אל דיא הוצאות זאלן זיין מכים קושרי
1312 קשרים אונ וואש זילכי זכין וערן גישטיין ווערט
מען גובה זיין פון אירי הייזר אונ׳ אירי קליידר".

כרוז גראמניץ, 123.

ג ע ש ט יי נ ט - פאר פון שטיינען |הארקאווי|.

ג ע ש ט יי ב י ק ט - פֿאַר פֿון שטייניקן.

175.

268 - געש

געשטייער - דאָס/דער, בא. (שנש?) דאָס שטײַערן זיך, ראַנגלען זיך; געראַנגל, פּאַרמעסט.

1968 " און גופא די נאַטור רופט אויף געשטייער".

לעיעלעס, 6, 252. 1325

ג ע ש ט יי ע ר ט – פֿאר פֿון שטייערן, (פֿירן אַ שיף).

270 –

ג ע ש ט ײ ע ר ט – פֿאַר פֿון שטײַערן.

געשטייפּט – 1. פֿאַר פֿון שטייפֿן (שטייף מאַכן).

2. אַדי/אַדוו.

1927-1923 " מיט פּנים צו רויווינט, בייט אָנשפּאַר

1328 פֿון באַרט,// מיט פֿינגער געשטייפּטע, ווי קופּערנער

דראָט |...|". לייוויק, 6, 299.

1950 " געווען איז דער זיידע אַ בלייכער, געשטייפּט

1327 ווי אַ סאָסנע". ראַדאַשיצקי, 1.

(?נ?) ם |געשטילל| ג ש ט י ל א — שטילקייט.

,;; "שלאנן - גשטילא, ל' שאנן". רייכלין 8,

1330 איוב, כא - כג, מה"ד: gestille.

|תיא גיט אבער דעם אדיעקטיוו: רו?ק|.

ג ע ש ט י ל ט ! - פּאַר פֿון שטילן.

178.



געשטי́לט !! - מיט אַ שטיל [סטוטש 249].

1343 % געשטילטע בלעטער [איבז גאַלאַמב, 2, 157].

ג ע ש ט י ל ט י ק ט - אדי/אדוו. (שנש?) איינגעשטילט, שטיל געווארן.

1959 " עכא שאלט אפ אין דער לופט דער געשטילטיקטער".
מ. דייטש, 3, 283. 1342

רעד: לויט מיר איז די ניישאפונג (?) אן אומגעלומפערטע און אומנייטיקע.

(?נ?) ם|געשטילן| ג ש ט י ל ן - שטיל מאכן, איינשטילן.

... "והשיכותי - און' איך וויל גשטילן".

1352 רייכלין 8, במדבר יז - כ.

181.

277 -געש- (שטומען, קלינגען)

געשטים - דאס/דער, בא. (שבש) דאס (וועגן שטימע, קלאנג, טאנירונג).

1956 " איך פיבער איבער יעמוועדן אות,// איך פרוּוו

1345 זיין געשטים, זיין געלייטער". שומיאטשער,3,25.

געשטימט I – פֿאַר פֿון שטימען (אָפּגעבן די שטימען בײַ װאַלן).

ג ע ש ט י׳ מ ט !! – פֿאר פֿון שטימען ( זייַן אין איינקלאַנג, אין אָרדענונג).

ג ע ש ט י מ ט !!! - אדי/אדוו. 1. אין אַ געוויסער שטימונג, צושטאַנד פֿון געמיט. % פֿריילעך (טרויעריק) געשטימט. לאָז אים צו רו, ער איז איצט שלעכט געשטימט.

1903 " דער איבעריקער עולם איז שוין געווען נישט אַזוי יום=טובֿדיק אָנגעטאָן, דערפֿאַר זענען זיי אָבער געווען יום=טובֿדיק געשטימט". שלום=עליכם, 24, 10. 1360

1948 "|...| סרולי איז עפּעס שטאַרק אויפֿגעראַמט און פֿייערלעך געשטימט, ווי גלייך ער וואָלט |...| שוין נישט איין כּוסה געהאַט אַריינגעכאַפּט". קאנק

נסתר, 6, 352.

1968 " יאַנקל קוקט אויס שלעכט געשטימט, ער ליידט

281. -גע

1919 " די מאַיאָריטעט פֿון די ייִדישע רעוואָלוציאָנערן |...|

|איז| ניט געשטימט ייִדיש=נאַציאָנאַל". 1350

זשיטלאָווסקי, 9, 14.

1951 " די איבערוויגנדיקע מערהייט פֿון דעם צווייטן

קהילות=צוזאַמענפֿאָר אין ליטע |...| איז געווען אַ 1359

בירגערלעכע און נאַציאָנאַל געשטימטע". ע. ווידאַנס,

פֿער 106, 241.

ג ע ש ט י נ ק ע כ ץ - דאס, =ן. געשטאַנק, שלעכטער ריח.

1970 " מאַטעריע איז געלעגן ערגעץ אין קאַסמאָס און

1362 געשטונקען. פון דעם דאָזיקן געשטינקעכץ איז געוואָרן

לעבן". באשעוויס, פער 155, $\overline{V}$ 1.

185,

284 - געש

ג ע ש ט י פֿ ל ט - ---> **געשטופּלט.**

ג ע ש ט י צ ט - פֿאר פֿון שטיצן.

געשטיק I - דאס/דער, בא. (עלט) מין האפטעריי, אויסנייעכץ.

1878 " אויף אירע פיס האט זי גילדענע פינגערלעך און
1378 אויף איר רוקן איין דעקע, |א| געלע זיידענע מיט
זילבער=געשטיק". אנ. טויזנט און איין טאג, ז' 39.

... "צו דעם מיט פון דעם פאלאץ האט א שווארצער טעפער
1374 געפירט, און זיין גאלדן געשטיק - די זון און דער
אויערהאן - ניט קיין ציון=געשטיק". קאצינע, 2, 48.

ם גישטיק.

1761 " חד"א |חתיכא דאיסורא| לנשים מענטלעך מקושט
1381 וזהב און גילדין וזילבר גישטיק גל משך הנ"ל".
פנקס מדינת ליטא, 2, 272.

187,

287 - געש

(?נ?) ם|געשטיק !!| ג ש ט י ק - |דאס?|, מין באַלאַגערונגס

געווער |האַרמאַט?|.

1711 " דר נאך שיקט דער מלך גרושי גשטיקי אום

1377 דיא מויארן איין צו ווערפן". צאינה=וראינה,2,דף סא-!.

1744 " איין שונא קומט פר איין מקום חוזק איין צו

1373 נעמן אונ' וויל עז מיט שטארמר |שטארקער?| הנט

איין נעמן זוא פלאנצט ער זיין גשטיק אונ' שיסט ער

פיל מאלט אויף איין ארט ביז ער דיא מואיר איין

ברעכט". קהלת שלמה.

געשטיקט I – פֿאַר פֿון שטיקן (וואָרגן).

ג ע ש ט י ק ט !! - 1. פֿאַר פֿון שטיקן (האַפֿטן, אויסנייען).

2. אַדי/אדוו. אויסגעניייט, געהאַפֿטן. אַ המדל מיט אַ געשטיקטן קראַגן. אַ געשטיקט תּפֿילין=זעקל.

1886 " ביי זלאַטען אין קאַסטן זענען שוין געלעגן |...| אָנגעגרייט אַ האַלב טוץ העמדער מיט |...| שיינע 1376
אויסגענייטע געסטקעס, |...| ציכלער געשטיקטע |...|".
שלום=עליכם, 25, 180.

1915 " אויף אַ טעפּעך אַ געשטיקטן // טאַנצט פֿאַרשיכּורט זאַלאַמייע". ניידוס, 1, 81. 1392

1952 "אַ פֿרפֿל=קישעלע מיט גאָלד געשטיקט".
שניאור, 12, 5. 1383

789,



ג ע ש ט י ק ל ט   -   1. פֿאַר פֿון שטיקלעך |האַרקאַווי|.

2. אַדי/אַדוו. וואָס באַשטייט פֿון שטיקלעך, ניט =גאַנץ.

" |...| איין דינעם פֿאַדעם לאַנג // און ניט   1955

געשטיקלט". מאני לייב, 2, 47.   1395

190.

291 - געש

ג ע ש ט י ק ע ו ו ע ט – ---→ **געשטוקעוועט** [היסטריקסווי].

רעד: פאַר וואָס?! ס'איז דאָ אין ייִדיש: שטיק, שטיקל, שטיקלעכווײַז, כ'האָב אויך געהערט 'צעשטיקלען', נישטאָ 'שטוק' אָדער 'שטוקע'. פאַר וואָס נאָכגיין פּויליש?

291/1 — גע

2415

גע ש ט י ק ע ר יִ י — דאס, בא. שטופּעניש, גרויסע

ענגשאַפּט פֿון מענטשן |ראַכקינד|.

292 –

ג ע ש ט י ר נ ט – פֿאר פֿון שטירענען, |הארקאווי|.

293 - גרײַ

(בטהונפטן).

ג ע ש ט ע ט י ק ט - פֿאַר פֿון שטעטיקן סטוטש [357].

191.

294 - געש

(?נ?) געשטעטיקן זיך - אוטוו. (שנש) ווערן שטעט, פארמירן זיך ווי שטעט.

1949 " געזען האב איך שטעט פון געמוסקלטן פייער,// ביז איצט ניט באמערקט פון קיין שום געאגראפן, 1400
|...| זיי האבן זיך, קענטיק, אליין דא געשטעטיקט,
// און אייגענע פארמען באגאסן מיט לאווע".

סוצקעווער, 4, 67.

295 – גל

ג ע ש ט ע כ ע וו ע ט – פֿאַר פֿון <u>שטעכעווען</u> (טוישן).

געשטעל ! - דאָס/דער, =ן. 1. קערפּער=געבוי
פון אַ מענטשן, פיגור; שטעל, (גע)שטאַלט. % שיין
(גראַציעז, איידל) געשטעל. ברייטביינערדיק (צוואַקסן,
ווּוקסיק) געשטעל. קאַמיש געשטעל. דער בחור האָט אַ
געשטעל פון אַ גיבור.

1935 " זי דערקענט זיין גאַנג און געשטעל".
1407 הירשביין, 5, 100.

1973 " אַ שיין פּנים, אַ פעסט געבוי און אַ
1417 שטאַלטנע געשטעל". אליצקי, 5, 43.

2. אויפפיר, האַלטונג, פּאָזע. % גרויסהאַלטעריש געשטעל.
מע דערקענט אין זיין געשטעל, אַז ער איז אַן
אויפגעקומענער נגיד.

1929 " וואָס זאָגסטו צו אים - אַ געשטעל פֿון אַ יתום".

1403 הירשביין 3, 94.

1975 " די שטייט מיר פֿאַר די אויגן: אַ שיין מענטש מיט

קאנק אַ גרויסשטאַטישן געשטעל". באַשעוויס, 6, 102.

3. (איר) ווענן אַ מענטשן מיט אַ דעפֿאָרמירטער געשטאַלט

1451 אָדער קליינוווּקסיקן"|קטוו, יזב 15, 557|.

4. מאָדעל, פֿאַסאָן|?|.

1955 " ס'קלייד, אַ געשטעל פֿון צוויי פֿאַלעס, איז

1433 לויז געפֿאַלן פֿון די אַקסלען". אפּאַטאָשו, 18.

רעד: ניט זיכער אין אויסטייַטש; ציטאַטע ניט פֿול, חוץ
דעם נאָמען פֿון בוך"בר=כוכבא" איז ניטאָ מער קיין
ביבל' דאַטן, מע זאָל קאָנען נאָכזוכן.

ם גשטעל.

.2 <----

1766 " |...| געהמליך וואז פר פנים אודר צורה ער

מאכט, דז גשטעל פון זייני אויגן, וויא ער דיא 1470

נאז ציהט, וויא ער זיך שיטלט מיט דעם קאפף".

אבן ישראל, דף ט - 2.

געשטעל !! - דאס/דער, =ן. פקפּ # געשטעלעכל.

1. אנשפּאר, אנהאלט, גערעם אויף (אין)וועלכן עפּעס ווערט געשטעלט, איינגעפּאסט.

1864 " ניט לאנג האט מען געטראפן הענגען א שטיקל פּאפּיר
1444 אויף דעם געשטעל פון פּאפּסטס בילד". פּער 177, נ"22, ז' 340.

1926–1930 "בליצן האבן ארויסגעטויכט פון דער פינצטערניש,
1466 געצונדן צעשויבערטע, פּארגאווערטע וואלן, וואס האבן געהאלטן אין איין ווארפן זיך מיט א פּויקעריי, סווישטעריי אויף דעם שטאלענעם געשטעל פון דער שיף". אפּאטאשו, 15, 24.

1923 " געשטעל פון פענצטער - "Коробка окна".
1450 פינקעל, 1, 31.

300 - געש

1952 " ער האָט געטראָגן ברילן מיט אַ גאָלדענעם געשטעל".

1418 צ. פּעפּער, יזב 12, 155.

1962 " אינעם צעך ווו עס ווערן באַארבעט מעכטיקע

1412 קניפּטיילן צו וואַלץ=געשטעלן און בלומינגען |...|".

י. קערלער, פּער 131, נ׳ 2, ז׳ 99.

1964 " אַ סופּיט מיט געשטעלן פֿון איַיזן=בעטאָן, מיט

1426 איינגעפּאסטע אויסגעהוילטע בלאָקן, באַזאָרגט מיט

טערמישער איזאָלאַציע |...|". אַנ, פּראָספּעקט פֿון

דורות |...|".

2. (ספּעצ) אונטערשטעל, אונטערהאַלט, באַזע אויף וועלבער

ס׳ווערט עפּעס צוגעפּעסטיקט; שטאַטיוו, שטאַלוגע,

פּאָסטומענט, פּיעדעסטאַל.

" |...| די טײַערע מתּנה: אַ זילבערן טינטפֿאַס, 1885
1445 |...| קינסטלעריש געאַרבעט, דאָס געשטעל איז
זעקסקאַנטיק |...|". פֿער 74, נ׳ 2, ז׳ 24.

" דער געשטעל (סטאַלוגע) איז אויסגערעכנט 1929
1454 אויף דער מאָס, ווען די בלעטער |פֿון קאָרטנטיש|
זענען צוזאַמענגעלייגט". בערמאַן, 2, 67.

" דער אינזשיניער איז געדולדיק אויסגעזעסן, 1932
1472 ווען דאָס טרייבל |פֿון טעלעפֿאָן| האָט אַ קריץ געטאָן
אויף די געשטעל= אויערן |...|". קאַהאַן, 2, 26.

" גוטמאַן האָט זיך צוריק גענומען צו דער 1972
1408 מאַלערײַ, ער האָט זיך געשאַפֿן אַ געשטעל, פֿאַרבן, און
אין א ווינקל פֿון דער קיך האָט ער זיך אײַנגעאָרדנט
זײַן אַטעליע". ראָזענפֿאַרב, 2, 160.

3. באַזונדער אָרט, אײַנריכטונג אויף וועלכן ס'ווערט
אויסגעפֿירט אַ געוויסע אַרבעט; (ווערקשטאַט) וואַרשטאַט. "באָק -
אַ געשטעל, אויף וועלכן מען פּאַלצט לעדער"|קטוו|.
" ברוקטעוואָס - אַ געשטעל אויף וועלכער מע קלאַפּט
אויס פֿלאַקס, קאַנאָפּיע"|קטוו|.

% שוסטער = געשטעל.
סטאָליער = געשטעל:
הולץ = געשטעל.

1923 " געשטעל - Козлы."
1449 פֿינקעל, 1, 30.

4. רושטאָוואַניע, די פּלאַטפֿאָרמע אויף וועלכע ס'אַרבעטן
מולערס, מאַליאַרעס און אַנדערע בויאַרבעטער.
1923 " ~~געשטעל~~ געשטעל" Леса.
1448 פֿינקעל, 1, 34.

1934 " צי ס'האָט זיך איר פֿון אויפֿרעגונג געדרייט
1410 דער קאָפּ, צי ס'האָט זיך דער מולערשער געשטעל
אַ דריי געטאָן |...|". מאַרקיש, 6, 20.

5. אַ פּלאַץ (אַ טישל, אַ בודקע) אויסצולייגן סחורה צו
פֿאַרקויפֿן אויף אַ יאַריד, מאַרק; שטעל(ע), סטראַגאַן.

1947 " נעבן די פּישער שטייען די טאַנדעטער מיט זייערע
געשטעלן". יזב 8, 48. 1442

1951 " די דאָזיקע ייִדענעס |...| האָבן געהאַט געשטעלן
אויפֿן יאַריד". ב.י. בילאַסטאָצקי, פֿער 106, 1207. 1415

1966 " ווײַבער בײַ די געשטעלעכלעך האָבן איך אײַלעניש
אָפּגערוימט די סחורה". באַשעוויס, פֿער 155, 2/VII. 1514

1969 " זומער פֿאַר נאַכט זענען די געשטאַנען אויפֿן פּוסט
געוואָרענעם מאַרק, ווו. ס'זענען איבערגעבליבן פֿערדישע 1461
צואה, בינטלעך שטרוי און נאַקעטע הילצערנע געשטעלן".
גראַדע, פֿער 69, 14/XI.

6. דער פֿאַרנט און דער הינטן פֿון אַ וואָגן, פֿאַרבונדן
דורך דער ראַזוואָרע. פּויל Podwozie |פֿער 92, 1938, נ' 5|. 1464

□ <u>גישטעל.</u>

7. מין בימה, פּלאַטפאָרמע.

1648 " איין גרוש <u>גישטעל</u> ריכטטן זיא אוף //"אויף דען
ראס מרק טעטן זיא עש שטעלן// זעקש שטאפלן מושט מן גיין 1443
אנויף// אויףביידי זייטן האט עש שטאפלן אונ' שווען".
<u>מגילת ווינץ, ז' 34.</u>

געשטעלט - 1. פֿאַר פֿון שטעלן.

2. אדי. (עלט) אָפּגעשטימט, פֿון פֿריִער באַשטימט, באַשטענדיק.
% אין דער קראָם קאָן מען זיך ניט דינגען, די פּרייזן
זיינען געשטעלטע. ער דאַרף קומען צו דער געשטעלטער
שעה.

1836 " |דאס קינד| מוז האבן א געשטעלטע צייט, עס
1477 איז זער שעדלעך אז דאס קינד זאל שטענדיג ביי דער
מוטערס ברוסט ליגן". בערלאנט, 1, 26.

1875 " |...| און |דער וואס| האָט זיין געשטעלטע
1505 פּרנסה, מוז ער בוודאי געבן איין שבח והודיה דרויף
צו גאָט ב"ה". קבֿ הישר, 5, ז' 36 - TT.

1941 " זאָלט איר היטן מקריבֿ צו זיין צו מיר אין זיין
1509 געשטעלטער צייט". תרגום, יהואש, במדבר, כח - 2.

3. סאליד, גרינטלעך, איינגעפונדעוועט. % אויף אים
מעגסטו זיך פארלאזן, ער איז א געשטעלטער מענטש און
וועט דיך ניט אפנארן. יענער איז ניט קיין געשטעלטער
מענטש – היינט זאגט ער אזוי און מארגן אנדערש.

1883 " |...| איין מענטש מיט איין געשטעלטן וויסן
און מיט איין גוטן אבער הארטן כאראקטער". 1476
רובינשטיין, 1, 17.

1919 " |...| האט מען זיך אונטערגעגעבן דעם יצר=הרע
פון נאציאנאלן זעלבסטמארד, וואס האט זיך געלוינט 1494
פאר די עקאנאמישע און סאציאלע אינטערעסן, פון דעם
מער אבער ווייניקער געשטעלטן יחיד". זשיטלאווסקי, 16,10.

1928 " |...| א ייד א בעל=הבית, א פעסטער, אן
אפגעקלערטער, א געשטעלטער, א שטאט". פ. שניאורסאן, 2. 1480

1964 " אַ ניט=געשטעלטער מענטש האָט קיין פֿרײַנד נישט".

איבז אליאָבֿ, פֿער 69, 15/XI. ~~1480~~

4. (סובסטאַנטיווירט, עלט) עלטסטער, אָנפֿירער.

1941 " און שלמה האָט געהאַט צוועלף געשטעלטע איבער

גאַנץ ישראל". תּרגום יהואש, מלכים א', ד – 7. 1511

|| געשטעלטערהייט – אדוו. אין מצב פֿון זײַן געשטעלט (אין [illegible])

1906 " אַ סוחר, אַז ער שטאַרבט אַוועק נישט געשטעלטערהייט,

איז אַ סימן, אַז ער איז געשטאָרבן פֿאַר דער צײַט". 1512

שלום=עליכם, 32, 157.

געשטעלטקייט – די, באַ. אײגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון

זײַן געשטעלט. % געשטעלטקייט איז אַ מעלה אין

כאַראַקטער פֿון אַ מענטש.

/7 געשטעלטער וויין, בראַנפֿן. – 1. וויין אָדער בראַנפֿן געמאַכט פֿון עפּל, ווײַנשל, ווײַנפּערלעך א"א.

% צום סדר האָט מען דערלאַנגט היימיש געשטעלטן וויין פֿון ראָזשינקעס.

1919 " |...| געבראַכט רויטן געשטעלטן בראַנפֿן".

אש, 5, 14. 1500

1955 " |...| שיקן אײַך |...| דאָס געבראַטענע געדיל

און אַ בוטליע קאַרנוויין |?| היימיש געשטעלטן". 1496

מ. מאלי, פֿער 38, נ' 22, ז' 168.

1968 " אַ העל רויטע ווײַניקע משקה פֿון געשטעלטע

ווײַנפּערלעך". גראַדע, פֿער 69, X /11. 1487

2. געמישט מיט עפּעס (מיט ספּירט, מיט וואַסער).

205,

309 — געש

1865 " דער יונגערמאַנטשיק |...| קריכט נאָך די אַלטע
חסידים, געוווינט זיך טרינקען אַ שיעור |?| כּוס 1481
ספּירט געשטעלט מיט בראַנפֿן". פּער 177, נ' 20, ז' 305.

געשטעלטע פּיס — דזוו געגליווערטע פּיס, פּעטשאַ.

הויך געשטעלטער — וועגן עמעצן וואָס פֿאַרנעמט אַ הויכן,
חשובֿן פּאָסטן.

וואס עלטער אלץ געשטעלטער — (שוו) מיט דער עלטער
ווערט דער מענטש מיושבֿדיקער, געלאַסענער.

געשטעלעך - דאָס/דער, =ער. (עלט) בנב.

1866 " צווישן די זײַלן האָבן געגלאַנצט |...| די נעמען פֿון |...| קייסער און |...| קייסערין, אונטן האָבן זיך געדרייט צוויי רונדע, שפּיציקע געשטעלעכער, ווי היטלעך צוקער (קאַנוסע)". פֿער 177, נ׳8, ז׳116.

רעד: זאָל דאָס זײַן אַ פּקפּ פֿון "געשטעל"? (ווי "געשטעלעכל")? איז ווי קומט דאָס "געשטעלן וואָס דרייען זיך"?

311 -

ג ע ש ט ע מ פּ ל ט – פֿאַר פֿון שטעמפּלען.

311/1

גע -

ג ע ש ט ע מ פּ ע ו ו ע ט - פֿאַר פּון שטעמפּעווען.

סטוטש 526.

255

(?נ?) ם|געשטענגלט| ג י ש ט ע נ ג י ל ט - אין/מיט שטענגלעך,
שטעקלעך.

... " בפשתי העץ - אונדר דען לין גשטינגלט".

1524 ריכלין 8, יהושע ב' 1. |תי: אין פלאקסשטעקלעך|.

1760 " והפשתה גבעל - גישטענגילט". מלים לאלוה,

1523 שמות, ט - לא. |תי: און דער פלאקס אין בל?ונג|.

313 – גזל

געשטענגלט (זיך) – פֿאַר פֿון <u>שטענגלען (זיך)</u>*

|<u>סטוטש</u> [249.

208.



ג ע ש ט ע פּ - דאָס/דער, בא. דאָס דויערנדיקע שטעפּן
אָדער דאָס שטעפּן פֿון אַ סך זאַכן.

1956 " געגאַנגען אין דער הייך איז אַ געשטעפּ // דורך
1526 מײַלער פֿון האַרמאַטן אויפֿגערופֿענע". מארקיש, 10, 194.

1974 " |...| טאָג נאָך טאָג, שעה נאָך שעה דאָס געשטעפּ
1/1526 פֿון מאַשינביקסן |...|". עלבערג, 2, 32.

ג ע ש ט ע פּ ט – פֿאַר פֿון שטעפּן.

ג ע ש ט ע ק ט – פֿאַר פֿון שטעקן.

209.

317- געש

ג ע ש ט ע ר - דאס/דער, בא. שטערונג.

1908 " שטיל די וואָלקן אין דער לופֿטן,// פֿון אַ ווינטעלע קיין ווייען,// פֿון אַ בערגעלע קיין ווינקען,// פֿון דעם הימל קיין געשטער". ראָזענפֿעלד, 2, 151.

| רעד: און אפֿשר מיינט מען דאָ "שטערן" וואָס לייַכטן? |
|---|

"שרייַען מיט אַ געשטער - "שרייַען אַזש ביז הייזעריק ווערן" |קטוו|.

318 -

ג ע ש ט ע ר ט - פאר פון שטערן.

319 –

ג ע ש ט ע ר כ ע ט – פֿאר פֿון שטערכען.

ג ע ש ט ע ר ן - <u>דער, =ס.</u> (<u>שנש</u>) שטערן=גרופּע, שטערן=
סיסטעם; קאָנסטעלאַציע. דער <u>געשטערן</u> פֿון גרויסן בער
איז אויף דער צפֿון=זייט פֿון הימל.

1967 " דעם ברילי‌אַנטענעם גוף פֿון <u>געשטערן</u> טוט קיין
1540 מאָל ניט ווײ |...|". <u>פֿרידמאַן, 4, 34.</u>

געשטערנט - אַדי/אַדוו. מיט שטערן, אויסגעשטערנט.

% מע זעט אַ <u>געשטערנטן</u> הימל.

1920 " עס ציט זיך דורך אים // גאָטס <u>געשטערנטער</u>
וועג". <u>איינהאָרן, 5, 10.</u> 1541

|| <u>געשטערנטקייט</u> - <u>די, בא.</u> אייגנשאַפֿט אָדער מצב
פֿון זײַן געשטערנט.

1972 " איך האָב האַלט די <u>געשטערנטקייט</u>,// ווײַל זי
פֿינקלט אַראָפּ צו דיר // אין אָוונטיקן גראָז". 1543
<u>פֿרידמאַן, פֿער 38, נ׳ 76, ז׳ 79.</u>

322 – le

ג ע ש ט ר אָ כ ן – פֿאַר פֿון שטרײַכן.

212,

323 - געש

ג ע ש ש ט ר א ל - דאס/דער, בא. (שנש) דאס דויערנדיקע שטראַלן.

1959 " בלינג איז בלינג, און גוט וואָס זי זייט ריחות

1547 |...| ביי פּאָספּאַרדיקן שטערן=געשטראַל, ביי שיין פֿון פֿרילינג=לבֿנה". ש. שנהוד, פֿער 9, פּסח=נומער, ז'74.

1963 "קוואַליק קוואַל! אַלע שטראַלן - איין געשטראַל!".

1546 פֿרידמאַן, 3, 98.

324 - גן

ג ע ש ט ר א ל ט - פאר פון שטראלן.

213,

325 - געש

געשטראָם - דאָס/דער, בא. (שנש) דאָס דויערנדיקע שטראָמען אָדער דאָס שטראָמען פֿון אַ סך זאַכן צוזאַמען.

1930 " ער איז מיטגעגאַנגען מיטן קונסטפֿולן געשטראָם פֿון דעם אינהאַלט". איבז, י. מארק, 2. 1548

1977 "

סוצקעווער, 8, 38.

רעזי: געפֿינען צו פֿאָטשטער אין בוך – איך האָב עס נישט...
ש. פ.

326 - ג'

ג ע ש ט ר אָ מ ט - פֿאַר פֿון שטראָמען.

(?ב?) ג ע ש ט ר אַ נ ד (ע) ט - 1. פֿאַר פֿון שטראַנדן.

2. אַדי/ אַדוו. (דטשמ?) ווי אַ שיף אָן אַרויסגעוואָרפֿן

דורכן שטורעם אויפֿן ברעג ים.

|לײַדן שיפֿבראַך == [D: STRANDEN

19... "|...| די פֿריידן איז געשטאָרבן//איך וועלגערויש

1550 וואָרפֿט זיך אַ שיף//געשטראַנדעט, פֿאַרוויסט און פֿאַרדאָרבן".

ווינטשעווסקי, 139,2.

1953 " איך פֿאַליש בײַים אַרויסגאַנג איז דער גאַנצער

1549 עולם פּלוצעם געבליבן אַ געשטראַנדעטער. אַלע האָבן זיך

צונויפֿגעדריקט אין אַ געדיכטער מאַסע און זײַנען

געשטאַנען אַזוי ווי פֿאַרשטיינערטע". ברוסילאָוו, 120,1.

215.



געשטראָפּט - 1. פֿאַר פֿון שטראָפֿן.

2. אַדי/אַדוו. (פֿטמ) אַן אומגליקלעכ(ער) מענטש, אין אַ שלעכטן מצבֿ |סטוטש 498|.

1948 " |...| האָט גיטעלע, שוין אַזוי אויך אַ געשטראָפּטע, איצט ווי עפּעס אַ נייעם אומגליק דערפּילט |...|". קאנק

נסתר, 6, 125.

3. (פֿטמ) וועגן איינעם וואָס איז געבוירן מיט אַ מום, ספּעציעל וועגן אַ גייסטיק קראַנקן, אויך וועגן אַ גרויסן נאַר. % וואָס קען מען שוין פֿאָדערן פֿון אים, ער איז נעבעך אַ געשטראָפּטער.

216.

329 - געש

4. (עלט|סטוטש 235| "וועגן אַ גאַליציאַנער ייִד, וואָס

איז דורך דעם עסטרייַכישן געריכט פֿאַרמישפּט געוואָרן

אויף לאַנגע יאָרן תּפֿיסה און מע האָט אים באַפֿרייַט

מיטן תּנאַי ער זאָל אַרויספֿאָרן פֿון לאַנד(ס'רוב

אין אַמעריקע)"|קטוור|.

330 - גרי

(ג ע) ש ט ר אַ פּ י ר ט - פֿאַר פֿון שטראָפֿירן.

געשטרויך - דאָס/דער, =ער. (דטשמ) קוסטעס,

קוסטעס=וועלדל.

1929 " |...| באַהאַלטן וועלן מיר זיך צווישן די געשטרויכער".

1588 פרישמאַן, 2.

1945 " |...| אין יענער דרימלענדיקער שטילקייט,//

1561 וואָס איז צעגאָסן רײַך// אויף לאַנגער פֿלאַך פֿון טײַך,

// אויף גראָז און אויף געשטרויך". האַפשטיין, 55,6.

ם גשטרייכסט.

1721 " דער נאָך איז יצחק פון מזבח הראב קאם וואר דער

1592 (ווידר) בגריפן פר ווערט אין גשטרייכסט מיט זייני

הערניר". מחזור, 2, דף נג - ב.

........................................................................

רעד: מיט וואָס איז"געקוסט" (פון רוסיש"קוסט")פשר און"געשטרויך"

טריף, כאָטש ס'איז דאָ אין אַלט=ייִדישע טעקסטן?

218.

332 - געש

ג ע ש ט ר ו י כ ל - דאס/דער, בא. (שנש) דאַס

דויערנדיקע שטרויכלען, אַ סך שטרויכלונגען.

1964 " געטאַפּט און געזוכט אין דער שליימיקער חשכות

1562 // און דורכגעהאַקט צאָם און געשטרויכל". מאניק,2,84.

276

ג ע ש ט ר ו י כ ל ט - 1. פֿאַר פֿון שטרויכלען.

2. אדי. וואָס איז געפֿאַלן איבער אַ שטרויכלונג, שטערונג.
% דעם געשטרויכלטן אַלטיטשקן האָט מען געהאָלפֿן אויפֿצוהייבן
זיך און שטעלן אויף די פֿיס.

3. (פֿיג. אָפּט סובסטאַנטיווירט) וואָס איז דורכגעפֿאַלן,
ניט בײַגעשטאַנען אַ נסיון, פּרוּוו, באַגאַנגען אַ פֿעלער,
אַ זינד.

" יונגע ווײַבלעך |...| האָבן געוויינט און
תּפֿילה געטון סײַ פֿאַר זיך און זייערע משפּחות און
סײַ פֿאַר דער נשמה פֿון דער געשטרויכלטער ליסע
בת גנענדל". באַשעווויס. [struck-through text] ז' 249, 1972

קאַנק

~~1827~~ 1824 שורות

1941 " און געשטרויכלטע גורטן אַן קראַפּט".

1586 תרגום יהואש, שמואל א׳, ב - 4.

1948 " מײַן ברודער שײַקע איז שוין געווען א געשטרויכלטער...
1587 נישט זײַענדיק אײַנשטימיק מיט |...| אַנארכיזם,
האָט ער זיך באַנוגנט מיט זײַן א סאַציאַליסט".
ה. יאַבלאַקאוו, פער 44, נ׳ 7, ז׳ 50.

[7 געשטרויכלטע טהונג - (טערמ׳ פסיכ׳, סטוטש 376)-
אַ טהונג פון אַ מענטשן וואָס באַקומט זיך פעלערדיק
מחמת פסיכישע שטרויכלונגען (למשל, שטאַמלען).

מיט געשטרויכלטע פיס/קני - מיט קני וואָס קאָנען זיך
ניט בייגן, ווי פאַראַליזירט.

1904 " מיט ציטערנדיקע הענט און מיט געשטרויכלטע קניען
1567 טו איך צו אייך שרײַבן די דאָזיקע ווערטער".
שלום=עליכם, [redacted] 160, k7.

רעדז געפינען ביי מיר דעם מקור אלזמיין ב' ווע?

1935 "אַפֿילו די קינדער זענען פֿאַרגליווערט געוואָרן

קאנק אויף זייער אָרט. אַלעמען האָבן פֿאַרלאָזט די פוחות,

און מען איז געבליבן שטיין <u>מיט געשטרויכלטע פֿיס</u>

און אָפֿענע לעפֿצן". <u>באשעוויס, 1, 155 - 156</u>.

געשטרויכלט ווערן - אוטוו. 1. אַנשטויסן זיך אויף אַ שטערונג און ניט קאָנען זי בײַקומען, עווענטועל אויך אומפֿאַלן; ניכשל ווערן, ספּאָטיקען זיך. % דער בלינדער איז געשטרויכלט געוואָרן אָן אַ שטיין אין וועג און איז נעבעך געפֿאַלן. מע דאַרף פֿאַרשיטן די גרוב ביים אַרײַנגאַנג, מע קאָן נאָך צוליב איר געשטרויכלט ווערן.

1848 " איבר אלמין וואש זייא זעניך גיגאנגין אין הויז זעניך זייא גישטרוכלט גיווארין און זיך אן גישלאגין אין דיא זאכין וואש זעניך גיוועך אן גיגרייט". 1576
חובות הלבבות, 3, 103.

1935 " דאָס איז |אַרום דעם ברונעם| איז אָנגעוואַקסן |...| ווי אַ בארג, און ס'איז געווען אַ ספנה צוצוגיין, קאנק
ווײַל ס'איז געווען גענוג איין פֿאַלשער שריט
געשטרויכלט צו ווערן און אַרײַנצופֿאַלן". באשעוויס.97,1.

1941 " און זיי וועלן געשטרויכלט ווערן איינער אן
אנדערן, אזוי ווי פארן שווערד, ווען קיינער יאגט ניט".
תרגום יהואש, ויקרא, כו - 37.

2. (פיג) ניט קענען ביישטיין א פרווו, א נסיון, דורכפאלן:
דורכפאלן, ניט קענען בייקומען דעם יצר=הרע און
באגיין א פעלער, א זינד.

1858 " |...| און מיר זאלן ניט געשטרויכלט ווערן
מיט עלכי לייט די זיי ניט ראוי צדקה צו נעמן |...|". 1578
אב, תחנות ובקשות, 2, דף י/ב.

1904 " פונקט אין יענער צייט האט זיך אים געטראפן
דער בזיון מיט האפקען, וואס ער איז דורך איר 1564
געשטרויכלט געווארן". שלום=עליכם, א7, 184.

1944 " |...| די שוידערלעכע בילדער, וואָס עס טוט
זיך אין גיהנום מיט ייִדן, וועלכע ווערן געשטרויכלט קאנק
אין עבֿירות". טרונק, 3, 241.

1968 " אוי=וואַבֿוי איך צו יענעם, וואָס וועט געשטרויכלט
אויפֿן וועג פֿון זײַן תּשובֿה". גראַדע, 7, 216. קאנק

ם גישטרויכלט ווערן.

----> 2.

1626 " זיא ווערן זיך מכין זייך אז וועז זיא נביאים
ווערן, אונ זיא ווערן אבר גישטרויכלט ווערן". 1574
ס' המגיד, 1, דניאל, יא - יד.

ג ע ש ט ר י ט ן – <u>פֿאַר פֿון</u> <u>שטרײַטן</u>.

(?נ?) געשטריַיך - דאָס/דער, בא. (שנש) דאָס דויערנדיקע שטריַיכן |?|.

1956 " עס שאַרכעט דורך דער ווינט מיט אַ געשטריַיך.// איעדער מת - אַ שטיק פֿאַרזונקענע גערמאַניע,// איעדער 1591
מת - בראַכשטיק פֿונעם ריַיך!". מאַרקיש, 11, 449.

341 - ℓ↯

ג ע ש ט ר ײ כ ט ( ז י ך ) - פֿאַר פֿון שטרײַכן זיך.

342 - גזל

(?נ?) ג ע ש ט ר יי ע ט - פֿאר פֿון (דטשמ) שטרייען,

(צעשפּרייטן, צעשיטן).

226.

343 - געש

געשטרייפט - אדי/אדוו. מיט/אין שטרייפן, פאסן.

% געשטרייפטע הויזן. א געשטרייפטע פיזשאמע.

די קאצעטלער האבן געטראגן געשרייפטע בגדים.

1866 " ווינטער |פלעגט דאס נגידישע יינגל טראגן| א

דימען|?| טולעפל מיט ווייס פוטער אדער גרוי 1595

געשטרייפטע קעץ". ארז, פער 177, נ' 4, ז' 54.

1929 " אט ליגט שוין א טאג אומגעפאלן, ווי אן

איבערגעקערטער ווערסטאווע סלופ, א געשטרייפטער |...|". 1605

מארקיש, 4, 144.

1955 " דאס געשטרייפטע העמדל, וואס יעקב האט יוספן

אויפגענייט, האט אקצענטירט זיין ליבשאפט צו אים".

א. אויערבאך, 5, 37.

227,

344 – געש

געשטרײפּטע היענע – די, =ס. (זאאל) זגאל

היענע|סטוטש 247|.

228,

345 געש-

ג ע ש ט ר י י פ ל ט ע  ה י ע נ ע  -  די, =ס.

דזוו געשטרייפטעהיענע, |סוצקעווער, 4, 188|.

346 – [illegible]

ג ע ש ט ר י כ ל ט – פֿאַר פֿון שטריכלען, |האַרקאַווי|.

347 – גדל

ג ע ש ט ר י כ ן – ----> געשטראכן.

ד

229 347/a 282 347/a
געש -

287

(?נ?) ם |געשטרימפל| ג ש ט ר י מ פ ל - דאס, בא. פלוידעריי |?|.

1775 " בענדר מאכר זיינן פיל// אהני מאס אונד אהני ציל

// פון איהנן קאן מען ניקש בגערן// זיא קאן זעלבר 1610

איר אייגן ווארט ניכט הערין// פאר דען גשטרימפל

שטראמפל טאג אונד נאכט // לנד אונד לייט דאך נאריש

מאכט". איין שין ליד |...|, פער 161, ז' 43.

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש, כאטש פון קאנטעקסט
מעג מען דרינגען, אז ס'מיינט פלאפלעריי, פלוידעריי.
אין דייטש דא "טופען = Stramplen", אבער ווי קומט
עס אהער?

230.

348 - געש

געשטריק - דאָס, =ן. (שנש?) אַן אויסגעשטריקטע זאַך.

1941 "און אַ געשטריק, פֿון ציגנהאָר האָט זי אים געלייגט

1611 צו קאָפּנס". תרגום יהואש, שמואל א', יט - 13.

349 - 8

ג ע ש ט ר י ק ט - פֿאַר פֿון שטריקן.

ג ע ש ט ר ע ב ט - __פֿאר__ __פֿון__ __שטרעבן__.

:231,

351 - געש

(?נ?) ם|געשטרענג|ג י ש ט ר נ ג - אדי/אדוו. שטרענג.

1676 " אונזר הער גוט וורט לנג אונ' ריכט גישטרנג

1619 אונ' מעסט דען מענשן מיט דער מאס דז ער הוט גימעסן".

ברנט שפיגל, פרק מז.

352 - גרז

ג ע ש ט ר ע נ ג ט  ז י ך - פאר פון שטרענגען זיך

|לעיעלעס|,

232,

353 – געש

געשטרעק – דאָס/דער, באַ. 1. דאָס אויסשטרעקן, אויסציִען, אויסשפּרייטן.

1964 "דאָ ערשט שטעלט ער די לינקע פֿוס פֿאָרויס, און זײַן גאַנצער קערפּער מיטן קאָפּ אין דער שפּיץ בייגט זיך אין אַנגרײַפֿעריש<u>ן געשטרעק</u>". <u>י. קאַפּלאַן, 1, 215</u>. 1622

2. (<u>שנש</u>) שטרעקע, מרחק, ווײַטקייט.

1966 "וואָס וועט ווערן פֿון מײַן שורהדיקן פּל=טובֿ? // וועט עס מיטגיין אין דער טיף מיט מיר?// צי וועט עס צוריק אַרויס, אַוועק אויף <u>געשטרעק</u>?". 1623

<u>מ. דײַטש, 4, 7</u>.

גישטרעק.

1. ---->

1696 " |...| מיט האנט שטערק אונ' ארם גישטרעק ווען

צו איביג איז זיין גינאד"|סידור| תפלה למשה, 1150

דף שפ"ח - 2. |תי: ובזרוע נטויה = דברים, ד - 34|.

מיט אן אויסגעשטרעקטן ארעם.

355 - גיל

ג ע ש ט ר ע ק ט - פֿאר פֿון שטרעקן.

356 - [illegible]

ג ע ש ט ש אָ ב ע ט – פֿאָר פֿון שטשאָבען.

357 - גזל

ג ע ש ט ש אָ כ ע ט - פֿאַר פּון שטשאַכען* |האַרקאַווי|.

358 – גע

ג ע ש ט ש י פּ ע ט – פּאר פון שטשיפּען.

ג ע ש ט ש י ר ע ט  –  פֿאַר פּון שטשירען.

ג ע ש ט ש ע פּ ע ט – פֿאר פון שטשעפּען.

361 - גץ

ג ע ש ט ש ע ר ב ע ט - פֿאַר פֿון שטשערבען, | הארקאווי |.

3000

ג ע ש י ב ט – פֿאַר פֿון שיבן.

ג ע ש י ב ע ר ט - פֿאַר פֿון שיבערן.

239.

364 - געש

ג ע ש י ו ע ט - אדי|?|, בנב.

1869 "פֿאַר רחמנות האָב איך צוגעבונדן אויף מײַן פֿערדלס אויסגעקראַכענעם ווײַדל גאַנץ לאַנגע פּאַסן פּאַפּיר מיט געשיווּעט|...|". מענדעלע, פֿישקע דער קרומער, ז' 3.

1630

רעד: 1) איך מײַן טעקסט (אויסג' נ"י ..195, רעד' נ. מייזיל) איז ניטאָ אַזאַ פֿראַזע אין אָנהייב פֿון ווערק. זעט אויס, אַז ער אויסשרײַבער האָט טאַקע געהאַט פֿאַר זיך די ערשטע, זשיטאָמירער ווערסיע פֿון ווערק.

2) ס'מיין אַז דער זאַץ אין דער ציטאַטע איז ניט געענדיקט, אפֿשר דאַרף זײַן "געשיוועטע אותיות" - אַ דיאַלעקטישע אָדער פֿאַרגרײַזטע פֿאָרמע פֿון "געכתיבהטע".

234,

365 - געש

ג ע ש י ט I - דאָס/דער, באַ. (שנש) שיטעכץ, שיטונג, געשאָטענע זאַך.

1967 " יונגע בעזביימלעך האָבן באַלד נאָך פּסח זיך

1632 צעקנאָספּעט|...| און אָנגעהויבן שיטן מיט אַזאַ ווייַסן

שמעקעדיקן געשיט". י. כהן, 1, 20.

געשיט II - 1. פאר/פון שיטן (כּכּ 13 גימאָט).

... "|...| צו מיר אַרויפגעקוקט און פון ציבוק |...|

1633 געשיט נאָר און געשיט". פרץ, 5, 30.

1963 " ס'האָט פון אים געשיט זיך קאָרן".

1633 יאַנאַסאָוויטש, 2, 95.

2. אדי. אויסגעשאָטן, צעשאָטן.

1965 " מיר זיינען שוין איצט אַלע געשטאָנען |...|

א/1631 אויף געשיטע קליינע שטיינדלעך". קאַגאַנאָווסקי, 55,4.

1637 // געשיטע צוקער - ווייכע צוקער, מעל צוקער, מעלעץ.

ם גשיט/גשטט. מהאַד: geschüten.

1636 ... "וינערו - אונ' ווערדן גשטט". רייכלין 8, איוב, לח-יג.

236,

**367** - געש

1716 " אונ׳ איך וויל אויז רייסן די ערד פון צור

1631 אונ׳ וויל זיא מאכן צום גלאטן פעלזן דען צור

שטיט אים אויף גשיטי ערד". ס׳ המגיד, 3, יחזקאל,

כו - ד.

368 – גע

ג ע ש י ט ע ר ט ( ז י ך ) – פֿאַר פֿון שיטערן (זיך).

ג ע ש ײַ - דאָס, =ען. (שנש) געשעעניש |?|.

1956 " ס׳האָגלען געשײַען// אויף אַ דערשראָקענער וועלט".

1638 גלאַטשטיין, 1, 205.

370 - גע

ג ע ש יי ד ט ( ש י ך ) - פאר פון שיידן זיך.

240,



)?בנ?(    ג ע ש יי ד ן ( ז י ך ) - אוטוו. (עלט) אָפּשיידן (זיך),
אָפּזונדערן (זיך), אָפּטיילן (זיך).

1901 "עס איז אָבער דאָ פאַרנאַרטע;מענטשן און רעדן זיך
איין דאָס זיי זענען גרויסע חכמים מער ווי זייערע 1652
עלטערן |...|, איז מען שוין געשיידעט, האָלט מען שוין
ניט די אַלטע זאַכן". אנ, קונטרס |...|, ז' 6.

גישיידן.[ם]

... " הרומו - זינט גשיידן". רייכלין 8, במדבר, יז - י.
|הי: שיידט איין אָפּ|.

1602 "דער בלוז באַליק איז פֿרבראַנד, דאַש בלייא ור
שווינד דאַש שמעלצין איז אום זונשט דאַש בין איז ניט דא 1650
פון גישיידן". ס' ירמיה, ו - כט.

241

372 - געש

ג ע ש יי ו ר ע ט - אדי. (וועגן אותיות) געכּיבהט.

% "מיר האָבן געלייענט די אײַנגעקריצטע באַגולטע

געשייוועטע וועריטעראויף זיי (דרוק=אותיות, ניט= 1653

געשריבענע)" |קטוו|.

רעד: פֿגל דאָס זוכוואָרט "געשיוועט"! איז דאָ עפּעס אַ שייכות?

געשייט – אדי/אדוו. זייער קלוג, פּיקחותדיק, פּיפּיק. % ער איז אַ געשײַטער יונג, פֿאַרשטייט אַלץ אויפֿן וווּנק. זי איז אַ געשײַטע ייִדענע, פֿירט אַליין דאָס גאַנצע געשעפֿט.

1814 " און האַרץ פֿון אַגושאײַטען מענטש בלייבט רוען די חכמה, פֿון נאַרנס בורטשטעס אַרויס". 1671

איבן, לעפֿין, משלי, יד – 33.

1863 " דו זאָלסט אויך איין קאַדי (שופֿט) ווערן דען דו ביסט געשײַט. דיק, 10, 57. א/1675

1908 " איבער הויפּט איז געשײַטער גאַרנישט צו באַניצן קיין בערשטלעך צו די האָר, ווײַל עס איז זייער שווער צו האַלטן ריין די בערשטעלך". מ. גאָטליעב, 2, 67. 1664

1936 " איר זענט א געשייטער מענטש און א געבילדעטער
מאן.זאגט מיר, צוליב וואס לעבט א מענטש?". 1682
מ. אלטמאן, 3, 77.

1962 " פארשטעלט האט זיך אין פייגל זיין געשייטער
יצר=הרע,// דער וואלד האט אים פארפישופט און פארפירט 1681
פון דער גמרא". גראדע, 5, 99.

|| געשייטקייט - די, בא. קלוגשאפט, פיקחות.
1941 " צו געבן די נארן געשייטקייט, דעם יונגן
קענטשאפט און געדאנקען". תרגום, יהואש, משלי, א - 4. 1688

□ גישייד.
1541 " נון הט זי איין הוב מן דער היש ריצארד.//
אויף בושהייט גר גישייד ער ווארד". בבא=בוך, 1655
סטראפע 12.

2441,

375 - געש

אוי.

ג ע ש יַ י ט ע ר ט - אדיַ. (שנש) געברענטע א שיַיטער, דורכגעליטן, געפּייניקט.

1933 " צו דער זון נעמט זיך הייבן // מײַן געזאַנג דער געשיַיטערטער". לייוויק, 6, 438.

1685

ג ע ש י י ל ט – <u>פאר פון</u> <u>שיילן</u>.

377 – נ״ל

ג ע ש ײ ב ט – פֿאַר פֿון שײַנען.

378 — לט

ג ע ש ײ נ ק ט – ---> געשענקט.

ג ע ש יי ע ט (ז י ך) - פֿאַר פֿון שייען (זיך).

380 - גרל

ג ע ש ײ ע ר ט – פֿאַר פֿון שװערן.

246.

381 - געש

(?נ?) ם|געשיך| ג י ש י ך - דאס. "באַשערונג, עפּעס וואָס

1708 איז באַשערט |באר משה, מלכים א׳, יב - 15|.

רעד: אויפֿן קאַרטל איז ניט אָנגעוויזן, פֿון וועלכער אויסגאַבע פֿון"באר משה" ס׳איז דער טײַטש.

382 – לג

ג ע ש י פ ו ר ט |געשיקערט| – <u>פאר פון</u> <u>שיפורן</u>.

ג ע ש ׳ י כ ט I - די (עלט) געשעעניש, פּאסירונג, פּארקומעניש.

1867 " אזוי ווי איך פּסוק שטייט: (כי פּועל אדם ישלם לו)
די פּעולה און די טוונג וואס יעדער מענטש טוט,
באצאָלט מען אים מיט אַלע גשיכט". אנ, ישרי לב, 1712
דף יב/ב.

גישיכט.

1544 " איך הון ניכטש גיווישט בון דיזר
גישיכט.// אונ׳ אל מיינש ואטר גיזינד האבן אויך 1705
גיווישט ניכט". שמואל=בוך, סטראָפע 553.

1648 " זיא פארכטן זיך פאר בויזן גישיכט // פאר
דען מור הטן זיא גרוש מורא". מגילת ווינץ,ז׳18. 1713

(?נ?) געשיכט !! - (עלט) !!! פֿערזאָן אַצ פֿון ווערב

געשען. געשעט, קומט פֿאָר.

1872 " דער נביא האָט איַך פֿריִער אָנגעזאָגט, דאָס עס

איז פֿון הש"י אַלץ וואָס איַך געשיכט".

צאינה וראינה, 3, הפטורת וישא.

.................................................

רעד: דער אויסלייג פֿון דער ציטאַטע איז מאָדערניזירט

דורכן אויסשרײַבער, אַזוי אַרום בין איך ניט איך

גאַנצן זיכער וועגן דער צורה פֿון וואָרט...

.................................................

ם

גישיכט.

1610 " |...| איך ווייש וואול אויך דש דא גישיכט

1698 איינם עש גישיכט אין אלן". טײַטש=חומש, קהלת, ב-יד.

249,

385 געש –

1748 " אל כן קאן איך ניט אונטר לאזן אך צו שרייבן

1714 פון דער גרושי (עבירה) דיא דא גישיכט דאש רוך אויף

דעני (ישובים) מיט דען (מצות) באקן". סידור תפילות,

דף קמא – 3.

250,

386 - געש

געשיכטיקייט - די, =ן. (עלט) געשעעניש, פּאסירונג.

1838 " דיזי גשיכטיקייט גדענק איך אבר דאש איברגי

1716 האב איך שון פֿר געסן". פֿאוויר, 2, טז - ‎!!.

ג ע ש י כ ט ל ע ך - אדי/אדוו. היסטאָריש.

% געשיכטלעכע אַנטוויקלונג. געשיכטלעכער

פּראָצעס. געשיכטלעכע פֿאַקטן קאָן מען ניט אָפּלייקענען.

1888 " גייט דער אָרעמער בעטלען, |...| ווען די

געשיכטלעכע אומשטענדן האָבן אים פֿאַרהינדערט צו זיין 1881

אַ בעל=מלאכה (אַזוי ווי דער פֿאַל מיט די יידן)|...|".

איבן פֿייגענבוים, 1.

1919 " די פֿרום נאַציאָנאַלע וועלט האָט אָפּגעלעבט איר

צייט. איר געשיכטלעכע ראָליע האָט זי געמוזט איבערגעבן 1720

איר יורש |...|". זשיטלאָווסקי, 9, 132.

1943 " |...| איך האָב דאָס געטאָן צוליב געשיכטלעכער

דערקענטעניש, כדי צו באַקענען דעם יונגן דור מיט קאַנק

דעם גוואַלדיקן מהלך, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט

|...|". נסתר, 5, 21.

|| געשיכטלעכקייט - די, בא. היסטאָרישקייט |ראַכקינד|.

(a/e)

0 ביזגעשיכטלעך - אדי. (ej) פרעהיסטאָריש. די אַרכעאָלאָגישע אויסגעפינסן שטאַמען נאָך פון די ביזגעשיכטלעכע צייטן.

253,



ג ע ש י כ ט ל ע ר - דער, =ס, ווע געשיכטלערין=קע.

1. געלערנטער וואס פאָרשט געשיכטע; היסטאָריקער.

% שמעון דובנאָוו איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע געשיכטלער פון יידישן פאָלק.

1964 "פאַר דעם שפּעטערדיקן ערנסטן געשיכטלער פון יידישן טעאַטער וועלן זיין פון גרויס וויכטיקייט מאַרעוווסקיס |מעמוארן|". נ. סווערדלין, פֿער 69, 9/ז. 1888

1973 "אונדזער באַגלייטערין איז געווען דבורה ליאַכאָווער, אַ שוועסטער פון פישל ליאַכאָווער, דעם ליטעראַטור-קריטיקער און געשיכטלער פון דער העברעישער ליטעראַטור". ק. מאלאדאווסקי, פער 133, יאנואר, ז' 63. 1889

2. לערער פון געשיכטע. % פון נייעם שוליאָר וועט די מיטלשול האָבן אַ נייעם געשיכטלער.

ג ע ש י כ ט ע – די, בא. 1, דער אַנטוויקלונגס=פּראָצעס
פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט אָדער פֿון אַ טייל איר;
היסטאָריע. % געשיכטע פֿון דער מענטשהייט. אַלגעמיינע
(אוניווערסאַלע) געשיכטע. ייִדישע געשיכטע,
געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק. געשיכטע פֿון ירושלים.
תקופֿות (עפּאָכעס, פּעריאָדן) אין דער געשיכטע.
געזעצן פֿון דער געשיכטע. מאַטעריאַליסטישער באַנעם פֿון
דער געשיכטע. געשיכטע פֿון דער קולטור.

1885 " קיין פֿאָלק אין דער וועלט האָט ניט אַזאַ
טרויעריקע געשיכטע, ווי ייִדן, וואָס יעדעס בלעטל איז 1833
אָנגעזאַפּט מיט זייַן בלוט און אויסגעווייקט פֿון טרערן".
פּער 179, 32.

1940 " ייִדן האָבן אַזוי לאַנג געשפּילט אין דער געשיכטע
|...| די ראָליע פֿון דעם 'אתה בחרתנו', אַז עס איז 1849
געוואָרן |...| אַ גרונט=עלעמענט פֿון דער ייִדישער באַציִונג
צום לעבן". קאַראַלניק, 2, 14.

2555.



1973 " פֿון דער גײַסטיקער געשיכטע פֿון אייראָפּע דאַרף
מען דערמאָנען דעם ביזאַנטישן סטיל, אַ גרויסער 1822
אָריגינעלער סטיל אין אַרכיטעקטור". מ. ווײַנרײַך, 64,8.

2. די וויסנשאַפֿט וואָס פֿאָרשט און באַשרײַבט די געשיכטע
(1ב) בכלל אָדער פֿון אַ געוויסער עפּאָכע און פֿון אַ
באַשטימטער טעמע, אויך אַ ווערק/אָפּהאַנדלונג, וואָס
איז אַ רעזולטאַט פֿון אַזאַ שטודיום. % אַרכעאָלאָגיע
איז אַ הילפֿס=וויסנשאַפֿט פֿון דער געשיכטע, זי שטודירט
אויפֿן פֿאַקולטעט פֿון געשיכטע. ער האָט געלייענט
דובנאָווס געשיכטע. ווײַנרײַכס "געשיכטע פֿון
דער ייִדישער שפּראַך" איז אַ וואָגיק ווערק.

1888 " שטאָט די טענות צו גרעץ, וואָלטן מיר זיך בעסער
אַליין גענומען צו אונדזער געשיכטע". פּער 74,ז 133,5. 1782

1912 " לאז דער מאטעריאליסטישער **געשיכטע**= בעל=דרשן שארפן זיין מוח צו באווייזן, אז די דאזיקע ראמאנטיק 1781
איז אין תוך ארייין ניט מער ווי א |...| פארפיינערטע עקאנאמישע מאטעריע". **זשיטלאווסקי, 4, 72.**

1970 " אויף זיין |ע. רינגעלבומס| באקאנטשאפט מיט דעם דאזיקן פארשונגס=געביט זאגט עדות די גוט 1783
צונויפגענומענע **געשיכטע** פון דער יידישער אויטאנאמיע אין אמאליקן פוילן". **יזב 15, 653.**

3. (ספעצ) צונויפשטעל פון פאקטן און געשעענישן אין לעבן פון א מענטשן אדער א זאך. % ער האט באשריבן די **געשיכטע** פון דעם בעכער, וואס איז איבערגעגאנגען אין דער משפחה פון דור צו דור.

257,



1895 " אברהם האָט אים דערציילט זײַן קורצע נאָר זייער
טרויעריקע געשיכטע, אַ סך עראייגעניסן |געשעענישן| 1868
האָט ער פֿון אים אויך פֿאַרבאָרגן |...|".
איבן טרובניק, 2, 26.

1916 " לייען די געשיכטע פֿון אַ דזשאָרדזש וואַשינגטאָן,
פֿון אַ אייבראַם לינקאָלן, |...| וועסטו זען, אַז פּייסי קאנק
דעם חזנס זון מעג אָנשטיין פֿאַרקויפֿן קישקעלעך".
שלום=עליכם, 8ב, 141.

1932 " אויך די בעל=מלאכהשע שטיבער זײַנען פֿאַר אים
אָפּגעסמט, אויך אין זיי ווייסט מען זײַן טשיקאַווע 1772
געשיכטע". ברגעלסאָן, 13, 35.

4. געשעעניש, פּאַסירונג, פֿאַרקומעניש. % טרויעריקע,
פֿריילעכע געשיכטע, די געשיכטע איז פֿאַרגעקומען /האָט -
פּאַסירט, מיט אַ צײַט צוריק. אַזאַ מיאוסע געשיכטע
טרעפֿט זיך ניט אָפֿט.

258.



1856 " פון דיזר גשיכטע הט אויפגליארמט די גאנצע שטאט". 1742

דיק, 4א, 14.

1873 "ווען דו זאָלסט וויסן מײַן געשיכטע, וואָס מיר

האָט זיך פּאַסירט, וואָלסטו מיך פאַרשטאַנען". קאנק

מענדעלע, 1, קאנק 45040.

1907 " מיט דער גאָלדעלען איז אַ שיינע געשיכטע". קאנק

שלום=עליכם, 8א, 239.

1947 " באַשרײַבט אַזא געשיכטע, אַזעלכן דאַרף מען

אַנלערנען". סעגאַלאָוויטש, 11, 126. 1779

.5 די, ס/=ן. דערציילונג, מעשה. % לאַנגע, קורצע

געשיכטע. אינטערעסאַנטע, פאַרכאַפּנדיקע געשיכטע.

לאַנגווייליקע, נודנע געשיכטע. דערציילן געשיכטעס.

קינדער האָבן ליב צו הערן פֿאַנטאַסטישע געשיכטעס.

ער לייענט אָפּט פֿרצעס פֿאַלקסטימלעכע געשיכטן..

258.

395 - געש

1874 "די פֿרויען פֿאַרטרײַבן זייער צײַט אום ווינטער

בײַ פֿעדערן פֿליקן, בײַ דערציילונגען פֿון וואַנדער= 1784

געשיכטן, צום בײַשפּיל פֿון חלומות, פֿון מתים, פֿון

שדים, פֿון גילגולים". דיק, 72, 27.

1900 " איך די אַרכיוון פֿון יעדן ענגלישן אַרבעטער=

בונד |...| געפֿינען זיך פֿיל געשיכטעס און מעשיות 1828

איבער דעם וואָס זיי האָבן דאָן איבערגעלעבט".

אַנ, די געשיכטע פֿון די ענגלישע אַרבייטער=בונדען",

ז' 24 - 25.

1955 " כ'וואָלט שווערן, אַז איך טראָג אַן אוצר פֿון

געשיכטן". לייוויק, 11, 140. 1874

260.



0 געשיכטע=אטלאס - דער, =ן. זאמלונג פון מאפעס, וואס אילוסטרירן געשיכטלעכע צושטאנדן און אנטוויקלונגען אין געוויסע צייטן און תקופות.

געשיכטע=באנעם - דער, =ען. פילאסאפישער צוגאנג (גרונט=פרינציפן) לויט וועלכן מע פארשט און אנאליזירט דעם עבר. אידעאליסטישער, מאטעריאליסטישער געשיכטע=באנעם.

געשיכטע=בוך - דאס/דער, =ביכער. 1. א בוך וואס איז א רעזולטאט פון געשיכטלעכע פארשונגען.
2. לערנבוך פון געשיכטע.

געשיכטע=לימוד - דער, =ים. דער טייל פון לערנפלאן וואס איז אפגעגעבן צו לערנען געשיכטע אין א שול.

<u>געשיכטע=לערער</u> - <u>דער, =ס</u>. דער וואָס לערנט (עמעצן) געשיכטע אין אַ שול.

<u>געשיכטע=פאָרשונג</u> - <u>די, =ען.</u> דאָס פאָרשן די געשעענישן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט.

1960 " <u>געשיכטע=פאָרשונג</u> און געשיכטע=שרײַבונג איז אַן אומאויפֿהערלעכער פּראָצעס פֿון פּאַרטיפֿונג, פֿאַרענדערונג 1838
און באַנײַונג". <u>מ. אסטור, פֿער 169, 114</u>.

<u>געשיכטע=פֿילאָסאָפֿיע</u> - <u>די, בא.</u> לערע וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט באַטראַכטן די געזעצן פֿון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג; היסטאָריאָסאָפֿיע.

<u>געשיכטע=שרײַבונג</u> - <u>די, בא.</u> דאָס פֿיקסירן אין אַ שריפֿטלעכער פֿאָרעם די רעזולטאַטן און אויספֿירן פֿון דעם פֿאָרשן די פֿאַקטן און געשעענישן פֿון עבר.

1970 " באַלד ווערט בײַ אים |רינגעלבלומען| געבוירן
דער געדאַנק וועגן אַרײַנציִען אין דער פֿאָרשונג 1901
און געשיכטע=שרײַבונג פֿון דער תקופֿה וואָס מער
מיטאַרבעטער". יזב 15, 656.

**געשיכטע=פֿעלשונג** - די, =ען. באַוווּסטזיניק פֿאַלשע א
פֿאָרשטעלונג פֿון היסטאָרישע געשעענישן.

**געשיכטע=שרײַבער** - דער, =ס. דער וואָס באַשרײַבט
וויסנשאַפֿטלעך די געשעענישן פֿון עבֿר; היסטאָריקער.

**העלדן=געשיכטע** - די, =ס. 1. דערציילונג וועגן
גרויסע פֿערזענלעכקייטן פֿון עבֿר.
2. דערציילונג וועגן אַ העלדישן אויפֿטו.

1970 " איצט הייבט זיך אָן די העלדן=געשיכטע פֿון די
אומשולדיקע בחורים |...|". יזב 7, 102. 1734

<u>וואנדער=געשיכטע</u> – <u>די, =ס.</u> דערציילונג וועגן
פאנטאסטישע געשעענישן, וועגן נסים.

1960 " |...| אש אין |...| א שותף צו דעם אלטן קאלעקטיוון
1813 דערציילן פון די <u>וואנדער=געשיכטעס</u> וועגן משהן".
<u>ניגער, 10, 300.</u>

<u>וועלט=געשיכטע</u> – <u>די, בא.</u> די געשיכטע פון דער גאנצער
מענטשהייט.

1953 " |...| די ארענע פון דער <u>וועלט=געשיכטע</u>, וואס
1863 אויף איר האט ער געדארפט אויסווירקן זיין 'שפיל' =
אינסטינקט |...|". <u>ח. גרינבערג, 1, 186.</u>

<u>ליטעראטור=געשיכטע</u> – <u>די, בא.</u> דאס פארשן און באשרייבן
די אנטוויקלונג פון דער ליטעראטור אין א געוויסער
שפראך.

1959 "אין אַזוינע ווערק זעט מען באַשײַמפּערלעך, אַז
דאָס איז די געשיכטע פֿון סאָציאַלע ווירקלעכקייטן און
סאָציאַל=עטישע אידעאַלן, ניט קיין ליטעראַטור=געשיכטע".
ניגער, 9, 212. 1770

קולטור=געשיכטע - די, בא. דאָס פֿאָרשן און באַשרײַבן
די אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשלעכער קולטור.

1900 "דורך דער קולטור=געשיכטע קענען מיר אַרײַנבליקן
אין |...| דער מענטשלעכער נאַטור און באַקומען 1848
דערקלערונגען וועגן מינהגים |...|". קראַנץ, 1, 5.

קונסט=געשיכטע - די, בא. דאָס פֿאָרשן און באַשרײַבן
די אַנטוויקלונג פֿון אַ געוויסער קונסט אָדער קונסטן.

~~קראַנקן=געשיכטע - די, =ס. אַ דורכפּשטעל פֿון אַלע פֿאַרשרײַבנע~~
~~אָבסערװאַ~~

קראנקן=געשיכטע - די, =ס. צונויפשטעל פון אלע פאר-
שריבענע אבסערוואציעס וועגן א קראנקן, געפירט דורך
א דאקטאר אדער קראנקן=שוועסטער.

1929 " פון דער קראנקן=געשיכטע ווערן מיר געווויר
פון נישט=אפטע קליינע בלוטשטורצן". פער 72. 1830

□ (פפ) אלט ווי די געשיכטע.

(ס'איז שוין) אן אלטע געשיכטע - ס'איז שוין ביט קיין
נייעס, קיין חידוש, דאס טרעפט זיך אפט.

דאס איז גאר אן אנדער געשיכטע - ס'איז אין גאנצן
אן אנדער ענין, זאך.

די ראד פון דער געשיכטע – די פסדרדיקע ענדערונגען,
באוועגונג פון די געשעענישן אויף דער וועלט.

1899 " ווען די ראד פון דער געשיכטע האט זיך איבערגעדרייט
|...| דאן האבן זיי ענדלעך |...| געמוזט ארויסצייגן 1803
די גאנצע אומענדלעכקייט פון דעם האס, און פאראכטונג
|...|". פער 8, נ' 6, ז' 42.

אריינגיין אין דער געשיכטע – אויסטיילן זיך מיט עפעס
(צום גוטן אדער שלעכטן) אז די היסטאָריקער זאלן
דאס פארנאטירן.

ווען דעם שווייגט די געשיכטע – איראניש ווען עפעס
וואס מע ווייסט נישט אדער מע פארשווייגט עס.

□ גישיכטי/גישיכטע.

3. ←---

1774 " אלע דייני בגעבענהייטן וואס מיט דיר האט

זיך בעגעבין כלומר דיין גישיכטע וואס מיט דיר 1757

האט זיך צום טאן זיינען אין דיא ספרים גישריבן".

ס' חסדי אבות.

5. ←---

1718 " דער דריטי אלטי ערצילט |...| זייני גשיכטי

|...| דיא צווייא פאריגי |...| זער ווייט איבר 1739

טראפן האט". מראות צבאות.

ג ע ש י כ ט ע נ י ש - דאָס, מצ דז. {עלט}

1. געשיכטע (איך ב' 1).

1872 " אלה תולדות יעקב - דאָס זײַנען די געשיכטעניש
1893 צו די קינדער יעקבֿ" . צאינה וראנה, 3, פרשה וישבֿ.

2. געשעעניש, פּאַסירונג.

1872 " דאָס איז אַזוי איין געשיכטעניש און ניט פֿון
1895 הקב"ה פֿון עבֿירה וועגן". צאינה וראנה, 3, הפטורה אחרי.

ם גישיכטניס/גישיכטנש.

---> 1.

1737 " אלה תולדות יעקב (בראשית לז) - גשיכטניס".
1898 מלמד שיח, 22/ב.

.2 <---

1676 " דאז איז טויטש אז גישיכטנש קינדר דען מענשין
1896 אונ' גשיכטנש |...|". ברנט שפיגל, פרק ד.

1722 " דיא שווערי גשיכטניס פון צרות פֿר מיידן אונש
1891 דש מיר ניט קענין זיצן לערנן". מנורת המאור, ד/ב.

.3 מעשה, דערציילונג.

1743 " שיני גשיכטיניס האב איך דרין טאן שטעלן,//
1732 איך וויל האפן דש עש אלי פר שטענדיגי לייט ווערט
וואויל גפעלן". שארית ישראל, הקדמה.

271,



געשיכעניש - |די?|. 1. (עלט) געשעעניש, פּאַסירונג, טראַף.

1805 " איך טוא פר אירי אויגין אויש ששטייניך אירי

1907 וועלטליכי שטעגין אבר עש העלפט אליש ניקש זיא בלייבין דאך איך איר, פינסטירונג פון די געשיכניס די צייט אויך די פֿר ווערקסלונג וואש גרייכיך". איבן פּאַוויר, 1, דף ס - ו.

רעד: זען ציטאַטע פון זעלבן ווערק אין שטלט=יידיש!

1878 " אוי, אַ ביידזע געשיכעניש |טעקסט: געשיכענעס|

1911 האָט מיר געטראָפן". זייפערט, 1.

2. (לאַקל, ביטען) "ביידזקייט, ביטערקייט, אויך אַ

1910 ביידזער, אַ ביטערער מענטש" |זאַקין, פער 90, IX, 60|.

ם גישיכניס/גשיכנס.

1703 " דער גלייכן איין איטליכר דער דא הט לושט אונ׳

1906 גערין לייאין וויל, דיא זאלין גשיכנס וויסן".

מגלת איבה, ז׳ 191.

1744 " אביר העלפט אלז ניקש זיא בלייבין דאך איין אירי

1909 פינסטירונג פון דיא גשיכינים דיא צייט אויך דיא ראַרי

טעטין אז זיא לאנגין קענין". בחינת עולם, 1, לב - 2.

... " אונ אום ווילן דש נייגונג פון מיין ביין וויכטר

1908 דש איז דר (יצר הרע) דא בעט איך דיך דוא זאלשט ניט

מאכן גשעהן מיר בייזע גשיכנעס". מחזור, 4, 93/!!.

273,



ג ע ש י ל ד ע ר - דאָס, באַ. (שנש) דאָס שילדערן, שילדערונג.

1939-1937 " |...| אַ פּונקט, אַוו. דײַן וואָרטיקער מאַגנעט// וועט צוציִען צו זיך די זאַכן, בילדער // פֿון דײַן צונויפֿגעוועב און דײַן געשילדער". סוצקעווער, 3, 192. (מײַן

|| געשילדערכץ - דאָס, =ן. (רעג? פּאַלעסיע) מאַלערײַ, געמעל.

1953 " די חדר=ייִנגלעך זײַנען אַרומגעגאַנגען מיט
1916 בענדלעך, רויטע היטשקע מיט קרענצלעך בורשטין=ביינדלעך, 'געשילדערכצן' אויף די העלדזער - אַ סגולה אַנטקעגן אַ מגפֿה". ברוסילאָוו, 1.

רעד: פֿאַר וואָס האָט דער מחבר אַרײַנגענומען דאָס וואָרט אין פּיסלעך? 1) איז עס פֿאַר אים אַליין אַן אויסטערליש וואָרט? 2) איז עס זײַנס אַן אייגענער איראָנישער אויסדרוק? 3) אפֿשר איז דאָס [illegible] זײַן "געשילדערכץ" (?).

274,



ג ע ש י ל ד ע ר ט – 1. פֿאַר פֿון שילדערן.

2. (עלט) געמאָלט, געצירט מיט געמעלן.

גשילדרט. ◻

.2 ←---

1722 " ער האט דיא סוכה בידעקט אלש וויא עש זיין

מוז. אונ' האט זי גצירט מיט גיוועבני טאפּיטן אונ' 1914

מיט גשילדרטי לייליכר". מנורת המאור, 1, דף קכח - ב.

1743 " עש איז וואר דש זיא |די יידן איך כינע|

קיין גשילדרטי בילדר אודר אויש גהואני בילדר 1913

האבן |...|". שארית ישראל, דף קמא - 2.

975.

410 - געש

(?נ?) ם |געשימט| ג ש י א מ ט א - דאס. געזימס |?|.

... " הסיפון - דש גש"יאמטא". ריכלין 8, מלכים א׳,ו - טו,

1918 |יהואש: סופיט|.

411 - געק

ג ע ש י מ ל ט - פֿאַר פֿון שימלען.

2 76.

412 - געש

ג ע ש י מ ע ר - דאָס/דער, בא. (שנש) דאָס דויערנדיקע שימערן אָדער דאָס שימערן פֿון אַ סך זאַכן צוזאַמען.

1951 " עס בלייבן בײַם ווייכן געשימער פֿון שטערן // די מאַרמאַרנע זײַלן פֿון הורדוס פּאַלאַצן".

1919

איינהאָרן, 9, 125.

ג ע ש י מ ע ר ט - פֿאַר פּוּן שימערן.

414 – [illegible]

(ג ע)ש י מ ע ר י ר ט – פֿאַר פֿון <u>שימערירן</u>.

415 - גיל

ג ע ש י מ פּ ט - פֿאַר פּון (דטשמ) שימפּן.

416 – גרל

~~געשימפּט~~ – פאר פון (דטשמ) שימפּן.

דורכלאזן דער נומער

[illegible]

277

417 - געש

געשיסעריי - דאס, בא. דזוו שיסעריי, דאס דויערנדיקע שיסן אָדער דאָס שיסן פֿון אַ סך ביקסן, האַרמאַטן.

1947 " שרעקלעכע קולות פֿון פֿאַרצווייפֿלונג טראָגן זיך כמעט מיט אַן אומאויפֿהערלעך געשיסעריי".

יזב 8, 195.

1922

418 –

ג ע ש י פ ט ( ז י ך ) – פאר פון שיפן (זיך).

278.

~~421~~9 - געש

419 ג ע ש י פ ע – דאָס, באַ. |סטוטש 182|. דאָס דויערנדיקע

שיפֿען.

ג ע ש י פֿ ע ט – <u>פֿאר פֿון</u> <u>שיפֿען</u>.

279.

~~419~~ - געש

421 (?נ?) ם|געשיפֿטיק| ג י ש י פֿ פֿ ט י ג - אדי/אדוו. בנב.

1668 " אונ׳ אייך פאנצר גישיפֿפֿטיג דש וואר גימאכט

פון דעם שטיין (אוניק) |...| דען מן נענט איך 1926

שפראך דער יונים אוניאון |...|". יוסיפון,3, דף ס׳.

2
~~420~~ – [illegible]

422 ג ע ש י פּ ל ט ( ז י ך ) – פֿאַר פֿון שיפּלען (זיך).

ג ע ש י ץ - דאס/דער, מצ דז. (עלט) 1. פאנצערשילד.

1805|?| " ער |דאס פערד| טראגט אויף זוך דעם רייטר

א/1930 מוט איידזרנה פאנציר און מוט זיין גשיץ |...|".

איבן ספרא, דף ח/2.

2. מויער=ברעכער צו שטורעמען ווענט. הפטורת דהו

1872 " אצינדערט איז געקומען אויף דער שטאט די

1930 גרויסע געשיץ צו איינגעמען די שטאט". צאינה וראינה,3,

ירמיה, לב - 24: הסוללות באו העיר|.

ם גישיץ.

<---- 1.

1761 " מיין גאט לאז עש דאך איצונד אויך אזו גישעהן

א/1930 צו דיזם פאלק אשור, דען זיא טרוצין גאר זער אויף
אירי שפיס אונ גישיץ". ס'יהודית |...|, דף ד- 1.

424 – גײַץ

ג ע ש י צ ט – פֿאַר פּון שיצן.

281.

425 - געש

געשיק I - דאס, בא. געשיקטקייט, פֿלינקייט.

1964 " מיט געשיק און שווּנג פֿלײַסט ער זיך דורכצופֿירן

1932 די 'נומערן' אָדער 'סטראָפּעס' | דאָס שטראָפֿן, שלאָגן |

ווי ער רופֿט אָפּט די מעשים זײַנע". י. קאַפּלאַן, 1, 239.

ג ע ש י ק !! - דאס, בא. (עלט) גורל, (דטשמ) שיקזאַל.

... " דאָך שילטן וועט'ס אימער זיין פינצטער געשיק

1935 און טרוימען פון ווייטן פארלארענעם גליק".

מ. ראם, פער 1943, ב III, 85.

1908 " אויף זיין פנים ליגט א טרויער, // און פון

1934 צרות רעדט זיין בליק,// צרות פון א לאנגען דויער,//

פון א פינצטערן געשיק". ראזענפעלד, 3, 167.

1936 " |...| עס האט שוין דער זומער פון לעבן פארבליט.

1936 דער לעצט לעצטער אויפפלאם אין ביידן געשיק - //

א הוליע געגעבן, און האידא צוריק!". ליעסין, 2, 225.

283.

427 - געש

געשיק !!! - דאס, =ן. (עלט) שליחות.

1910 " דאַך זיי לאָזן איר ניט לאַנדן // און ניט מעלדן

א/1936 איר געשיק |...|". ראָזענפּעלד, 5, 144.

2. (לאָקל) "שיקונג, עפּעס וואָס מע שיקט". %"איך בעט אייַך

זייַן אַזוי גוט און באַשטעטיקן מייַן געשיק"|י. מאַניק|.

284.



געשיקט! — 1. פֿאַר פֿון שיקן.

2. אדי, סובסטאַנטיוויִרט. שליח.

1913–1923 [?] " געפֿעלשט האָב איך, געשיקטער, אין מײַן שיקער.

1971 ווי קענען לידער אויסקויפֿן מײַן חטא?".

אהרן צייטלין, 3.

1929 " וואָס הייסט אָפּלאָזן? ביסט דאָך אַ געשיקטער אַהער

1988 פֿון דער פּאַרטיי. זאָל איך דיך צוריק אָפּקאָמאַנדירן?".

טײַטש, 3, 37.

געשיקט !! – אַדי/אַדוו. 1. פֿיזיש זייער טויגעוודיק (רירעוודיק און געניט) צו מאַן עפּעס גוט און גיך; בריהש. א געשיקטער בעל=מלאכה. געשיקטע רייטערס. דער אַרבעטער באַדינט זייער געשיקט עטלעכע מאַשינען גלייכצייטיק. זי איז אַ געשיקטע בעל=הביתטע, אַלץ ברענט ביי איר אונטער די הענט.

1867 "|...| לאָזט מען אַראָפּ צוויי באָטן.|...| אין יעדן באָט זענען דאָ פֿיר געשיקטע רודערער, איין שטייערמאַן (סטערניק) און איין האַרפּונער מיט דער האַרפּונע אין האַנט". 1943

פֿער 57, נ׳ 8, ז׳ 91.

1920 " ווען איינער מאַכט אַ זאַך נישט געשיקט, |...| באַזונדערס אַ רופֿא, וואָס איז קיין אומן נישט, זאָגט מען 1964
אויף אים מיט פֿאַראַכטונג: ׳ר׳איז אַ קאַוואַל׳".

עלזעט, 2ג, 20.

1943 " אַ בעריש גרויסער, מיט אַ קינדיש פּנים |...|
|...| און גאַנץ געשיקט אין באַוועגונג". נח לוריע,50,5. 1939

1968 " |...| ר׳ דובער ליפּשיץ |...| טרעפֿט אים ווידער
מיט אַ וואָרט, ווי אַ געשיקטער יעגער |...| טרעפֿט קאַנק
מיט זיַין פֿיַיל אַ פֿויגל אין מיטן פֿלי". גראַדע,268,7.

2. זייער טויגעוודיק אין אומגאַנג מיט מענטשן, פֿעיִק צו
אָריענטירן זיך, צו געבן זיך אַן עצה אין פֿאַרשיידענע
אומשטאַנדן! קלוג, ספּריטנע, דורכגעטריבן, פֿעפֿיק.
% אַ געשיקטער דיפּלאָמאַט. זי איז אַ געשיקטע סוחרטע,
קאָן זיך באַגיין מיט קונים. דער רעדנער האָט זיך
געשיקט אַרויסגעדרייט פֿון דער פֿראַגע, וואָס מ׳האָט אים
געשטעלט.

287.



1868 " עס טרעפֿט אין דער וועלט, דאָס אַזעלכע <u>געשיקטע</u>
מענטשן, וואָס קענען זעלבסט פֿאַר קיניגן שטיין, האָבן 1947
קיין באַשטאַנד ביי פּראָסטע בעלי=בתים". <u>דיק, 39, 29</u>.

1927 " קליגער, געשיקטער, ערפֿאַרענער - איז ער אין גיכן
געוואָרן דער באַליבטסטער אין באַראַק". <u>זינגער, 4,139</u>. 1993

1957 " מיט זײַנע חסידישע מלבושים און לאַנגע |...|
פּאות, איז ער געווען זייער <u>געשיקט</u> אין אויסטיילן 1955
אַגיטאַציע - מאַטעריאַל |...| ניט אַרויסרופֿנדיק קיין
חשד אויף זיך מצד דער פּאָליציי". <u>יזב 11, 203</u>.

3. פֿלינק, גיך.

1805 " דר מענש קען מיט זיין <u>גישיקטין</u> שכל לופין
היך און ווידר צו ריק אלש צו ערקלערין |...|". 1966
<u>איבז פֿאַוויר, דף ד - 1</u>.

288.

432 געש –

1891 " מען פֿאַרזייט דאָס פֿעלד מיט אַ מין געוויקס, וואָס וואַקסט זייער געשיקט, ווי למשל וויקע און אַרבעס|...|". 1996

וועבער, 1, 46.

4. פּאַסיק, צוגעפּאַסט.

.........................................................

רעד: צום באַדויערן, פֿאַרמאָגן מיר ניט קיין דאָקומענטירטע ציטאַטן פֿאַר דעם באַטײַט, חוץ איין קאַרטל מיט וויטערדיקן טעקסט: "איין געשיקטע שיבעלעך מיט הויבע אָפּצאַסן". בימקא I. און אַ נומער פֿון זאַמלער (187) – 1969
ווער איז ער, פֿון וואַנען? בימקא האָט דעם באַטײַט ניט אויסגעטראַכט; 1) ער איז דאָ אין דײַטש|
Duden (1976), 1011-1012: geshickt, 26: Passend
2) מסתמא האָט מען דאָס וואָרט אַזוי גענוצט אין זײַן געגנט. מע וואָלט געדאַרפֿט אָפּזוכן דעם פֿולן טעקסט!

.........................................................

|| געשיקטיקייט - די, בא. (עלט) דזוו געשיקטקייט.

1880 " דערוויַיל האָט זיך דאָס מיידל געכאַפּט און האָט אים געהאָלפן די סחורה פּאַקן מיט גרויס געשיקטיקייט". א/1999

אַן, דיא הילף |...|, ז' 4.

געשיקטלעכקייט - די, בא, (עלט) דזוו געשיקטקייט.

1872 " |...| איין יעדער מענטש פֿאַרמאָגט זײַנע פּלאָג און באַשטרעבן, און פֿלײַס און געשיקטלעכקייט". 1986

ליכטענשטיין, 1, 30 - 31.

1914 " |...| געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע איבער דער קלוגשאַפֿט |...| פֿון דער פֿרוי, איבער איר געשיקטלעכקייט אַנצוהאַלטן איר גוטן נאָמען". איבז קאַברין, 4, 3. 1987

**גע׳שיקטקייט** – די, בא. 1. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן געשיקט, ב 1.

1886 " ער האָט געטאָן מיט אַזאַ געשווינדיקייט און מיט
אַזאַ געשיקטקייט, עס האָט געברענט אונטער זײַנע הענט". 1997
יאָסעלאָוויץ, 1א, 17.

1932 " |...| האָבן די שרײַענדיקע מויד פֿאַרוואָרפֿן אויף
די אַקסלען מיט גרויס געשיקטקייט |...|". 2000
זינגער, 5א, 144.

2. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן געשיקט, ב 2.

1927 " עס איז ניט געווען קיין איין שטעל אין תנ"ך
אָדער אין תלמוד, וואָס איך זאָל ניט קענען מיט דער
גרעסטער געשיקטקייט |...| אַרויסוויקלען איר געהיימען
זין". איבן גאָלדשמיד, 1, 97.

1948 " |...| איר מאַן |...| האָט זיך אַפּילו אין די
קאַנק גוטע יאָרן ניט אויסגעצייכנט מיט איבעריקער געשיקטקייט
און באַהאַוונטקייט אין געשעפֿט |...|". נסתר, 299,6.

פּפּ: געשיקט ווי אַ מאַלפּע, ווי אַ מויז - זייער געשיקט.

געשיקט ווי אַן אָקס אין דער קאַרעטע - (איר) ניט געשיקט,
ניט רירעוודיק.

ם
גשיקט.

.1 <---

1718 " דש זיידן ווערמליין |...| וויא גשווינד איזט
1976 זעלביגש אין זיינה ווערק אונד גשיקטר אלש אלי בעלי
מלאכות". אגרת בעלי חיים.

1764 " גלייך עז מאכט אנטרינק איין קלוגר גשיקטר
דאקטר דר דא פר שטיט ווי עש מיט די קרענק ווערט 1965
בין |...|". יוסיפון, 5, דף סט - I.

.2 <---

1774 " |...| דן דו בלד אין אלי זאכן ער פארן ווערשט
ובפרט גשיקט אין די פעדר וואול רעכנן דז דו דיך מיט 1947
דען לייטן ניט טועה ביזט |...|". חנוך לנער, דף ט - II.

.3 <---

1626 " |די מלאכים| דיא דא זיין אזו גרינג אונ' גשיקט
(על כנפי רוח) אך דיא פליג פון דיא אודלר דיא דא 1978
גיאן דורך דיא ווינד געך". ס'המגיד, 1, תהילים, קד -ג.

<u>גשיקטיקייט.</u>

2. ⟵---

1718 " |...| זאלטן פר שטין אונזרי קלוגהייט, אונד

1995 זאלטן זיא ווישן דיא <u>גשיקטיקייט</u> פון אונזרי ווערק

|...|". <u>אגרת בעלי=חיים.</u>

3. ⟵---

1752 " זְריזות איז טייטש <u>גשיקטיקייט</u> פר דיא (מעשה)

2001 אונ' נאך דער (מעשה) מיט שמחה צו טאן איין מצוה ניט

מיט טריגהייט". <u>ס' עץ חיים, דף טו - 2.</u>

ג ע ש י ק ל ט - פֿאַר פֿון שיקלען.

ג ע ש י ק ל ע ך - אדי/אדוו. (עלט) דזוו געשיקט !!.

1910 " ווערסטו אבער פלוצלינג גליקלעך // און דיין

גוטע שעה קומט אן, // אך, ווי לייכט און ווי געשיקלעך 2005

// אלעס טאנצט מיט דיר איך קאן!". ראזענפעלד, 5, 173.

|| געשיקלעכקייט - די, בא. דזוו געשיקטקייט.

1873 " |...| האט געהאט אייך גריסע געשיקלעכקייט

איך די הענט". דיק, 65, 25. א/2006

1930 " |...| האט זיך ביי אים אויסגעארבעט א מערקווירדיקע

געשיקלעכקייט איינצושפארן צייט". אש, 11, 14. 2012

□ גשיקליך.

1718 " איך ביט אייער מאישטעט אום פר צייאן דז מיין

צונג ניט גשיקליך גנוגן איז מיין דאנק אב צו שטאטן". 2004

מראות הצובאות.

## גשיקליכקייט.

1739 " דער (מוסר) פר מעהרט גשיקליכקייט דעם קלוגנס".

ס' מבחר הפנינים, 1, יד - ז. 2006

ג ע ש י ק ן ז י ך - אוטוו, דריטפּערזאָניק, ס״רוב

איך דער פֿרעגפֿארמע: "(ווי) געשיקט זיך (עס)?".

באַטײַט: (ווי) קאָן דאָס זײַן, (ווי) איז דאָס מיגלעך,

(ווי) פּאַסט זיך עס, סטײַטש.

1815 " רופט ער זוך אָן צו דעם שליח. |...| ווי גשיקט זיך אז דוא |די| גאנצי וועלט זאל זוך אפ געבין צו איין מענטשען און |אין| דר האנט אריך". 2017

נחמן בראַסלאַווער, 1, כח/ג.

1888 " מרדכי איך מרדכי, אַ ייִד! וואָס דען, מרדכי זאָל הייסן אַ גוי, בתמיה, ווי געשיקט זיך עס?". מענדעלע, 3 קאנק

~~שלום-עליכם, 7ד,~~ 192.

1935 " עס איז יום-טוב און עס געשיקט זיך צו זײַן בשׂימחה". באשעוויס, 1, 153. קאנק

... צי וויל וויסן, למאי און פאַרוואָס און וואָס הייסט עס און ווי געשיקט זיך עס". שלום-עליכם, 37, 192. 1981

1963 "הײַנט די אויגן, <u>ווי איז עס געשיקט</u>, אז אײַך
אויג זאָל זײַן טאָג און דאָס צווייטע נאַכט?". 1974
<u>אפֿרים אויערבאַך, 7, 88.</u>

ם

<u>גישיקן זיך.</u>

1711 "אוב עס איז דעם האר לרצון וועלין מיר זאגין
אייך זאך נאך וואס מיר זענין אהער גיקומין |...| 2016
אונ וואס מיר האבין גיהערט פון דעם האר <u>וועט זיך גישיקן</u>
צו דער זאך |...|". <u>נחלת צבי, 1, 30/א.</u>

443 - ל״ג

ג ע ש י ק ע ו ו ע ט (ז י ך) - פֿאַר פֿון שיקעוועץ זיך

|סטוטש|.

ג ע ש י ק ע נ י ש – דאס, =ן. (עלט) געשעעניש,

טראַף.

1927 " די אַלטע ליכטציעריך (צעבּרעכט דאָס גלעזל וואָס די

האָט געפּוצט): אַ געשיקעניש. – די יונגע ליכטציערן: 2023

נאָר זאָל שוין זיין מיט מזל". ניימאַן, 1, 48.

גישיקניש.

[1474?] " דיזי גישיקניש שרייב מרדכי איך איין פּלט //

אונ' די בריב איך איין איקליך שטאט". 2022

מגילה=ליד, ש"ש 1473 – 1474.

353

ג ע ש י ר - דאָס, =ן, 1. זאַמל=נאָמען פֿאַר פֿאַרשיידענע
שטוב=פֿלים צום קאָכן אין זיי אָדער עסן פֿון זיי (טעפּ,
טעלער, גלעזער א"א); געפֿעס, ב 1. געשיר פֿון פֿאַרצעלאַן,
צעראַמיק, פּלאַסטיק. פֿליישיק, מילכיק געשיר. וואַשן,
פּוצן, שייערן דאָס געשיר. מע כשרט דאָס געשיר.
דאָס פּסחדיקע געשיר שטייט אין דער גלעזערנער שאַפֿע.
אַ מאָל האָט מען געניצט ליימענע און קופּערנע געשירן.

1878 " די יוּוועלירערס |=יוּוועלירערס| און זילבער=
אַרבעטער האָבן איבערגעפּוצט די פֿילע שמוק און זילבער=געשיר" 2042
ימבר"ע, 1, 34.

1927 " געשיר מוז ער וואַשן און שיילן קאַרטאָפֿליעס
|...|." מ.ל. האַלפּערן, 2, 50.

1973 " דער אָפּשייַן פֿון די לייַכטער |...| איז געפֿאַלן |...|
אויפֿן זילבערנעם **געשיר** און אויפֿן צעפֿינקלטן באַשטעק". 2053
ראָזענפֿאַרב, 3, 76.

2. (וועבער=טערמ׳) "אַ געשטעל וואָס האַלט צוזאַמען אַלע
פֿעדעם" |קטוו|.

1926 " האָט דער וועבער מיט אַ רעהקאַם׳ // ׳אויפֿגעבעהט׳ 2042
די אויפֿן ׳בעהמשטול׳// און זייַן קעטע אין דעם
וועבשטול// אין ׳געשיר׳ ׳אריינגעריגן׳". גודמאַן, 277,1.

3. פּלים פֿון אַ לאַבאָראַטאָריע |ראַכקינד|. (?33?)

> **רעד:** ראַכקינד טייַטשט עס פֿון רוסיש **прибор**,
> אָבער אין נייַעם מד׳-רוס׳ **ווב** פֿון שאַפּירא, איז
> פֿאַר **прибор** ניטאָ דער טייַטש "געשיר".

0 **זילבער=געשיר** – געשיר געמאַכט פֿון זילבער אָדער
באַזילבערט.

**נאַכטגעשיר** – כּלי ~~צו מאַכן די פּיזשעט~~ פֿאַר נאַטירלעכע באַדערפֿענישן פֿאַר
קליינע קינדער, קראַנקע.

געש- 447.

1927 " גרייט דאָס נאַכטגעשיר פֿון זילבער,// וואָס ער האַלט, אַוועקצושטעלן// ווו זײַן מאַיעסטעט דער קעניג // ווערט אים הייסן און באַפֿעלן". מ.ל. האַלפּערן, 206,2.

קופּער=געשיר - געשיר געמאַכט פֿון קופּער.

קיכגעשיר - געשיר וואָס מע ניצט בײַם קאָכן.

1961 " פֿון שווערדן, ביקסן און נאָך אַזעלכע זאַכן// ווערט מען אַקערס מאַכן און קיכגעשיר,// ווי עס שטייט אין ישעיה, קאַפּיטל צוויי, פּסוק פֿיר". לעווין קיפּניס, 55,1. 2055

שור: אַ מייסטער אין געשיר איז ווי אַ זעלנער אין געווער.

□ <u>גישיר/גשיר</u>. <u>מה"ד</u>: .geschirre

... " אונ׳ צו איקליכמ׳ טרנק איין <u>גשיר</u> אנדר// דש
וש איין גרוש וואונדר". <u>מגילה מינכן, מ/87ב</u>. 2064

1610 " אונ׳ ער ליד שלמה אל די <u>גישיר</u> דז איך הויז
גאטש |...|". <u>טייטש=חומש, שמות, הפטורה, מלכים א׳</u>. 2037

1728 " אך זאל מן דען שתן ניט פיל ארום טראגין, אך
ניט גיסן פון איין <u>גשיר</u> צום אנדרן |...|".
<u>סגולות ורפואות, דף יז - ?!</u>. 2041

ג ע ש י ר ע מ ט – <u>פאר פון</u> <u>שירעמען</u>, (שיצן).

449 – גיל

ג ע שׂ כ ל ט I ✗ | געסייכלט | (זיך) – פֿאַר פֿון שׂכלען זיך.

450 - געש

געשׂכלט | געסייכלט ||| - אדי/אדור. (שנש?)

מיט שׂכל, קלוג; שׂכלדיק.

1908 " און יהודית שמייכלט,// קילט זיך מיט איר

פֿעכער,// און די גיסט געשׂכלט // בעכער אים נאָך בעכער". א/2074

ראַזענפֿעלד, 2, 161.

357

געשלאָגן – 1. פֿאַר פֿון שלאָגן.

2. אַדי/אַדוו. וואָס איז/ווערט געשלאָגן קערפּערלעך.

% דער געשלאָגענער איז געפֿאַלן אַ צעבלוטיקטער.

1873 " דערנאָך האָט מען די גאַנצע שולד אַרויפֿגעלייגט

קאנק אויף די געשלאָגענע נעבעך. זיי זענען נאָך געבליבן

אומגערעכט". מענדעלע, 1, קאַנ 320620.

1944 "די שוואַרצע פֿינצטערע מלאכים לאָזן אַראָפּ די

קאנק ווײַדלעך, ווי געשלאָגענע הינט". טרונק, 3, 167.

1968 " די אַרומיקע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויפֿן

קאנק שלעגער. האָט דער געשלאָגענער זיי אָפּגעשטויסן|...|".

גראַדע, 7, 173.

3. (עלט) אויסגעקלאַפּט פֿון אַ מעטאַל; געמינצט.

% פֿון זילבער געשלאָגענע מטבעות.

1955 " זיין דאך פון גאלד געשלאגן". מאני לייב, 2, 270. 2115

4. (פיג) באזיגט, פארשפילט (אין א קאמף, פארמעסט); און
דערנידעריקט, ~~באעוולט~~, געשטראפט.

1898 " אזוי ווי דער געשלאגענער איוב זאגט: |...|
איך וועל זיך א ביסל אפריידן, וועט מיר לייכטער 2081
ווערן". מארגענשטערן, 1, 10.

1934 " נאר דעמלט איז דאך ארלעקין געשלאגענער פון
אלע |...|". מ.ל. האלפערן, 4, 248. 2107

1951 " דאס בלוט פון |...| פארפייניקטע און געטריבענע
יידן האט זיך געגאסן אויף אלע וועגן, ווו ס'איז 2132
דורכגעגאנגען די געשלאגענע רוסישע ארמיי".
ל. שטיין, פער 106, 1951.

5. (פֿיג) געשטראָפֿט מיט אַ מום, פֿעלערדיק, קראַנק אויף
עפּעס. % דער זקן איז שוין נעבעך געשלאָגן אויף די
אויגן, זעט קוים. די אַלטיטשקע איז געשלאָגן אויף
די פֿיס, קאָן ניט גיין.

1904 " ווי קאָן שוין ר׳ יוזיפֿאַל לערנען, אַז די ראיה איז
אים, ניט פֿאַר קיין ייִדן געדאַכט, אַזוי געשלאָגן, 2097
אַז קוים וואָס ער זעט די ליכטיקע שײַן?".
שלום=עליכם, 7א, 193.

1935 " אַ שאָטן פֿונעם אויוונס הודיען פֿאַלט אויף
זײַן געשלאָגענעם געהער". רויזענבלאַט, 4, 98. 2117

1966 " מענטשן |...| מענטשן געשלאָגענע מיט בלינדקייט".
צאַנין, 1, 189. 2108

|| געשלאַגנקייט – די, בא. דאָס זײַן געשלאָגן,
אַלע בב.

[7 געשלאָגן די פּרנסה (וואָר: געשלאָגן אין דער פּרנסה) –
מע פֿאַרדינט ווייניק, די געשעפֿטן גייען ניט גוט.

1886 " וואָס פֿאַר אַ ביטערע צײַט איז הײַנט, ווי אַזוי
די פּרנסה איז געשלאָגן |...|". שלום-עליכם, [illegible] "קינדערשפּיל" [קאַפּ 7 ?] 2199
(עז: אין אונדזער אויסגאַבע ניטאָ אין דעם קאַפּיטל [illegible].)

1948 " דער שטאַט איז געוועזן שטאַרק אָנגעזאַלעט אױף
די געשלאָגענע פּרנסות אױף די אונטערגעענג". קאַנק
נסתר, 6, 318.

געשלאָגן דער מסחר – דער האַנדל איז אין אַ שלעכטן מצב.

... " שלעכטע געשעפֿטן, פֿאַני, געשלאָגן דער מסחר –
זיץ און קוק אין די פֿיר ווענט". מענדעלע, 21, 82. 2088

ער איז (שוין) אַ געשלאָגענער הונט – וועגן אַ געפּרוּווטן מענטשן, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ סך שווערע איבער־לעבונגען.

1925 " מיך איז שווער צו נאַרן, מיַין פריַינד. איך בין אַ געשלאָגענער הונט". זינגער, 3, 305. 2137

געשלאָגענער אייל – בנב |סטוטש 221|.

געשלאָגענער האָניק – בנב.

1943 " דאָס פּלעצל, וואָס דער אָרעמאַן פאַרדינט זיך מיט זיַינע הענט, איז זיסער ווי געשלאָגענער האָניק". 2106
אש, 14א, 142.

געשלאָגענער וואַקס – בנב.

געשלאָגענער וועג – (עלט) אַ ברוקירטער וועג.
|מ. אונגער, יידן ווערטער אין העבר' טעקסט פון סיפּורי מעשיות פון בעש"ט, פער 90, נ' XXVIII, 16|.

<u>געשלאָגענער לעקעך</u> - <u>בנב</u>.

1884 " געדענקסטו |...| מיר האָבן זיך געטיילט מיט אַ
2139 דאָרע שטיקלעך ברויט, אַעצט בין איך געקומען, מיר
זאָלן זיך טיילן מיט <u>געשלאָגענעם לעקעך</u>, מיט געבראָטענע
גענדז". <u>ש. בערנשטיין, 1, 11.</u>

<u>געשלאָגענער קרעם</u> - אויסגעשלאָגן פֿון אייער מיט צוקער |?|.

1962 " די ריזיקע וואָזע איך מיטן זאַקסישן גאָרטן
2110 איז געווען באַלאָדן ווי מיט אַ סטאַגיקער מאַסע פֿון
<u>געשלאָגענעם</u> קרעם". <u>שניאור, פֿער 69, V/11.</u>

<u>געשלאָגן אויף דער עבֿרי</u> |איוורע| = וועגן אַ ווינציק
געלערנטן מענטשן.

1888 " צווישן די דאָזיקע לײַט איז אַן אויסמישעניש

פֿון אַלערליי מיני נפֿשות: געוועזענע קרעמערלעך, קאנק

מאַרקמענטשן, |...| משרתים אין אכסניות, צום טייל

גראָבע יונגעןן 'געשלאָגן אויף דער עֹברי' |...|".

מענדעלע, 3, 364.

געשלאָגן אויף דער פּען – וועגן עמעצן וואָס שרײַבט שלעכט.

געשלאָגענער גראָשן – בנב.

................................................................

רעד: איך קאָרטל איז דאָ אַן אַנווײַז אויף סטוטש

508, דאָרט איז אַזאַן אויסדרוק ניטאָ.

................................................................

געשלאָגענער אַפּעטיט – אַ שוואַכער, קנאַפּער אַפּעטיט.

1935 " דער עולם עסט מיט אַ געשלאָגענעם אַפּעטיט".

רויזענבלאַט, 4, 22. 2116

געשלאָגן פּאַפּיר - (עלט?) בנב.

1870 " אַ ייִדישער קינסטלער |...| איז באַערט געוואָרן

|...| פֿאַר זײַנע קינסטלערישע אַרבעטן אין דער נײַער 2130

דערפֿינדונג פֿאַרצירונגען צו מאַכן אין סאַלאָנס |סאַלאָנען?|

פֿון געשלאָגן פּאַפּיר". פּער 177, נ' 37, ז' 284 - T.

ער האָט דיך געשלאָגן? - רוף אים הינטשלעגער - ווערטל,

געזאָגט איראָניש צו עמעצן, וואָס איז ווערט אַז מע האָט

אים געשלאָגן.

שור: (פֿאַר) אַ געשלאָגענעם הונט טאָר מען קיין שטעקן ניט

ווײַזן (וואָר: ווײַזט מען ניט קיין שטעקן)

א געליטענעם, אַ פֿיל געפֿרו־ווטן מענטשן טאָר מען ניט
שטעלן ווידער פֿאַר דעם נסיון.

□ גישלאגן.

3. ←----

1541 " ער וואר ניישט און שון גלייך אויף גיבלוזן//
2086 און׳ זיין הור ווש גלייך אז גולד גישלאגן".

בבא=בוך, סטר 98.

1697 " דיא צאל פון געלט וויל איך אייך וואל געבן
2077 און׳ זאגן // ער זיין פינף טויזנט גולדגילדן גישלאגן".

ס׳ משלים, דף מא - !.

ג ע ש ל א כ ט ! - פאר פון שלאכטן.

(?נ?) ג ע ש ל אַ כ ט !! - דאָס, |מצ?|. (שנש?) אַ סך שלאַכטן.

2114 1955 " ס׳געשלאַכט מיט די רוימער". אָפּאַטאָשו, 18.

רעד: מער ניטאָ גאָרניט אויפֿן קאַרטל - ניט זיכער אין אויסטײַטש.

462 – געש

געשלאַכץ – דאָס/דער, בא. (שנש) דאָס דויערנדיקע שלאַכצן.

1922 " בלײַב איך אײנע מיט די װענט, – // אוי, װי לאַנג צו מאַרגן!// האָב איך צװישן הוילע הענט // מײַן געשלאַכץ פֿאַרבאָרגן". אוליצקי, 1,100.

2142

463 - גיז

ג ע ש ל אָ כ צ ט - פֿאַר פֿון שלאַכצן.

464 - געש

(?נ?) ג ע ש ל אָ נ ק ט - <u>אַדי/אַדוו</u>. (<u>שנש</u>) שלאַנק, גראַציעז.

1948 " |...| סופות=צייט, מיט פֿיס געשלאַנקטע,

ראָזע, // ווי קניִענדיק איך לופֿט, איז דער בוטשאַן 2144

// געפֿלויגן קיין בית=לחם". <u>סוצקעווער, 4, 49.</u>

465 - געש

געשלאָס I - דאָס/דער, =ן. (אַנאַט) אָרט פֿון

ביינער־פֿאַרבינדונג; געלענק |סטוטש 240|.

(?נ?) ם |געשלאָס| ג י ש ל א ס !! - דאָס. רעם.

" אונ' דאש דאזיג וואר דאש ווערק פון דער שאנק, 1716

פוס אודר שטעלונג, אין גישלאסין אודר ליישטין וואר 2146

צו זיא אונ' דיא גישלאסין אודר ליישטין צווישן דיא

שפראסין אודר שטענגליך". ס' המגיד, 3, מלכים א',

ז - כח. (תי: [...] ומסגרות להם ומסגרות בין השלבים=

זיי האָבן געהאט באַמען, און די ראַמען זייַנען געווען

צווישן לייַסטן".)

(?נ?) ם|געשלאָס |!!!| ג י ש ל ו ס - |דאָס|. אַ פֿאַרשלאָסן אָרט,
איינשליסונג.

1696 " אויז דיא פון גישלוס מיין לייב צו לובן
2204 דיין נאמן". |סידור| תּפֿלה למשה, שף שצא - א.
|תּי: (תהילים קמב - ח): פֿעסטונג|.

366

געשלאָסן - 1. פֿאַר פֿון שליסן.

2. פֿאַראייניקט, פֿאַרבונדן אין אַן אָרגאַניזירטער פֿאָרעם.

% געשלאָסענע רייען. פֿאַרטיזאַנער זײַנען אַרויס פֿון וואַלד אין אַ געשלאָסענער פֿאָרמאַציע.

1925 " אַלע ריכטונגען אין דער באַוועגונג |ציוניזם| ... | מוזן אין געשלאָסענע רייען |...| קעמפֿן צווישן אַלגעמיינעם אָרגאַניזירטן ייִדנטום". 2158

קאַלקער, 1, 33.

1940 " עס איז ניט אַזוי גרינג פֿאַר אַ מאָדערנעם מענטשן, צוגעוווינט צו אַ געוויסער לאָגישער פֿאַרבינדונג פֿון 2159

געדאַנקען, צו אַ געשלאָסענער אַרגומענטאַציע, זיך אַרײַנצולייענען אין אַ 'בוך' ווי דער "תניא'".

קאַראַלניק, 2, 164.

1970 " עס האָט באַצויבערנדיק געווירקט אויף יעדן

פּרט, פּאַסוואַקלענדיק אַלעמען אין אַ |...| געשלאָסענער 2157

מחנה". י. פֿרײַנד, יזב 7, 191.

3. אָפּגערעדט, אָפּגעמאַכט (וועגן אַן אָפּמאַך, קאָנטראַקט)

% אין דעם געשלאָסענעם טראַקטאַט זײַנען באַרמירט די

גרענעצן צווישן ביידע לענדער. ער האָט געבראָכן דעם

געשלאָסענעם קאָנטראַקט.

|| געשלאָסנקייט - די, בא. אייגנקייט אָדער מצב פֿון

געשלאָסענע קייט - (פּיזיק) בנב |טערמ, פּיזיק, נייע שול, ווילנע 1920|.

געשלאָסענע קרומע ליניע - (מאַט) בנב |סטוטש 54|.

געשלאָסענע רעם - (דרוקערײַ) בנב |סטוטש 378|.

ג ע ש ל א פ ט  וו ע ר ן  -  אוטוו. (עלט) אפגעשוואכט ווערן.

186.. " דארט וועגט מען אלע זכיות און חובות פון מענטשן, |...| און אז די עוונות וועגן איבער איז שוין דא כמה ממונים לצד שמאל און זיין מזל ווערט ג געשלאפט". חאטש, 3, דף יב / ד. (נלאת 53 ?)  2189

1863 " |...| און אז די ישראל טוען א חסד, אזוי ווערט דער צד הקליפות געשלאפט און דער צד הקדושה געשטארקט". אנ, נופת צופים, 1, 218.  2187

□ גשלאפט.

1692 " איך זעלבגן טאג ווערט גזאגט ווערן צו ירושלים פרכט דיך נישט (אל ירפו) אונ' לאזן ניט געשלפט ווערן דייך הענט דוא ציון". ס' המגיד, 2, צפניה, ג - טז.  2188

472 - געש

ג ע ש ל א פ ן - 1. פֿאַר פֿון שלאָפֿן.

2. (אַדי, ס'רוב סובסטאַנטיווירט) געשלאָפֿענע(ר) -

וואָס האָט געענדיקט שלאָפֿן, שלאָפֿט שוין ניט. % ער

איז שוין אַ געשלאָפֿענער, האָט זיך גוט אויסגערוט.

1884 " איך בין שוין ניט געווען אַ געשלאָפֿענער פֿון

עטלעכע וואָכן". ראַם, 1, 15. 2192

473 - גל

ג ע ש ל אָ פּ ע ט - <u>פֿאַר פֿון</u> <u>שלאָפֿען</u>, |<u>האַרקאַווי</u>|.

474- געש

(?נ?) ג ע ש ל א ק ס - דאס/דער, =ן. (שנש) שלאקסרעגן.

2193 1959 " אַ, טעמנע געשלאַקסן". מ. דייטש, 3, 270.

רעד: 1) ניט זיכער אין אויטענטיש - ציטאַטע צו קורץ;
2) די נײַשאַפונג אַליין איז מיר קשהדיק
13 פֿאַרדייען, כאָטש איך האָב ליב נײַשאַפונגען...
ש. פּ.

ג ע ש ל ו כ ץ - דאָס, בא. (שנש) דאָס דויערנדיקע שלוכצן.

1940 " דורך אים // פֿליִען טונקעלע בינען אַרייַן //
2195 און אויך דאָס געשלוכץ פֿון דערבייַיִקן טייַכל".
סוצקעווער, 3, 224.

1956 " אַ בלייַערנע מידקייט האָט אים געצויגן צום שניי,
2196 אַראָפּזעצן זיך אויף אַ רגע, |...| אייַנשטילן דאָס
געשלוכץ", מאַן, 2, 169.

1973 " |...| איבערלאָזנדיק אין דער לופֿט זייער
2197 אויסטערליש, דין=שפּיציק פֿויגל=געשלוכץ".
שפּיגל, 5, 88.

476 – גרז

ג ע ש ל ו כ צ ט – פֿאַר פֿון שלוכצן.

477 – גע

ג ע ש ל ו מ ע ר ט – פֿאַר פֿון שלומערן.

געשלונג – דאָס/דער, באַ. (שנש) 1. דאָס דויערנדיקע שלינגען.

2. מצ = ען. שלונג.

1945 "ביי יעדן וואָי ציט לאַנג זיך אויס זייַן צונג // אַריַינצושלינגען מיך מיט איין געשלונג". 2198

לייוויק, 8, 301.

רעד: כ'בין מסופק אין דער נייטיקייט פֿון דעם צווייטן באַטייַט, ס'איז אויסגעמוטשעט צוליבן ריטעם...

479 -גען

ג ע ש ל ו נ ג ע ן - פֿאַר פֿון שלינגען.

480 –

געשלוקט – פֿאַר פֿון שלוקן, |הארקאווי|.

481 -

ג ע ש ל ו ק ע ר צ ט – פֿאַר פֿון שלוקערצן.

482 -

ג ע ש ל י א י ע ט (ז י ך) - פֿאַר פֿון שליאַיען (זיך).

483 - גֵּי

(נג?) ג ע ש ל י א נ ד ע ר ט - פאר פון שליאנדערן.

484

ג ע ש ל י א נ ד ר ע ו ו ע ט - פאר פון שליאנדרעווען.

ג ע ש ל י ד ע כ ט ס - דאס, בא. (עלט) .

צונויפשטעל, געמיש, אלץ מיט אנאנדער.

1867 " ווייסט איר ווי אזוי דאס גאנצע געשלידעכטס

קומט מיר פאר? פולקאמען ווי דער חד=גדיא". 2207

י. הויכבערגער, פער 177, נ' 46, ז' 346 - !!.

1870 " ער מאכט א געשלידעכטס פון פסוקים, מדרשים,

אגדות מיט משלים פון געוויינלעכן לעבן". 2207

פער 177, נ' 17, ז' 130 - !.

רעד: 1) כ'בין ניט זיכער מיטן אויסטייטש, באזונדערס לגבי דער ערשטער ציטאטע; 2) כ'האב א חשד אז ס'איז דאס אייגענע ווארט וואס "געשלידער", נאר אין א דיאלעקטישן װאריאנט, אדער סתם פארגרייזט גערעדט אדער פארשריבן - איך גיב עס ווי איך קארטל.

82

געשלידער - דער/דאָס, בא. זאמלנאמען. (עלט).

1. צוגאָבן, צוגעהעריקייטן |ל 2|, אַלץ מיט אַנאַנדער, אַלע זאַכן.

1874 " דער יונגער קנעכט |געמיינט יוספֿן|, פֿון זיין געבאָרן,// איז ער גלייך מיט אונדז דערצויגן געוואָרן, // ביז ער האָט זיך איינגערעדט דעם געשלידער, // רופֿט אונדזער פֿאָטער 'טאטע, אונדז -'ברידער". 2210/א

צונזער, 4ב, 568.

1941 " |...| וואָרעם אַ חלום קומט מיט פֿיל געשלידער". 2210/ב

תּרגום יהואש, קהלת, ה - 2.

2. צונויפֿשטעל, קאָמפּלעקס, סיסטעם, מערכה.

1875 "דו דערהאַלטסט אַלע, דו שטעלסט זיי אַנידער,//

צו דיר בוקט זיך פֿון הימל דאָס געשלידער". 2219

מענדעלע, 19, 49.

1966 " ער קאָן ניט שלום=מאַכן מיט זײַן גאַנצן באַשאַף=
געשלידער". גלאַטשטײן, 3, 47.

1920 " און ס'װערן דײַנע גלידער // װי פֿון פּערל
אַ געשלידער". אהרן צײטלין, 7, 158.

3. גאַרניטער, גאַנג פֿון פּלים |ליפֿשיץ, 1!|.
R: прибор, снаряд

4. 'לונג=און=לעבער". % "ער קומט אָפּ אַ גאַנצע װאָך
מיט אַ שטיקל געשלידער". |אָפּאַטאָשו, פֿער 90, I - 6, 184|.

1941 " |...| װײס איך ניט װאָס פֿריִער צו טאָן.
2213 |...| צי שיקן אין אַפּטײק נאָך רפֿואות, צי אַרײַנברענגען אין
אַ שטוב ~~איך שטוב~~ אַ גרויפּ, אַ קװאַרטירל מילך, צי
אַ געשלידער אָפּצוכאַיען די קינדער, װאָס זײַנען
פֿאַרדאַרט, פֿאַרקװאַרט". מאַרגאַליס, 1.

5. געשפּאַן פֿון אַ פֿערד |ליפֿשיץ 2|.

1948 " איר זאָלט נישט זיין ווי אַ פֿערד, ווי אַ
מוילאייזל, מיט צוים און ציגל |?| איז זיין געשלידער א/2231
אויף צו צוימען, אַנדערש גענענט עס נישט צו דיר".
איבז גראס, תהילים, לב - ט.

6. אַמאָליקער לייכטער מלבוש, אָדער אַ גאַנג פֿון בגדים,
הילוך.
|אַנהייב XIX| " איך דעם שטערן=טיכל אָנגעטאָן,// טראָגט
ער | דער מאַרשעליק ביי דער חתונה| אַ שפּיגל נאָר א/2212
אויף אַ צאָן,// אַ פֿאַרטעך, אַ שפּיץ, אַ געשלידער, //
אַ שיינער קרבן=מינחה=סידור". עטינגער, 3, 13.

1876 " מײַן חנוודיקער מחותן מיט דעם ווײַסן לעטניק,
מײַן כשרע מחותנתטע, וואָס פֿאַרדריפּעט זיך ביז אין 2212
דער פֿינטע, א שיין געשלײדער, כ'לעבן, סע גוט פֿאַר איין
עין=הרע". גאָטלאָבער, 2, 6.

7. גערודער, טומל, האַרמידער, געשלײַדער.

1901 " אויסגעלאָזן האָט זיך דאָס געשלײדער מיט אַן
עלפֿיאָריקע, דרײַצנטע קינד און אַן איינִיקל פֿון די 2217
זעלבע יאָרן". והל, 2, 84.

... " און באַלד איז אַ וואַנזין=געשלײדער // זיך
קרײַזט ער און דרייט זיך און פֿלעכט זיך". יהואש. 2217/א

1970 " אין דעם גאַנצן קאַכיקן געשלײדער פֿון געגשע,
נאַלעווקעס און פֿראַנציסקאַנער |...|". אהרן צייטלין, 2217/ב
7, 32.

8. איינאָרדענונג, אַרמאַטור |אוירו|.

9. אָרדענונג, סדר, |ד. סדן, חן=גריבעלער, ז' 203|.

1919 " אויסגעזעצט זיך ווידער// לויטן מאַרשעליקס געשלידער - // נאָך אַ גרעסערער האַרמידער".

ר' מרדכילע, 1, 53.

מיטן גאַנצן געשלידער - מיט אַלץ צוזאַמען, מיט אַלע זאַכן, מיט אַלע פּיטשעווקעס, אַלץ מיט אַנאַנדער.

מאַכן פֿון עפּעס/עמעצן אַ גאַנצן געשלידער - מאַכן אַ גוזמא, אַ פּירוש, אַ גאַנצן ענין |סטוטש 364|.

אָנהענגען זיך אַ געשלידער אויף דער נאָז - איינרעדן זיך עפּעס אויסטערלישס, פֿאַנטאַזירן.

ג 2217

שור: ווי ס'איז געמיט אזוי ס'געשלידער - "אז מען
איז אין א צרה, לייגט מען נישט קיין אכט אויפן
אנטועכץ". |פער 92, 14|.

ם
גשלידר.

2 ←

1732 "דש גשלידר צייג מבסף וטעה |?| קאן זאל גיגעבן
ווערדין לאחותי". שו"ת כנסת ישראל, דף פ"ח. 2241

492 - געש

ג ע ש ל י́ ד ע ר ע כ ץ - <u>דאָס, | =ן?|.</u> (<u>עלט</u>)

מיך אייבערגלייבערישער סגולה קעגן פּישוף|<u>סטוטש 615</u>, [הערקעווי].

| |
|---|
| <u>רעד:</u> איז דאָס אַ זגאַל געוויקס אָדער אַ קמיע, אַמולעט, טאַליסמאַן? |

493 –

ג ע ש ל י ט ל ט (ז י ך) – פאַר פון שליטלען זיך.

494 - געש

געשליידער - דאס/דער, =ס. (שנש) דאס דויערנדיקע שליידערן.

1955 "צי פארגעסטו, ווי דו ביסט געפלויגן// אין ביסע געשליידערס?". לייוויק, 11, 51. 2243

1970 "נאך יארן געשליידער פון לאנד צו לאנד דורך געטאס, קאצעטן און טויטנמארש". י. קאפלאן, 5,2. 2242

495 - גזל

ג ע ש ל ײַ ד ע ר ט - פֿאַר פֿון שלײַדערן.

496 - גל

ג ע ש ל ײַ כ ט ( ז י ך ) - פֿאַר פֿון שלײַכן (זיך).

(?נ?) געשליים - דאָס/ דער, באַ, ־אמל=נאמען. (שבש)

צונויפֿנעם פֿון שליים, אַ סך שליים, אַ שליימיקער באַדן.

1961 "ווי דיינע בערג אילת, // וועל איך אויסשווייגן מיין ליד// מיט קופּער און שטיין,// קאַראַלן אין געשליים". א. שמרי, פּער 24, 343.

2246

ג ע ש ל יי ס ט - פֿאַר פֿון שלייסן.

געשליי ער - דאס, =ס. (עלט) "א פּאַרפּונצטע הויב, אַ פּאַרפּוצט שייטל" |אַפּאַטאַשו, פּער 90, ד- 5, ז' 156|.

ווי ס'געמיט, אזוי ס'געשלייער" |דצוו|.

2249

געשלייערט - 1. פאר פון שלייערן (זיך).

2. וואס טראגט א שלייער אדער עפעס וואס זעט אויס ווי א שלייער.

1928 " |...| וואסער=מיידלעך געשלייערט אין ווייכע וואלקנדלעך לויפן אויף אפריער". אפאטאשו, 4, 68. 2254

3. אדי/אדוו. וואס איז (ווי) הינטער א וחאל, פארשטעלט |ראכקינד|.

געשלייערטע האנדזיע - (שלש) וועגן עמעצן וואס פוצט זיך אויס צו פיל, אן געשמאק.

1936 " פארדריסט עס שויך ביז גאר! אזא געשלייערטע האנדזיע אין גילדענע פעדערן!|געמיינט די פאווע|". שטיינבארג, 3, 270. 2256

2. (שלש) וועגן א נאר, א תם, א גולם.

געשלײערטע שיקסע - דזוו דפוו.

1903 " למאַי, למאַי, למאַי - דו ביסט אַ געשלײערטע

2257 שיקסע! - מאַכט צו מיר די מאַמע און וואַרפֿט מיר

אויף אַ פּאַטש". שלום=עליכם, 20, 131.

ניט וויסן ווער עס האָט אים(זי, זיי) # געשלײערט -

ניט קענען, ניט וויסן וואָס עס טוט זיך, ניט פֿאַרשטיין,

ניט אָריענטירן זיך.

1916 " מײַן מאַמע ווייסט אַלע מאָל, ווו דער חזן

קאַנק האַלט און וואָס דער חזן זאָגט. און די היגע

ווײַבער ווייסן ניט ווער עס האָט זיי געשלײערט. אַזוי [illegible]

מײַן ברודער אליהו [illegible] שלום-עליכם, 8ד, 139.

1946 " |...| נעבעך נישט געוווּסט ווער עס האָט זי

געשלײערט און געזעסן אַ דערשראָקענע |...|".

טרונק, 4, 136.

502 - גוף

ג ע ש ל יי פּ ט - פֿאַר פֿון שלייפֿן.

503 –

ג ע ש ל י י פ ט – פאר (פפ) פון שלייפן.

ג ע ש ל יַי פֿ ל ט - אַדי. (שנש) דזוו געשליַיפֿט.

1956 " געשליַיפֿלטער גראַניט איז דיַין ,ברוך".

סוצקעווער, 4, 275.

(?נ?) געשלינג - דאס, =ען. (שנש) דזור שלינג/שלונג.

1932 "יעדעס מאָל ווען דער קיניג וויל אַרונטערשלינגען

א געשלינג, העלפֿן אים אַלע מיט די ליפּן און ושתס, (?) 2267

כדי דעם קעניג זאָל דער שלינג זיין גרינג".

נאדיר, 4, 284.

רעד: מסופק אין דער נייטיקייט און קאָרעקטקייט פֿון
דער ניישאַפֿונג - א געווייינלעך נאַדירש וואָרטשפּילערייַ.

506 געש

ג ע ש ל י ס - דאס/דער, =ן. (שנש) געלענק.

1927 " דער שארפער ווייטיק אין אלע געשליסן פון
די הענט איז משמעות פון רעוומאטיזם". 2269

פער 151, נ' 10.

~~5087~~ 507 גע -

ג ע ש ל י ס ל - דאָס, =עך. (נש אהוו) די קלאַוויאַטור (?נ?)
פֿון אַ פּיאַנאָ, שרײַבמאַשינקע אד"גל).

רעד: צו וואָס די נײַשאַפֿונג?!

~~507~~ - געש
508

ג ע ש ל י ס ן - פאר (פּפּ) פון שליסן.

ג ע ש ל י ף – דאס, בא. (שנש) 1. דאס דויערנדיקע
שלייפן.

1938 " עס העלפט ניט ס'ווארטיקע געשליף // און ניט
דער שמייכל פון נאראנים". סוצקעווער, 3, 181. 2271

1952 " גוטע שטיקעלעך פראזע פונעם זיידע מעדעלעס
געשניץ און געשליף". מ. דייטש, 2, 108. 2273

2. (שנש) די געשליפענע אייבערפלאך פון עפעס.

1967 " אסתרקע טוט אויס די ברילן |...| און ביי
יעדער מאל איבערציען דאס געשליף מיטן נאזטיכל 2272
ווערט קלערער און קלערער ביי איר אין קאפ".
קארפינאוויטש, 1.

געשליפֿן – 1. פֿאַר פֿון שלײַפֿן.

2. שטאַרק גלאַט, פֿײַן אָפּגעגלעט. % געשליפֿן גלאָז, געשליפֿענער דימענט.

19... "ווען איר, ליבע לעזער, וואָלט מיר ווער ס'איז
אַרײַנגעשיקט אַ מתנה אַ פֿאַר גוט געשליפֿענע שפּאַקולן 2277
אין זילבערנע האָלאָבליעטשקעס, ווען איר האָט ניט
קיין געלט אויף גילדערנע |...|". ווינטשעווסקי, 1, 173.

1926 " |...| מיט נאָך מער עקשנות האָבן אירע אויגן
געקוקט און זיי האָבן געפֿינקלט ווי געשליפֿענער 2305
שטאָל". נאָמבערג, 1, 400.

1960 "|...| ער האָט זיי געשטעלט מיט די פֿנימער צו
זײַן פֿרעכטיק געשליפֿענעם שפּיגל". ניגער, 10, 241. 2297

3. שאַרף, אָנגעשאַרפּט. % אַ גוט <u>געשליפֿן</u> מעסער. די <u>געשליפֿענע</u> שווערד.

1968 " ער האַלט אין די אַרבל פֿאַרשטעקט אַ <u>געשליפֿענעם</u> חלף". <u>גראַדע, 7, 190</u>. קאַנק

4. (<u>פֿיג</u>) גוט אויסגעלערנט, גוט דערצויגן, מיט גוטע מאַניערן. % <u>געשליפֿענער</u> געשמאַק.

1864 " ער איז אַן ערלעך יִנגל, כאָטש אַ ביסל אַ לעקיש, ניט <u>געשליפֿן</u>". <u>מענדעלע, 12, 49</u>. קאַנק

1975 " אַלע האָבן געזען, אַז די איז אַ קלוגע, אַ <u>געשליפֿענע</u>, רעדט פֿאַר פֿייַער און פֿאַר וואַסער". <u>באַשעוויס, 6, 186</u>. קאַנק

5. (<u>פֿיג, וועגן רייד, שריפֿט</u>) גלאַטיק, גוט באַאַרבעט, שלימותדיק. % <u>געשליפֿענער</u> סטיל. <u>געשליפֿענע</u> פֿערזן. <u>געשליפֿענע</u> זאַצן.

1929 " |...| אונטער דער השגחה פֿונעם פֿעלדפֿעבעל,
וואָס שיט פֿון זײַן באַיאָרטן מויל **געשליפֿענע** 2332
קאזאַרמיש=מענישן ניבול=פּה". ווינער, 2, 101.

1972 " ער האָט ניט פֿאַרמאָגט |...| די **געשליפֿענע**
סטראָפּיק פֿון שמואל האַלקין |...|". י. קערלער, 2312
פֿער 38, נ׳77, ז׳ 22.

**געשליפֿעניש** – דאס, בא. (שמש) די שאַרף, שאַרפֿקייט.
1936 " נעמט אונדז מיט סערפֿן=געשליפֿעניש, // נעמט
אונדז מיט גאַריקער ליפּ". סוצקעווער, 3, 53. 2326

**געשליפֿנקייט** – די, בא. אייגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון זײַן
געשליפֿן, אלע בב. % דימענטן שאַצט מען לויט דעם
גראַד פֿון זייער געשליפֿנקייט. דער גאַסט האָט זיך
אויסגעטיילט מיט זײַן געזעלשאַפֿטלעכער געשליפֿנקייט.

1940 " דער שפּילער טאָר ניט זײַן ווילד, נאָר געשליפֿן.
|...| וואָס מער געשליפֿנקייט, אַלץ ריכטיקער דער 2223
קלאַנג, אַלץ טיפֿער דער געדאַנק". דרוקער, 1, 86.

געשליפֿעניש - דאָס, בא. געשליפֿנקייט, שאַרפֿקייט,

1936 " נעמט אונדז מיט טערפּן=געשליפֿעניש". סוצקעווער, 3, 53. 2326

געשליפֿענער קאָפּ(מוח) - זייער פֿעיִק, אינטעליגענט.

1888 " גיט אונדז צוריק דעם חדר מיט די געשליפֿענע
קעפּלעך, און מיר גיבן אַ ייִך אָפּ בכבוד אײַערע 2293
מעשענע קנעפּלעך". חאַשקעס, 1, 24.

1944 " |...| אַפֿילו פֿאָרסטע אַרענדאַרן פֿאַרשטייען זייערע
ווערטער, און מ'דאַרף צו זיי גאָרנישט האָבן קיין
באַזונדערס געשליפֿענע קעפּ". טרונק, 3, 42.

1954 " אויב אַזאַ קאָנצענטראַציע פֿון געשליפֿנסטע מוחות
וואָלט געדאַרפֿט פֿאָרקומען אין אַ פֿרײַער לאַנד, וואָלט מען 2304
עס געדאַרפֿט אָפּשטעלן". גרינבערג, 3, 113.

געשליפֿן צינגל (וואָר: צונג, מויל, פּיסקל) – קענען רעדן
שיין, גלאַטיק, איבערצײַגנדיק.

1864 " אַ צינגל האָט לײַזער געהאַט אַ געשליפֿנס,
זייער אַ געלויפּיקס". מענדעלע, 12, 28. קאנק

1935 " ר' גדליה האָט זיי גרייַלעך איבערגערעדט מיט
זײַן געשליפֿענער צונג". באַשעוויס, 1, 119. קאנק

1975 " געקומען איז ריקל און זי לייקנט שטיין און
ביין זי'ט געהאט א געשליפֿן פּיסקל". באַשעוויס, 94,6.

געשליפענע צרות – שאַרפע, ווייטיקלעכע צרות.

1883 " |...| פון אַ קאַלאַש אַ שפּאַרן,// פון אַ הערש אַ
אַ האָרן,// בילדער פון אַלטע מיידן,// חוץ געשליפענע 2330
צרות און לײַדן". ליניעצקי, 7, 74.

געשליפענע שוחטים – (עלט) אַזוי האָט מען גערופן די שוחטים וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט נײַע 'געשליפענע' חלפים, געמאַכט פון געשליפענעם שטאָל, גאָר גלאַט, דין און שאַרף; די אַלטע שוחטים האָבן געפּסלט די דאָזיקע חלפים, זאָגנדיק אַז אויף זיי איז שווער צו דערקענען אַ פּגימה, די חסידים ווידער האָבן געטענהט, אַז די שוחטים וואָס האָבן אמונה אין זייער רבין, האָבן אין זײַן זכות אַ באַזונדער הרגשה, אַ דאַנק וועלכער זיי קענען אַפילו אין דעם געשליפענעם חלף דערקענען אַ פּגימה.
|דערקלערונג פון ד"ר שלמה נאָבל|.

...182 " דעמלט האציך אנגיהובן אין דער מדינה צישן

אלע גיטע יודן דיא <u>גשליפונע שוחטים</u> מיט דיא חלפים 2331

צי ווערן, מ'האט אנגיהובן צי זאגן אונד דער היינטיגר

דור דעה האט שוין זוכה גיוועזן גיוואר צי ווערן

פון די חלפים |...|". <u>מאלאגה,י, 1, 237.</u>

געשלעג - דאס, =ן. 1. דאס שלאגן זיך, דאס געבן קלעפּ איינע די אַנדערע. % א בלוטיק געשלעג. די שותּפים האָבן זיך צעקריגט און ס'האט געהאלטן ביי א געשלעג. צווישן די אונטערוועלטניקעס איז געקומען צו א געשלעג אויף מעסערס.

1888 " עס ווערט אַ געשלעג איבער אַ ביינדל, אַ רייסעניש, אַ בייסעניש, און ארויס כאַפעניש פונעם מויל איינער ביים אַנדערן". מענדעלע, 3, 221. 2324

1916 " האָט זי געמאַכט אַ גוואַלד, זענען זיך צונויפגעלאָפן מענטשן און ס'איז אַרויס אַ געשלעג". שלום=עליכם, 28, 123. קאנק

1931 " אַ צווייטע קופּקע סאָלדאַטן שפּילן אין 'באַנטשאָק'. דאָרטן האַלט עס ביי אַ געשלעג". ברעגמאַן, 1, 322.

1968 " אים פֿאַרדריסט, וואָס דער מאירקע האָט אים
קאנק שבת=נחמו בײַם געשלעג צעקראַצט די צורה".
גראַדע, 7, 118.

2. (זך) שלאַכט, קאַמף, געראַנגל.

1868 " די עטלעכע הונדערט ייִדן האָבן אַוודאי ניט
2349 געוואַלט זיך איין אַ געשלעג אַרײַנלאָזן מיט |...|
קריסטלעכע שטאָטבירגער". פֿער 177, נ׳9, ז׳ 66- !!!.

1938 " די אַרומגערינגלטע רויטאַרמייער איז עטלעכע מאָל
2363 אויסגעקומען גיין אין באַגנעטן=געשלעג".
נח לוריע, 4, 143.

1956 " |...| דרײַ מאָל ניט צוטריטלעך איז ער אין די
2346 געשלעגן פֿאַר יעדן איינגעפֿונדעוועטן סטאַלינגראַדער
שטיין". מאַרקיש, 10, 321.

|| געשלעגעניש - דאס, =ן. (שנש?) דזוו געשלעג.

> רעד: געפינען די ציטאַטע ביי סוצקעווערן,
> "ציייטיקע פנימער", ז' 58.

געשלעגערײַ - דאס, =ען. דזוו געשלעג.

1869 " דער רבי | פֿון חדר | איז נאָר אַרויסגעגאַנגען
2371 פֿון דער שטוב, אָהאָ! אַ געפּאַטשערײַ אַ געשלעגערײַ!
איר מיינט אפשר איבער אַ גמרא, אַ חומשל? - דווקא ניט!..
איבער אַ טײַסטערל". פּער 177, נ' 45, ז' 311 -!!.

1944 " ס'האָבן זיך געטראָגן געשרייען און געוואַלדן.
קאנק |...| אויף דער ערד איז געלעגן מיט אַ צעשפּאָלטענעם
קאָפּ |...| שימחה גייגעס עלטסטער איידעם איטשע=מאָטל...
ס'איז געוואָרן אַ געשלעגערײַ |...|". טרונק, 3, 61.

ם

## גישלעג.

.1 ←---

1676 " אזו בלד מן רעד דברים בטלים |ביים טיש| דא
קוינן דיא מלאכים דז ניט צו הערין אונ' גינן היגוועק 2343
דא קומן דיא רוחות רעות אונ' בישעדיגט דען טיש
אנטוור דען לייט ביקומט דש עשין ניט אודר ווערט
איין גישלעג". ברנט שפיגל, פרק מ'.

1752 "|...| צום לעצטן קומט צו מיינשט קריג אונ'
גשלעג ארויש |אויף די שימחות, ווו מע שטיפט| 2347
דארום זאל מן דאר פֿיר גווארנט זיין". ס' עץ חיים,
דף נו - 4.

.2 ←---

1541 " דש גישלעג ווערט ציהן גנצר שטונד ביש זי
זיא אל הטן איבר קומן". בבא בוך, סטר' 581.

ג ע ש ל ע כ ט - דאָס, =ער. 1. ביאָלאָגישער מין
(זכר אָדער נקבֿה). % מענלעך/מאַנצביליש געשלעכט.
ווײַבלעך/ווײַבעריש געשלעכט.

1882 " די איז איבערגעפֿלויגן |=איבערגעשטיגן| מיט
אירע קענטענישן איר געשלעכט (די נקבֿות) און אפֿילו 2403
מענער אין אירע יאָרן". פּער 74, נ' 32, ז' 483.

... "|...| פֿון ביידערליי געשלעכט האָב איך זיך אײַנגע-
האַנדלט קנעכט". פּרץ, 14, 164. 2382

1937/39 " דער אָוונט - אַ היכל פֿון ליבע, דאָרט שפּרוצלט
// די פֿרייד פֿון געשלעכטער". סוצקעווער, 3, 151. מײַן

1948 " דעמאָלט האָבן זיך אַלע היימישע |...| ווער
נאָר פֿון ווײַבערשן געשלעכט ס'איז |...| נאָענט קאַנק
געוועזן צו דער מיטה זיך אַ לאָז געטאָן". נסתר, 6, 121 -122.

2. (עלט) שבט, משפחה.

1872 "שאול המלך |...| וועט קומען פון געשלעכט
2411 בנימין". צאינה-וראינה, 3, פרשה ויחי.

|| געשלעכטהאפטיקייט - דאס, בא. (שנש?) סעקסואליטעט.

1944 "דאס פארפאלק אין געווען דאס ארומגייענדיקע
2425 געשלעכטהאפטיקייט". טרונק, 3, 57.

געשלעכטלאז - אדי/אדוו. אן באשטימטן געשלעכט.

0 געשלעכט=אפאראט - צונויפשטעל פון אלע טיילן פון
געשלעכט=ארגאן.

געשלעכט=ארגאן - דער, =ען. ארגאן פון פארמערונג.

1944 " אַ געוויינטלעכע בלום באַשטייט פֿון די געשלעכט=
אָרגאַנען און פֿון דער הילע. די געשלעכט=אָרגאַנען
פֿון געוויקס זייַנען די פֿעסטלעך (די ווייַבלעכע
אָרגאַנען) און די שטויבגעפֿעסן (מענלעכע אָרגאַנען)".
א. גאָלאָמב, פֿער 13ה, 483.

געשלעכטגליד - דער, =ער. דזוו דפֿוו.

געשלעכט=האָרמאָן - דער, =ען. האָרמאָן וואָס אַקטיוויזירט
די געשלעכטלעכע פֿונקציעס.

1967 " |...| עסטראָגען און פּראָגעסטעראָן |...| זייַנען
געשלעכט=האָרמאָנען". גלען, 1. 2446

געשלעכט=טאָפּערלען - מצ. בנב. |סטוטש 240|.

**געשלעכטטיילן** – דרויסנדיקע טיילן פֿון די געשלעכט=
אָרגאַנען.

1927 " |...| די מאַנדאַוועשקע (פּילצלויז) |...| זי
האַלט זיך אויף אין דער קערפּער=באַהאַרונג, וואָס איז 2383
צוגעדעקט מיט קליידער, דער עיקר אַרום די געשלעכטטיילן".
איבן שאַבאַד, 2, 26.

**געשלעכטטרײַב** – דער, באַ. (דטשמ) סעקסועלער דראַנג.

1927 " פֿון אײַער באַשרײַבונג איז קלאָר, אַז איר זײַט
אַ נעוראַסטעניקער, און די מעשה פֿון 'ניט האָבן קיין 2429
געשלעכט=טרײַב |טעקסט: טריב|' האָט איר זיך פּשוט
אײַנגערעדט". פֿער 151, נ' 10.

**געשלעכט=לעבן** – דאָס, באַ. סעקסועלע באַציִונגען צווישן
מאַן און פֿרוי.

**געשלעכט=פּאַרקער** – דער, באַ. דזוו דפּוו.

**געשלעכט=קראַנקייט** – ווענערישע קראַנקייט.

**געשלעכט=רײַפקייט** – די, באַ. דער עלטער ווען מע קאָן
שוין האָבן געשלעכטלעכע באַציִונגען.

1908 " פון דער צײַט ווי עס קומט אָן די געשלעכט=רײַפקייט
ביז פולשטענדיקער דערוואַקסנקייט גייען פאַרבײַ פיל 2402
יאָרן". קאַרניג, 1, 43.

**געשלעכטשייד** – די, =ן. וואַגינע.

1951 " מ'דאַרף ניט אַרומטראָגן זיך אַ לאַנגע צײַט מיט
אַ וווּנד |...| אָדער מיט אַ בלוטונג פון דער געשלעכטשייד". 2448
פער, 152, נ' 1 – 2.

17 דאס שוואכע (שייכע) געשלעכט - די פרויען.

דאס שטארקע געשלעכט. - די מענער.

1901 " די פרויען ווילן שוין ניט זיין אפהענגיק פון

"שטארקן געשלעכט"". איש יהודי, פער 37, נ' 42.

דאס גראמאטישע געשלעכט - (עלט) גראמאטישער מין פון

סובסטאנטיוון און פראנאמען.

זידלען אין די געשלעכטער אריין - בנב.

... |...| זידלענדיק די פערד אין די געשלעכטער אריין".

אש, 10, 5. 2421

רעד: כ'מיין אז ס'איז אן אנטייט אויף די באקאנטע

רוסישע קללות, אין דער מאמען אריין".

**גישלעכט/גשלעכט.**

2. ------

1544 "עש בליבן בייא הר דוד יהודה גישלעכט.// אונ׳
זוינשט אל ישראל ברוכן אן אים רעכט". שמואל=בוך, 2417
סטראָפֿע 1626.

1602 " גיס אויז דיין צורן איבר די פעלקר די דיך
ניט קענן אונ׳ איבר דיא גישלעכט דיא דיין נאמן ניט 2405
אן רופין". ס׳ ירמיה, י׳ - כה. |תי: משפחות|.

1727 " אך האט משה גנומן צו צוועלף גשלעכט צוועלף
שטיין קרבנות האט ער מקריב דרויף טאן זיין". 2390
שמחת הנפֿש 3, דף יב.

3. אָפּשטאַם, ייִחוס.

1557 " |...| די גוטן אונ׳ די בעשטן// וואון קוניגש
גשלעכט". ס׳ דניאל, סטראָפֿע 10. 2381

1697 " איר האט איין איינציגי טאכטר, דיא וואלט איר

נימץ געבן, ער ווער דען אזו רייך אז איר ווערט אונ׳ 2400

פון גוטן גישלעכט, אז איר זייט". פֿראגער מעשה=בוך, ז׳ 469.

1701 " איך בין אך דארטן אויז יענר שטאט אונ׳ בין

איין יודן אונ׳ בין איינם גוטן גישלעכט". 2399

מעשה=בוך, מעשה ק.

403

ג ע ש ל ע כ ט י ק - אדי/אדוו. (שנש) דזוו געשלעכטלעך.

% געשלעכטיקער אַקט, געשלעכטיקע דריזן. געשלעכטיקע

האָרמאָנען, געשלעכטיקער פּאַרקער |סטוטש, 240, 241, 560, 561|.

1970 " געשלעכטיק האָט ער צו איר קיין שייכות נישט".

אהרן צייטלין, 7, 56. 2431

0 גלײַכגעשלעכטיק - אדי/אדוו. פֿון דעם אייגענעם

געשלעכט.

1935 " |...| אינטערעס צום גלײַכגעשלעכטיקן עלטערן=

האַלב". מ. ווײַנרײַך, 3, 42. 2437

סט פולין 13 בולים

530
531

סס פולן 13 זווג

530

531

ג ע ש ל ע נ ג - דאָס/דער, =ען. (אַנאַט)

1. (לאָקל, לאָדזש) „הינטערשטע טייל פֿון צונג" | ה.שמולעוויטש,
פֿער 90, נ' III, ז' 89.

2. |סטוטש 240| געגנוייער בנב.

רעד: סטוטשקאָוו גיט דאָס וואָרט (259,240 (שחיטה)
ניט ביי דער סובגרופּע מויל, נאָר ביי האַלדז,
אַטעמוועגן (פֿון ~~ב"ח?)~~ כרבֿלי-גויים?).

(?) געשלענגל - דאָס, בא. (שנש) דאָס שלענגלען זיך,
זיגזאַגן (פֿון אַ וועג, טײַך א"א).

1931 " שטיל, ניט גערוישט גייט מען, אָפּשטופּנדיק זיך
מיט די שטעקנס איבערן געשלענגל פֿון פֿרײַען טײַך, 2452
וואָס איז ניט פֿאַרנומען מיט קיין פּליטן". איבן סיראַטינער.

געשלענגלט - 1. פֿאַר פֿון שלענגלען (זיך).

2. אדי. וואָס איז געדרייט, אויסגעבויגן, זיגזאַגיק.

% אַ געשלענגלטע סטעזשקע אין וואַלד. אַ געשלענגלטער וועג.

1917 "פֿון אַלע זײַטן |...| ציִען זיך לאַנגע געשלענגלטע מחנות סאָלדאַטן". זשיטלאָווסקי, 8, 11. 2454

1953 "|...| די לאַנגע געשלענגלטע שאָסייגאַס |...|". יזב 3, 11. 2557

535 – ?

ג ע ש ל ע נ ד ע ר ט – פֿאַר פֿון שלענדערן (זיך).

ג ע ש ל ע פּ - דאָס/דער, בא. (שנש) דאָס שלעפּן, אָפּשלעפּעניש.

1958 " דער שפּיצן=צוזאַמענטרעף איז נאָר אַ טאַקטיק
2458 אין אַט דעם געשלעפּ צווישן די צוויי".
א. אויערבאַך, פֿער 68, V/8.

537 – גע

ג ע ש ל ע פּ ט – פֿאַר פֿון שלעפּן.

538 – [illegible]

ג ע ש ל ע פ ע ר ט (ז י ך) – פאר פון שלעפערן (זיך).

ג ע ש ל ע ק ל ט – אדי/אדוו. וואָס איז מיט שלעקלעך, שלאַקן.

1964 " |...| געכאַפּט אויף זיך אַ פּאַרטעכל, אַ בלוי 2461
געשלעקלטס, מיט רויטע שפּיצעלעך ארומגעליאמעוועט".
ב. דעמבלין, פּער 38, נ' 49, ז' 81.

539/1 - גע

412

(?,?)

ג ע ש מ א́ - ----⟵ געסמאַיע.

געשמאַטשקע – דאָס/דער, באַ. פּפּ געסמאַטשקע.

דאָס דויערנדיקע שמאַטשקען אָדער דאָס שמאַטשקען פֿון אַ סך

מענטשן מיט די ליפּן; שמאַטשקעניש, שמאַטשקערײַ.

1944 " די לופֿט איז פֿול געוואָרן מיטן געקלעפּ פֿון

די לעפֿל און מיטן געשמאַטשקע פֿון ליפּן און ציינער". 2464

טרונק, 3, 109.

541 - ע

ג ע ש מ אָ ט ש ק ע ט - פֿאַר פֿון שמאָטשקען.

ג ע ש מ אַ י ע - די, בא. דזוו געסמאַהע, נאָר אין דער

פּראַזע: געשמאַיע דיר פּאַר פּול! געמיינט: דו וועלסט האָבן [illegible],
דו וועסט עס ניט קריגן [illegible] ניט [illegible].

1884 " שרײַט חי וקים, געשמאַיע אײַך פּאַר פּול, 2415

ייִדישע קינדער!". מענדעלע, 15א, 37.

ויםלא המן חמה - מאכט רשי: געשמאַיע דיר פּאַר פּול".

543 – [illegible]

ג ע ש מ א י ע ט – פאר פון שמאיען (שמייען).

ג ע ש מ אַ כ ט - פֿאַר פֿון שמאַכטן.

|| געשמאַכטערהייט - אדוו. אין מצב פֿון שמאַכטן, (ניט עסן, הונגערן).

1881 " עס איז אים ביטער געוואָרן אויפֿן האַרצן, ווייל ער האָט נאָך ניט אָנגעביסן, |...| געזעסן געשמאַכטערהייט און געלערנט". סאַפּיר, 1, 18. 2467

545 - לג

ג ע ש מ אָ כ ( ע ) ט - פֿאַר פֿון שמאָכ(ע)ן.

ג ע ש מ אָ ל צ ן ! - פאר פון שמעלצן ! (אריינטאן
שמאלץ).

2. אדי. וואס איז צוגעפראוועט מיט שמאלץ אדער אן
אנדער פעטס. געשמאלצענע קאשע. ער האט ליב געשמאלצענע
וואַרניטשקעס. געשמאלצענע קארטאפל.

1916 " הערסט! א נשמה יתרה פון קאווע מיט ברויט
אדער פון געשמאלצענע מאנדעבערקעס". זילבערבוש, 1, 128. 2472

196... " מיר האבן דעם גאנצן ווינטער זיך גענערט
מיט האלב געפרוירענע קארטאפל און א מאל מיט א ביסל 2474
קרויט געשמאלצן מיט קאקאס=פוטער". באשעוויס, 5, 302.

|| געשמאלצנקייט - די, בא. דאס זיין געשמאלצן.
געשמאלצענערהייט - אדוו. אין מצב פון זיין געשמאלצן.
% געשמאלצענערהייט זיינען די קליסקעלעך געשמאקער.

∠7 גע<u>שמאלצענע צרות</u> - גרויסע צרות.

געשמאלצענער וויץ (אנעקדאט) - וויץ (אנעקדאט) מיט אן עראטישן אינהאלט.

548- געש

(פּפּ)

געשמאַלצן !! — 1. פּאַר/פּון שמעלצן !! (צעלאָזן).

2. אַדי. צעלאָזט, צעגאַנגען. % געשמאַלצענער שמאַל.

1938 "|...| ביַי שלעכטע וועגן און געשמאַלצענעם שנײ".

שניאור, 3, 45.

549 — גע

ג ע ש מ אָ צ ק ע ט – פֿאַר פֿון שמאָצקען.

h20

געשמאַק I - דער, =ן. 1. (בא) דער חוש, וואָס זײַנע אָרגאַנען געפֿינען זיך אויף דער צונג און ער רעאַגירט אויף כעמישע רייצן פֿון שטאָפֿן, בעיקר פֿון שפּײַזן און געטראַנקען, מיט ספּעציפֿישע שפּירונגען פֿון זיסקייט, זויערקייט, ביטערקייט, געזאַלצנקייט א"א; דער חוש פֿון געשמאַק (טעם).

% בײַ דעם ווײַנען=גוסטירער איז דער געשמאַק זייער אַנטוויקלט. זינט דער קראַנקייט איז בײַ איר דער געשמאַק אָפּגעטעמפּט, און זי פֿילט ניט צי דאָס עסן איז געזאַלצן אָדער ניט.

2. די ספּעציפֿישע אייגנשאַפֿט/שפּירונגען וואָס דער געשמאַק=חוש נעמט אויף פֿון שפּײַזן, געטראַנקען א"א.

% זיסער, זויערער, ביטערער, געזאַלצענער, ווײַניקער, טערפּקע געשמאַק. גוטער, איידעלער, דעליקאַטער געשמאַק.

איבלדיקער, אָפּשטויסנדיקער געשמאַק. דאָס געטראַנק האָט דעם געשמאַק פֿון קאָזשינקעס=ווײַן. דאָס עסן אין דעם רעסטאָראַן האָט ניט קיין יִידישן געשמאַק. ער האָט ליב דעם געשמאַק פֿון קוגל.

1806 " משה איז גוועזן דר רבי פון אלי נביאים און דר קנעכט פון גאט איז גלייך צום אפפיל מיט זייך גראך און גשמאק!" גדולת משה, 1, 15.

1872 " מען זאָל מכבד זײַן דעם עני מיט גוטע שפּײַז פּײַן, וועיל געשמאַלצן און |מיט| גוטע געשמאַק". 2470

צאינה=וראינה, 3, פרשה תצוה.

3. (בא). אַפּעטיט צו אַדער הנאה פֿון עסן/טרינקען.

% דאָס שוואַרצע ברויט עסט ער מיט אַזאַ געשמאַק, ווי ס'וואָלט געווען לעקעך. אַלע האָבן מיט געשמאַק געזופּט די יויך.

4. (עלט) ריח, גערוך, דאָס שמעקן.

1814 " אזו זענן מ׳ר גקומן אין איין בוים גארטן.

עס איז ניט צו דר שרייבן דעם גשמאק פון דעם בוים גארטן". 2518

אנ, מעשה עמנואל.

186... " ווי זיי זיצן אַזוי דאָ, קאם צו זיי איין

גרויס געשמאַק אויס דעם ג"ע |=גן=עדן| גאַר פֿיל, 2619

דאָס איטלעכער באַקומט גרויסן כוח פֿון דען ריח ג"ע".

חאטש, 3, הקדמה.

1925 " עס האָט געשמעקט מיט טרוקן וואַרעם היי,//

און שווייסיקן געשמאַק פֿון פֿערד און קו". 2485

י.י. שווארץ, 3, 13.

1943 " עס האָט זיך געטראָגן פֿון אים אַ שווערער דאַמף

פֿון פֿאַרפֿומען און פֿעטע געשמאַקן". אש, א14, 25. 2548

5. (פיג, בא) אינטערעס,נטיה, ליבשאפט צו עפעס, הנאה
פון עפעס. % ~~האבן/פילן/געפינען א געשמאק אין עפעס.~~
דעם געשמאק צו ביכער=לייענען האט ער נאך פון קינדווייז.
זי האט אנגעהויבן גיין אפט אויף קאנצערטן און
באקומען א געשמאק צו קלאסישער מוזיק.

1888 " עס בייט זיך איר דער געשמאק, דאס וואס פריער
איז איר געווען ליב, איז אצינד פע, וואס א מאל קאנק
גוט, היינט שלעכט |...|". מענדעלע, 3, 188.

1904-1914 " מיר האבן דערפילט א פריש מין געשמאק |...|
איך דער מעלאדיע". שלום=עליכם, 26, 54. 2484

6. (פיג) באוונדערער באנעם פון (צוגאנג צו) זאכן,
דערשיינונגען, אופן פון רעאגירן אויף זיי;
גוסט. יעדער מענטש האט זיך זיין געשמאק אין קאלירן.
די געלע פרעסע פאסט זיך צו צום ביליקן געשמאק
פון המון.

1873 "ווידער נאָך קונצן, וואָס דאָס גאַנצע אָנהאַלטעניש
זייערס, משטיינס געזאָגט, איז אויף יענעמס <u>געשמאַק</u>, 2641
אויף יענעמס השערות". <u>מענדעלע, 9, 115</u>.

1912 "אין גאַנצן פֿאַרכישופֿט פֿון פֿרעמדנס <u>געשמאַק</u>
און שׂכל, איז ביַי זיי אָפּגענומען געוואָרן זייער 2644
אייגענער שׂכל און <u>געשמאַק</u>". <u>זשיטלאָווסקי, 2, 128</u>.

1959 "די אופֿנים פֿון פֿאַרוויַילונג אָדער גענוס זיַינען
פֿאַרשיידן ביי מענטשן, אָפּהענגיק פֿון זייער <u>געשמאַק</u>, 2576
דערציִונג". <u>ניגער, 9, 198</u>.

7. (<u>פֿיג,בא</u>) געפֿיל פֿאַר שיינקייט, פּראָפּאָרץ, פֿאַר פּאַטיקע
רייד און אויפֿפֿירונג. % די פֿרוי האָט אַ פֿיַינעם <u>געשמאַק</u>
אין קליידן זיך. די דירה איז מעבלירט מיט <u>געשמאַק</u>.
דער יונגער=מאַן שיט מיט וויצן, ניט אַלע אין גוטן
<u>געשמאַק</u>. ~~דאס [illegible]~~

דאָס קומען אומגעבעטן אויף דער שׂימחה איז אַ סימן
פֿון שלעכטן געשמאַק. ראַפֿינירטער געשמאַק. עסטעטישער
געשמאַק. קולטיווירן דעם געשמאַק. אויסאײדלען
(אויספֿײַנען) דעם געשמאַק. פֿאַרדאַרבן דעם געשמאַק.

1920 " פֿריידעלע איז אַ ווײַבל מיט געשמאַק, אַפֿילו
די אַרומיקע פּריצטעס קומען אָפּט צו איר נאָך עצות". 2574
סעגאַלאָוויטש, 4, 421.

1944 " די באָבע לאה האָט מיט גרויס געשמאַק און
חן אָנגעטאָן דער כּלה דעם לײַכטן ווײַסן חופּה=שלייער 2574/א
און אַרומגענומען איר קאָפּ מיט אַ קרענצל פֿון קינסטלעכע
פּאָמעראַנצן=בליטן". טרונק, 3, 153.

|| געשמאַקלאָז - אַדי/אַדוו. (דטשמ) אָן געשמאַק, ס'רוב
אין באַטײַט 7.

1930 " די מאָדערנע דיכטער האַלטן אין איין איבערקײַען
די זעלבע פֿראַזע אין צען טויזנט געשמאַקלאָזע לידער". 2689
איינהאָרן, 7, 218.

**געשמאַקלאָזיקייט** - די, בא. (דטשמ) דאָס זײַן געשמאַקלאָז,
אָן געשמאַק.

1930 " דערצו קומט נאָך די געשמאַקלאָזיקייט פֿון די
אַלערליי סטילן, עפּעס ווי אויף אַן אויסשטעלונג 2691
פֿון אַ בוי=געזעלשאַפֿט". דצוו, 198.

0 **געשמאַקזאַך** - די, =ן. דאָס וואָס האָט צו טאָן מיט
געשמאַק, אין באַטײַט 7. % קאָלירן, פֿאַסאָן פֿון קליידונג -
אַלץ איז אַ געשמאַקזאַך, יעדן איינעם געפֿעלט עפּעס אַנדערש.

געשמאַקזין - דער, באַ. (דטשמ) חוש פֿון געשמאַק.

געשמאַק=חוש - דער, =ים. איינער פֿון די חושים, זײַנע אָרגאַנען געפֿינען זיך אויף דער צונג.

1929 " זאָגן מיר, צום בײַשפּיל, דאָס וואָרט 'צוקער', דאַן שטעלן מיר זיך באַלד פֿאָר אַ שטאָף וועלכן מיר באַנעמען מיטן זע=חוש(צוקער איז ווײַס), מיטן טאַפּ=חוש(צוקער איז האַרט) און מיטן געשמאַק=חוש (צוקער איז זיס)". 2678

זאַבלודאָווסקי, 1, 3.

געשמאַק=טראָפּנס - מצ. (עלט) מין רפֿואה=פּליסיקייט וואָס האָט געהאַט אַ שטאַרקן אויפֿמינטערנדיקן ריח.

1910 " אויסער דעם דאַרף מען זען דער קראַנקער זאָל האָבן ריינע פֿרישע לופֿט, |...| אַלע מאָל צו דעקוויקן מיט געשמאַק=טראָפּנס". טאַרלער רבי, 1, 32.

געשמאַקנערוו - דער, =ן. איינער פֿון די נערוון, וואָס רעאַגירן אויף געשמאַק, טעם.

1927 " ער |דער צונג| באַשטייט פֿון אַ סך פּיטומלעך,
2695 זויג=מײַלעכלעך, אין וועלכע סע געפֿינען זיך די
פֿעדעמשפּיצן פֿון געשמאַק=נערוו". בערלס, 1, 109.

געשמאַקפֿול - אַדי/אַדוו. ~~[illegible]~~ מיט אַ סך געשמאַק, עלעגאַנט.

... " געשמאַקפֿול געקליידט, אַן אויפֿגעריסן נעזל".
2704 פּרץ, 6, 99.

1930 " דער פּלאַץ איז געשמאַקפֿול מעבלירט, אַ געמיטלעכער
2706 לעזעזאַל |...|". איינהאָרן, 7, 260.

1956 " ער האָט |...| פֿון דעם אַרויסגעשפּילט געשמאַקפֿולע
2705 אַקאָרדן". מאַרקיש, 10, 189.

בײַגעשמאַק - דער, =ן. 1. צוגאָבלעכער געשמאַק (טעם) פֿון אַ שפּײַז/געטראַנק, חוץ זײַן הויפּטגעשמאַק.

1934 " דער ווײַסער ברויט, דער ווייצענער, איז טונקל און מיט אַ געוויסן |...| בייגעשמאַק". מין, 1, 23.
2522

1963 " זי האָט גלײַך זיך באַקלאָגט |...| אויף דעם ברונעם=וואַסער, וואָס האָט געהאַט אַ בײַגעשמאַק פֿון ליים". באַשעוויס, 4, 210.
2521

2. (פֿיג) שלעכטער אײַנדרוק, אומאײַנגענעמע מיינונג.

פֿון דעם שמועס איז אים געבליבן אַ בייגעשמאַק, עפּעס איז אים ניט געפֿעלן געוואָרן אין יענעמס רייד.

1938 " |...| פּילט נישט |...| דעם בייגעשמאַק פֿון אַזאַ אויגן=שטעכעדיקער אומקאָנסעקווענץ". פּרילוצקי, פֿער 92, נ׳ 1.
2671

בי‌ליקער געשמאַק - ניט קיין גוטער געשמאַק (אין די באַטייטן 6 - 7).

געשליפענער געשמאַק - גוט קולטיווירטער, ראַפינירטער געשמאַק.

ער האָט אַ גוטן געשמאַק - ווי ס'וויַיב באַהאַלט עפּעס,
דערשמעקט ער - דאָ מיינט געשמאַק דעם חוש=הריח. 2596

גישמאַק/גישמק.

---← 2.

1626 " און' די אַנדרי |טאַכטער| האָט גהייסן (קציעה)
לשון איינגבר דען איר גישמק איז זיס און' גוט גיוועזן 2637
אז איין איינגבר". ס' המגיד, 1, איוב, מב - יד.

1728 " |...| שטויס דש יחד צו איין פולוויר אונ׳
2606 טוא דוא צו איין וויניג קוויטן זאפט אונ׳ צוקר
דש ער איין גישמאק קריגט". סגולות ורפואות, דף כא - ז.

<--- .4

1610 " זיא ווערדן הין גיין זיין צווייגן אונ׳ עש
2602 ווירט זיין אז איין איל בוים זיין שוני אונ׳ איין
גישמאק צו אים אז דער לבנון". טייטש=חומש, דברים,
וילך, הפטורה, הושע יד - ז.

1740 " זאגט די גמרא אויף אזו איין ארט וואו איין
2523 ביז גשמאק אין טאר מאן קיין תורה לערנן אודר
תפלה טאהן". דרישת הזאב, דף יד - 1.

<--- .5

562 - געש

1739 " ווען זיך איינר אדר דער אנדרר ניט אין ערשטין 2608
איבר לעזין פינדן קענט, ער אהני פר דרוס זעלביגס
נאך איין אדר צווייא מאל איבר לעזין איך פר זיכרי
איהם ער ווערט היר נאך דעם גוטן גישמאק דרויס פריבן".
ס' מבחר הפנינים, הקדמה.

563 –

ג ע ש מ אַ ק !! – אַדי/אַדוו. 1. אײַנגענעם, אַפּעטיטלעך

צום עסן אָדער טרינקען; באַטעמט. % פּריש ברויט איז

געשמאַקער. געשמאַקער מאכל. געשמאַקע משקה.

די געפּילטע פּיש זײַנען זייער געשמאַק.

1864 "די גאַנצע ווינטערצײַט |...| האָב איך מיך געגערט

2501 מיט אַ מין פּיש וואָס מען רופט עס ברייטלייך. ער

איז עטוואָס קלענער אַלס אַ הערינג און איז זייער

געשמאַק". דיק, 11, 38.

1907 " למשל, נעמט ׳ארץ=ישראל=עפּעלעך׳, זיי זענען

קאנק ווײַניק אָבער געשמאַק". שלום=עליכם, 8א, 52.

1926 " |...| אַ לעפּל האָניק מאַכט עס פּיל געשמאַקער".

2556 מישולאוו, 1, 191.

564 - גז

1948 " |...| אויך די געשמאַקע ביסלעך בראָנפֿן, וואָס ער האָט |...| אַרײַנגעזאַפּט |...|". נסתר, 6, 38. קאנק

2. אײַנגעגעסן צום שמעקן. % פֿון סאָד טראָגט זיך אַ געשמאַקער ריח פֿון עפּל.

1888 " |...| עס פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿון אַלע זאַכן האָט מען נישט פֿאַרגעסן דעם עיקר - רכילות, דאָס בעסטע קאנק געווירץ, די געשמאַקסטע בשׂמים אין איטלעכן ווײַבערשן שמועס". מענדעלע, 3, 80.

1929 " ס'האָט אים אַרומגענומען אַ געשמאַקער ריח פֿון די יום=טובֿדיקע מאכלים". בערגמאַן, 2, 110. 2573

1970 " אַ לינד ווינטל צערטלט דאָס פּנים מיטן באַריר פֿון ייִד און הויכט מיטן געשמאַקן ריח פֿון פֿריש 2496 געשניטענעם היי". איש יאיר, פֿער 9, ראש=השנה-נומער, ז'46.

.3 (פיג) מיט הנאה, מיט חשק. % עסן געשמאַק,
שלאָפן געשמאַק. % ער האָט געכאַפּט אַ געשמאַקן דרימל.
ער האָט געטאָן אַ געשמאַקן געניץ. זיי לאַכן געשמאַק.

|אַנהייב XIX| " |...| מאך צו דיין אייגעלע, // און
2584 שלאף דיר רויק, געשמאַק". עטינגער, 3, 99.

1881 " |...| אז דו ווערסט שוין דאָס אַלעס וויסן,
2538 דאַרפסטו זיך |...| אַ געשמאַקן קראַץ געבן און
ענטפערן |...|". דלוגאטש, 2, 48.

1903 " שטייט אויף פאַר טאָג, |...| נעמט זיך צו דער
2499 באַקדיידזשע, |...| פאַרקאַשערט די אַרבל און קנעט
גאַנץ געשמאַק". שלום=עליכם, 19, 159.

1968 " אויף די בעלי=בתים האָבן געשמאַק אָנטערגעזונגען
קאנק און זיך געשאָקלט איבער דער גמרא". גראַדע, 7, 142.

566 - עו

4. (פיג, אפט איר/אייפ) גוט, שטארק, אינטענסיוו.

זיי האבן געקריגן געשמאקע קלעפ. ער האט א געשמאקן קאטאר. מיר פירן געשמאק אין דער קאלטער דירה.

1888 " ער האט זיך געשמאק צעוויינט, געגאסן טייכן טרערן". מענדעלע, 3, 91. קאנק

1907 " אז איך בין ארויסגעגאנגען פון דער 'עזרה', האט מיר אליהו אפגעשטעקט א געשמאקן פאטש". שלום=עליכם, 8א, 278. 2565

1920 " דער טאג איז א שטייפער, און דאס פרעסטל איז א געשמאקס". סעגאלאוויטש, 4, 421.

||געשמאקהאפט - אדי/אדוו. (עלט) דזוו געשמאק, ב1.

1878 " און אויך גילדערנע שיסלען מיט זייער געשמאקהאפטע געריכטן". אנ. טויזנט און איין טאג, ז' 8. א/2682

567 - גיז

געשמאַקהאַפטיק - אַדי/אַדוו. (עלט) זווידפוו.

געשמאַקהאַפטיקייט - די, בא. (עלט) דאָס זייַן געשמאַקהאַפט(יק).

1863 " |...| דאַרפן מיר, מענטשן, זען צו פאַראייניקן אין אונדזערע קליידער די נוציקייט, די שטאַרקייט און די געשמאַקהאַפטיקייט". דיק, 10, 50. 1/2674

געשמאַקהייט - די, בא. (עלט) 1. דזוו געשמאַקייט.

1910 " עס פעלט אָבער דער ריכטיקער בעל=דבר, וואָס זאָל אײַך |...| גוט דורכבעזעמען, דורכשמייסן, אַז די נשמה זאָל זיך קראַצן פאַר התפּעלות און געשמאַקהייט". 2674

ראַזענפעלד, 6, 297.

2. (עלט) זאַכן וואָס מע טוט אַרייַן אין מאכלים, געטראַנקען צוליב געשמאַק, טעם; געווירצן.

1910 " די טייבלעטלעך ווערן געווייקט אין וואַסער,

2682 נאָכער |...| געטריקנט און פֿאַרוויקלט, און דאַן

ערשט ווערן זיי פּאַפּראַוועט |=צוגעפּראַוועט| מיט

<u>געשמאַקהייטן</u>". <u>טאַרלער רבי, 1, 99.</u>

<u>געשמאַקייט</u> – <u>די, בא.</u> דאָס זײַן געשמאַק.

1883 " די רו?קע מענטשן זענען אומגעגאַנגען נעמען

2683 פֿאַרגעניגן פֿון דער <u>געשמאַקייט</u> |פֿון קילן ווינטל|

און זיך ~~אויף זיך~~ אָנזעטיקן מיט דעם ליבן זומער".

<u>בעקערמאַן, 2, 22.</u>

1921 " עפּעס האָט זיך גראַדע איצט אין אים דערוועקט

2684 אַ מאָדנע חשק, אַ מאָדנע <u>געשמאַקייט</u> צו איר |צו דער

גמרא|". <u>אַסטרינסקי, 1, 9.</u>

569 -גש

**געשמאקינק(ע/=ער)** – צערטל=פֿאָרמע פֿון אַדי געשמאַק.

1957 " דער דרעסלער=פֿויגל איז אַ פּשוטער, אַ פּויערשער

2688 זינגער, אָן קונצן, אָבער אַזאַ געשמאַקינקער, אַזאַ

ליבער". ברוסילאָוו, 2, 23.

**געשמאַקעדיק** – אַדי/אַדוו. (עלט) דזוו געשמאַק.

1805 " מיין הערץ |...|, געה צו די חכמים אונ הב לושט

2698 צו אירי גישמאקידיגי ריד |...|". איבן פאוויר, 1,

דף סג – 2.

// פֿפֿ: געשמאַק: ווי אין גן=עדן, ווי אַ המוציא מיט האָניק,

ווי אַ ווייניקער עפּל, ווי (איר) אַ כצפּיחת בדבש,

ווי אַ פּאַדעשווע.

570 -

א געשמאקער ביסן - עפעס צו וואס מע האט שטארק חשק,
וואס האט א גרויסן ווערט.

א געשמאק קערבל (וואר: רובל, גילדן, גראשן) - א גוטער
פארדינסט, וואס מע דערגרייכט עס גרינג.

שוו: פרעמדס איז געשמאק - אפט דאכט זיך, אז ביי יענעם איז
אלץ בעסער, שענער.

א פארבאטענער ביסן איז געשמאק. - (איבער) געקייטע איז ניט
געשמאק - וועגן איבערגעחזרטע, לאנג באקאנטע זאכן.

571 - [illegible]

ג ע ש מ אָ ר ט - פֿאַר פֿון שמאָרן, (פּויליש) [illegible]

572 – [illegible]

ג ע ש מ א ר צ ט – פאר פון שמארצן.

24

ג ע ש מ ד ט – |געשמאַדט| – 1. פֿאַר פֿון שמדן |שמאַדן| (זיך).

2. אַדי, אַפּט סובסטאַנטיווירט. דער וואָס האָט זיך געשמדט; משומד.

∠7 געשמדטער האַלדז (וואָר: קישקע) – וועגן אַ נאַשער, אַ פֿרעסער, אַ זולל=וסובֿא.

1867 " האָט ער |דער בדחן| געכאַפּט אַ שטיק לעקעך |...|, ווי אַ 10=קאָפּיקאָווע ברייטל, און האָט געעפֿנט אַ מויל 2738
ווי אַ 12=יאָריקער קראָקאָדיל, און מיט איין מאָל אַריינגע-וואָרפֿן אינעם געשמדטן האַלדז אַרײַן". ליניעצקי, פּער 177, נ' 43, ז' 320 – !!.

1938 " דערצו איז ער אַ נאַשער אַ גרויסער, אַ געשמדטער האַלדז". זינגער, 7, 62. 2732

574 - גשמ

**געשמדטער קאָפּ** – אויף אַ ביטרע מענטשן, אין נעגאַטיוון זינען.

1920 " גאָר נישט שלעכט איז אויך געווען **אַ געשמדטער קאָפּ**", פּאַרקערט נאָך, דאָס איז גאָר אַ קלוגער קאָפּ, אַ כּל=בו, ער נוצט אָבער אויס די גאַנצע חכמה צו פּל=הביין, צו שמד=שטיקלעך". עלזעט, 2 ג, 14. 2739

**געשמדטער בראָנפּן/וויַין** – וועגן וויַין/בראָנפּן, וואָס איז געמישט מיט וואַסער.

**עס מעג האָבן אַ געשמדטן טאַטן** – שפּאַסיק וועגן עפּעס וואָס איז זייער גוט און מע דאַרף ניט אַריינחקירהן פֿון וואַנען עס שטאַמט.

**געשמדט און געטאָפּט** – (לאַקל, ווענגראָוו) "וועגן אַן אַפּיקורס, אַ רשע" |קטוו|.

575 - פּאָל

ג ע ש מ ו ג ל ט - פֿאַר פֿון שמוגלען.

575/, [illegible]

426

ג ע ש מ ו ד ע ר ט - פֿאַר פֿון שמודערן.

ג ע ש מ ו נ צ ט  –  פאר פון שמונצן.

577 - גיז

ג ע ש מ ו נ צ ע ר – דאָס, באַ |סטוטש 282|. דאָס שמונצערן, שמונצעריַי.

|| געשמונצעריַי – דאָס, =ען. דזוו דפּוו.

1930 " איך מאַרצהוווקעס פּלאָנדרעווען, שאַרן זייערע טריט, ווערט אַזאַ געשמונצעריַי מיט די פּאַצעטן". 2746

הייזלער, 1, 13.

578 - גרױ

געשמו́(ע)ט - דער, =ן. דזוו שמועס.

1895 " ווערט שוין אַ געשמועס |טעקסט: געשמים|,
אַ רעדע, איינער פֿון פּאָליטיק, דער אַנדערער פֿון 2803
וועלטזאַכן". אַנ. אַמעריקאַנער גליקן, 1, 95.

1921 " |...| ווײַבערישע געשמועסן". אש, 4, 23.

1925 " דאָס גערויש |...| פֿון פֿרײַנדלעכן געשמועס".
שוואַרץ, 3, 106. 2747

579 – לג

ג ע ש מ ו ע ס ט – פאר פון שמועסן.

580 - לע

ג ע ש מ ו צ ע ר  –  דאס, בא | סטוטש 282 |. דאס

דויערנדיקע שמוצערן.

געשמוק - דאָס, בא. (עלט?) צירונג, פּוצזאַכן.

גשמוק.

1706 " און פּירט אים איך איין אנדר הדר וואו |...| לאויטר דימנט און אנדרי אבנים טובית און אליר לייא גישמוקין דא". קב הישר, 1, דף נ"ו - 1.

ג ע ש מ ט |געשעמט| - 1. פֿאַר פֿון שמען |שעמען|.

2. אַדי. באַרימט, באַקאַנט, וואָס האָט אַ (גוטן) שם.

1932 " איך האָב אויך פֿאַרקוקט אין דעם געשמטן בית=הרב".

הירשביין, 4א, 257.

1953 " משה - אַ בעל=מלאכה אַ געשמטער, אַ געלויבטער".

הײַזלער, 2, 83.

583 - גש

געשמיד - דאָס, בא. (שנש) דאָס שמידן, שמידעריי.

1942 "איך האָב דיך דערקענט אין דײַנע צייכנס, האַר

משיח,// אָן דעם געשמיד פֿון קייטן, וואָס אויף דײַן 2759

אָרעם". איבז שוואַרץ, פֿער 150א, 354.

**ג ע ש מ י ד ט** – 1. פֿאַר פֿון שמידן.

2. אדי. וואָס איז געשלאָסן אין קייטן. % מע האָט דעם אַרעסטאַנט געפֿירט אַ געשמידטן אין טורמע אַרײַן.

585 - לט

ג ע ש מ י ד ע ו ו ע ט - פֿאַר פֿון שמידעוועז.

586 - גע

געשמייד (ע) — דאס, =ן. (עלט). 1. צירונג, פוצזאך.

1914 " חלאים - געשמיידע, קאסטבארקייטן".

2790 גורדון, 1, 184.

1958 " זי האט אנגעטאן די נייַן און דרייסיק

2788 תכשיטים פון דער קליפה, געשמיידן אין וועלכע זי

האט מכשיל געווען יידן בהקיץ ובחלום". טרונק, 10,77.

............................................................

רעד: 1) דא נאך ציטאטן, אבער אלע פון טרונקן...

2) דארף מען לייענען ׳געשמייד׳ אדער געשמייד׳?

............................................................

□ גישמיד(ע). מה"ד gesmide.

<--- 1.

587 – תקס

1686 " סמיט אונט זייד איז ניט זא גישמייד, אלז דש
2765 בוך איך דא שרייב, אז וויא ווירץ דיא דא טראפפן".
ס׳משלים, דף ב – II.

1760 " כחלת עיניך ועדית עדי – דוא צירשט דיך מיט
2766 גשמיידי". מלים לאלוה, דף 86.

2. אויסשטאטונג פון מעטאל.

1544 " דא דש זאך דער קוניג |שאול| עש ביגונד איך
2764 צו בור דרישן. // אונ׳ דש דער גרוש גישמייד
דען קליינן וואלט בישלישן". שמואל-בוך, סטראפע 354.

ג ע ש מ ײַ ד י ק - אדי/אדוו. 1. גיך, פֿלינק, אײַלנדיק.

1901 "|...| מיר לויפֿן נאָך דער חבֿרה |...| גאַנץ
געשמײַדיק". שלום=עליכם, 20, 64. 2785

2. בייגעוודיק, עלאַסטיש, נאָכגיביק.

1888 "|...| איציק פֿאַקטער - אַ מין באַשעפֿעניש אַזעלעכס,
וואָס איז געלײַטזעליקט פֿון זײַן ליבן נאָמען מיט 2778
אַ רוקן זייער געשמײַדיק זיך צו בייגן, צו בוקן |...|".
מענדעלע, 3, 316.

1917 "די ערשטע איז שלאַנק און געשמײַדיק געווען
// מיט אויגן צוויי מיסטישע, גרויע". אײַנהאָרן, 3, 75.

1922 "די בלייזע |...| איז נאָכן שערן אַ ברוינלעכע,
גענוג געשמײַדיקע מאַסע, וואָס האָט אַ סך וואַסער". 2780
וואולאַך, 1, 17.

589 - גזל

‖ געשמײדיקײט – די, בא. אײגנשאַפט אָדער מצב פֿון זײַן געשמײַדיק.

1922 " די פֿעדעמלעך פֿון דער פֿעל װערן מעכאַניש

2787 אַזױ באַאַרבעט, אַז די פֿעל באַקומט אַ געשמײדיקײט, װײכקײט |...|". װאָולאַך, 1, 42.

□ גישמײדיג.

3. ענג געבונדן, אײנגעפּאַסט, באַהאַפֿטן.

1711 " ער |דער װאָגן| איז גילאַדן מיט פּיל גערבן און

2779 קאַרן, גלײך אַז ער זאָלט אױף זיך האָבן בלײא אודר אײזן דאַש דאַ ליגט גישמײדיג".

צאינה וראינה, 2, דף מב - ד.

1743 " גלײך אַז אײן גערטל בהעפט איז אין די לענדן

2782 פֿון אײן מענשן |...| אַזו זײַן ישראל אך בהעפט צו הקב"ה אַזוי גשמײדיגדז קײן שטן און' קײן מזיק קען ניט מקטרג זײַן".

קב הישר, 2, דף ו' - 2.

געשמייכל – דאָס/דער, באַ. (שנש) דאָס דויערנדיקע שמייכלען אָדער דאָס שמייכלען פֿון אַ סך מענטשן.

1954 " האָט ר׳ זעלמעלע שוחט געקראָגן מוט פֿון אַזאַ הסכמה=געשמייכל". שניאור, 7, 52. 2792

1969 " |...| באַמערקט דער אַלטער דעם געשמייכל אַרום". י. קאַפּלאַן, פֿער 46, נ׳ מאַי – יוני. 2791

591 -

ג ע ש מ יי כ ל ט - פאר פון שמייכלען.

591/1 - גע

444

גושמאַך
גע שמ יי ( ע ) - ----← גע סמאַ ך ע.

593 - ג'יל

ג ע ש מ ײ ע ט - פאר פון שמייען.

594 -

געשמילץ I – דאס, =ן. 1. א פּעטס צו באשמעלצן א שפּייז. גענדזנשמאלץ איז א גוט געשמילץ צו באשמירן ברויט. % זי ניצט נאר מארגארין ווי א געשמילץ צו א זופּ.

2. געשמאקער צוגאב צו א שפּייז; צושמעלץ.

1973 "עס קלעקט נישט א שטיקעלע הערינג ווי א געשמילץ".

אליצקי, 5, 420. 2797

595 - גנץ ג ע ש מ י ל ץ !! – דאס, בא. מישורע, גלאַנציקע

באַפּוצזאַך |סטוטש 529|.

596 - גיל

ג ע ש מ י ל ק ע ט - פֿאַר פֿון שמילקען (פֿינקלען, גלאַנצן).

597 - [illegible]

ג ע ש מ י נ ק ט (ז י ך) - פֿאַר פֿון שמינק(ע)ן (זיך).

598 - ליג

ג ע ש מ י ס ן - פֿאַר פֿון שמייסן.

599 –

ג ע ש מ ׳ י צ ט (ז י ך) – פֿאַר פֿון שמיצן (זיך) |סטוטש|.

599/1 גע –

hu9

געשמיק – דאס, בא. ~~דזור געשמוק, שמוק |הארקאווי|.~~

פֿפֿ געשמוק. צירונג, פּוצגאַן.

601 - גיז

געשמיר - דאס/דער, =ן. (שנש) עפּעס מיט וואָס מע שמירט (אָן); שמירעכץ.

1960 " די אויגן זענען געווען איבערגעצויגן מיט אַ בוימלדיקן געשמיר |...|". שיינהוט, פּער 18, X/12. 2816

|| געשמירעכץ - דאָס, =ן. 1. דזוו דפּוו.

2. (ביטול) וועגן אַ שלעכט געשריבענעם אַרטיקל, בוך א"א..

% אַזעלכע געשמירעכצן וואַרפט מען אַרייַן אין רעדאַקציע= קויש.

?נ? ג ע ש מ י ר ט - 1. פֿאר פֿון שמירן.

2. אדי/אדוו. (פֿיג) גלאַטיק, אַן שטערונגען.

3. (פֿיג, ס'רוב סובסטאַנטיווירט) אונטערגעקויפֿט.

% דער שומר איז אַ געשמירטער, ער וועט דורכלאָזן די

גרענעץ.

4. (פֿיג, סובסט) געשט וודירטע(ר). איר

Z7 ס'גייט ווי געשמירט - עס באַקומט זיך גוט, גלאַטיק, מיט

הצלחה, אָן שטערונגען.

|אַנהייב אוי"ה| " איצט גייט שוין אַלץ צו גאָר ווי

געשמירט, // דער שידוך איז למזל אויסגעפֿירט".

עטינגער, 3, 10.

רעדן/לייענען ווי געשמירט - רעדן/לייענען גלאַטיק,

פֿליסיק, געלויפֿיק.

603 -

ג ע ש מ ע ט ע ר - דאָס/דער, בא. (שנש) דאָס דויערנדיקע שמעטערן אָדער דאָס שמעטערן פֿון אַ סך זאַכן.

1957 "אַ פּלייצערעגן |...| אַקאָמפּאַנירט מיטן געשמעטער פֿון דונערן". ברוסילאָוו, 2, 90. 2827

ג ע ש מ ע ט ע ר ט - פֿאַר פֿון שמעטערן.

605 - לג

?נ? ג ע ש מ ע י ה ד י ק |געשמייעדיק| - דזוו געשמיידיק,ב 1.

1892 " וואס איז דאס פאר א מין סחורה, וואס וואקסט

ביי דיר אזוי געשמעיהדיק?". שלום=עליכם,ג7,14.

גע שמע́לט – פֿאַר פֿון **שמעלצן** (שמעלצן מעטאַלן).

607 – [illegible]

געשמעלעבט – פאר פון שמעלעבן ([illegible]).

608 - גרז

געשמעלץ – דאָס/דער, =ן. 1. באַ. (שנש)דאָס דויערנדיקע שמעלצן(זיך).

1941 " |...| דער גאַלפשטראָם פון בלוט זאָל פאַרנעמען // דאָס געשמעלץ פון אַן אײַזיקן טײַך". סוצקעווער, 3, 240.

2. אַ באַהעפט פון צוויי אָדער מער מעטאַלן דורך שמעלצן אין אַ הויכער טעמפּעראַטור. % בראָנדז איז אַ געשמעלץ פון קופּער און בלײַ. עראָפּלאַנען בויט מען פון גרינגע און האַרטע מעטאַל=געשמעלצן.

3. (פיג) צונויפגוס באַהעפט פון פאַרשיידענע עלעמענטן.

1955 " |...| אוודאי זײַנען |...| געווען היפּשע דיאַלעקטישע אונטערשיידן אין דעם דײַטשן שפּראַכיקן רויוואַרג, וואָס איז אַרײַן אין דעם ייִדישן געשמעלץ". מ. ווײַנרײַך, פער 90, XV - 1, 12.

2839

609 - לג

1956 " ער.האט דעם אנגריף אויסגעפורעמט אין געשמעלץ

2838 פון ווײ און מוט און ווינטיקע געוואיען".

מארקיש, 10, 444.

ם

גישמעלץ.

--- 1.

1723 " אויז דר ערד קומט גאלד זילבר קופר אייזן

2840 אלירלייא גישמעלץ". שמחת הנפש, דף יא/ד.

610 - גזל

ג ע ש מ ע ל צ ט - פֿאַר פֿון שמעלצן II.

611 - עג

ג ע ש מ ע ק - דאָס/דער, =ן. (עלט) 1. ריח, געררך.

1865 " די שלעכטע וואַסערן וועט ער אָנהייבן צו טרינקען,
1/2846 האָט אים געטאָן זייער געשמעק פֿאַרשטינקען, האָט ער זיך
זייער פֿאַרדאַרבן". רובינציק, 1, 13.

2. פֿאַרפֿום.

1876 " |...| אויך די האָט ניט אײַנשמירן מיט געשמעק,
2846 אָבער ווען ער |דער תּלמיד=חכם| שמירט די לײַב מיט
אייל, פּדי די שווייס אָפּצוטאָן, איז מותר".
יאַסעלאָוויץ, 1, 21.

|| געשמעקעכץ - דאָס, =ן. ריח, געררך.

1969 " |...| דאָס געשמעקעכץ פֿון פֿאַרפֿום".
2847 באַשעווים, פֿער 155, !/4.

612 - גי

ג ע ש מ ע ק ט - פֿאַר פֿון שמעקן.

613 –

געשמערגלט – פֿאַר פֿון שמערגלען. |סטוטש|.

614 - ערג

ג ע ש מ ע ר צ ט - פאר פון שמערצן.

615 - גז

ג ע ש נ אַ ט ע ר ט – פֿאַר פֿון שנאָטערן, |סטרטש| 281]

ג ע ש נ א ל ט – פֿאַר פֿון שנאַלן.

617 - גל

ג ע ש נ אָ ל צ ט - פאר פון שנאַלצן |סטוטשׁ [28]

618 - גזן

ג ע ש נ א פ ט  –  פֿאַר פֿון שנאַפּן.

619 - גזל

ג ע ש נ א פ ס ט – פאר פון שנאפסן (שיכורן)

|הארקאווי|.

620 —גע

ג ע ש נ א ר ! — דאס/דער, בא. דאס שנארן (כראפען)

|סטוטש 282|.

621 - גיך

ג ע ש נ א ר !! - דאס/דער, בא. דאס שנאר(ע)ן (בעטלען),
שנאררעריי.

622 - גש

ג ע ש נ אָ ר ך - דאָס/דער, בא. דאָס שנאָרכן.

1969 " אַ שווערער געשנארך האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון

2852 זייַנע נאָזלעכער". באשעוויס, פער 155, V/17.

623 - גע

געשנאָרכ(ע)ט / געשנאָר(ע)ט - פֿאַר פֿון

שנאָרכ(ע)ן / שנאָרכ(ע)ן.

624 – פּע

ג ע ש נ אַ ר ( ע ) ט – פֿאַר פֿון שנאָר(ע)ן, (בעטלען).

625 - גרל

ג ע ש נ ד ר ט |געשענאָדערט| - <u>פאר פון שנדרן</u> |שענאָדערן|.

626 - גע

ג ע ש ב ו י פ ט - פאר פון שנויפן | סטוטש [219]

627 -

ג ע ש נ ד י פ ל ט - פאר פוץ שנויפלעץ, |סטוטש| [276

628 -

?נ?

ם |געשנויצט| ג י ש נ ו יי צ ט - <u>בנב.</u>

1541 " אויגליך גינג <u>גישנוייצט</u> בום קוניג היך //

דעש קוניגש ווארט אים אובל ור דרושך". 2856

<u>בבא=בוך, סטר' 209, ש"ש 3 - 4.</u>

........................................................

<u>רעד:</u> אויפֿן קאַרטל איז דאָ אַן אויסטייטש פֿון וואָרט:

"סקאַנפֿוזעט". איז דאָס ריכטיק?

........................................................

629 - 

ג ע ש נ ו ר ע ו ו ע ט - פֿאַר פֿון שנורעווען.

630 – Pr

ג ע ש נ (י) אַ ש ק ע ט – פֿאַר פּוֹרן שני(י)אשקען.

631 – גע"ן

ג ע ש נ י ט - דאָס/דער, בא. (שנש) 1. דאָס (דויער[ד]יקע) שנײַדן, שניט.

1937 " די לופֿט פֿון הילכיקן מעטאַל // צעפֿלאַצט פֿון מײַן געשניט". סוצקעווער, 3, 87. 2858

2. שניט פֿון תּבֿואה אין פֿעלד.

1937/39 " דײַנע זענען די ניגונים,// וואָס באַזוניקן די פֿעלדער // און די ריחות פֿון געשניט". סוצקעווער, 3, 108. מײַן

3. (נש, או-ור) די אָפּגעשניטענע שטענגלעך פֿון די זאַנגען אין פֿעלד; שניטפֿעלד.

רעד: ייִדן=פּויערים (אין וואָלין) האָבן גענוצט דאָס אוקראַיִנישע "סטערניע".

632 -

480

ג ע ש נ י ט ן – 1. פֿאַר פֿון שנײַדן.

2. אַדי/אַדוו. געקירצט, רעדוצירט. % געשניטענער בודזשעט.

1962 " |...| האָט אים ר׳ יעקב געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט אים צאָלן די געשניטענע שכירות, ביז ער, 2865
פֿאַנטל, וועט קריגן אַ וועלכע ס׳איז באַשעפֿטיקונג".
שניאור, פֿער 69, IX/16.

3. אַראָפּגענומען פֿון פֿעלד/לאַנקע מיט אַ סערפּ אָדער קאָסע, (וועגן גראָז, תּבֿואה). % דער געשניטענער קאָרן ליגט נאָך אויפֿן פֿעלד.

1970 "אַ לינד ווינטל צערטלט דאָס פּנים מיטן באַריר
פֿון זײַד און הויכט מיטן געשמאַקן ריח פֿון געשניטענעם 2869
היי". איש יאיר, פֿער 9, ראש=השנה=נומער, ז׳ 46.

633 - געז

4. געמאַכט לויט אַ געווייסן פֿאַסאָן, מאָדע (וועגן בגדים).

% ער טראָגט היינטמאָדיש געשניטענע הויזן.

1885 " והשטיוול הי' לאַנגע שטיוול דייטש געשניטן

2866 |...|". פֿאַנעט, 1, דף כט/4.

1930 " דער באַנקיר איז דער געשניטענער בעל=הבתישער

2874 קאַפּאָטע |...|". אַש, 11, 194.

> רעד: מיגלעך, אַז דאַ מיינט מען אַ קאַפּאָטע מיט אַ
> שפּאַלט הינטן;

|| געשניטנס - דאָס, בא. (שנש) אָפּגעשניטן גראָז אָדער תּבֿואה.

1936 " ער וועט אַראָפּנידערן ווי רעגן אויף געשניטנס,

2876 ווי שפּריירעגן". איבן גראַס, תהילים, עב - 6.

633/1

געשניטענע משקה – וויין אָדער בראָנפֿן געמישט מיט וואַסער.

געשניטענער סאָק – פֿלעצלעך פֿון אַגרעסן |=זאַפֿט|.

1945 " אַז ער |דער סאָק=זאַפֿט| איז שוין געווען פֿאַרקילט האָט מען דעם סאָק געשניטן, עס זאָל זיך באַקומען מער: ווייניק די פֿאָרעם פֿון אַ ראָמב. דער געשניטענער סאָק איז געווען שיין אָנצוקוקן און טאַקע אָנגענעם פֿאַרן גומען".

א. רייזען, פֿער 90, נ' V, ז' 3.

[illegible]

געשניטענע ~~[illegible]~~ – |סטוטש 54|, בנב.

געשניטענער קאַנוס – |סטוטש 54|. בנב.

געשניטענע קליסקעלעך –|קטור| . בנב.

634 - גוף

ג ע ש נ י י ט - פאר פון שנייען.

635 –

ג ע ש נ ײ צ ט – <u>פֿאַר פֿון</u> <u>שנײַצן</u>.

636 - ...

ג ע ש ע נ י פ ט - פֿאר פון שניפּן.

637 – גרע

ג ע ש נ י פּ ל ט – פֿאר פון שניפּלען × |סטוטש 219, 273]

638 - גע

ג ע ש נ י ץ - דאָס/דער, באַ. 1. דאָס שניצן, שניצערײַ.

1952 "גוטע שטיקעלעך פּראָזע פֿונעם זיידע מענדעלעס גע<u>שניץ</u> און געשליף". מ. דײַטש, 2, 103.

2273

2. מצ גע<u>שניצן</u>. אַן אויסגעשניצטע זאַך, אַ סקולפּטור, אַ גראַווירור.

1941 " זאָלסט ניט האָבן אַנדערע געטער פֿאַר מײַן פּנים, זאָלסט דיר ניט מאַכן אַ גע<u>שניץ</u>". תרגום יהואש, שמות, כ - 4. 2886

1948 " |...| ער האָט נאָר אַלע ווײַל אָוועקגעשאַרט די באָרד, וואָס מיט די שפּיצן האָט באַרירט די אײדעלע גע<u>שניצן</u>". מארקיש, 9, 101. 2890

1972 " |...| איך מאַנדלשטאַמס קאַבינעט האָט מיך זייער פֿאַראינטערעסירט אַ וווּנדערלעכער גע<u>שניץ</u> פֿון די לוחות-הברית אויסגעאַרבעט אין אַ טײַערן שוואַרצן האָלץ". בראָסילאָוו, פֿער 38, נ' 75, ז' 69. 2882

639 - 𝔩ℊ

|| געשניצעכץ - דאס, =ער. דזוו געשניץ, ב 2.

1932 " טורעמס פון פריצישע שלעסער מיט קונציק געשניצעכץ,

2901 געלליבן פארסמאליעט, געבראנדמארקט |...|".

נאדיר, 4, 11.

1955 " |...| מאכן דעם פריץ א בעט מיט געשניצעכץ".

2899 מאני לייב, 2, 97.

196... " די טירן זענען דא געווען ריזיקע, מיט געשניצעכצער

2902 און געזימסן". באשעווים, 5, 133.

ם געשניץ.

--- 2.

1610 " |...| ער מאכט זיא |די זיילן| אזו היפש מיט

2888 מענכר לייא גישניץ אונ׳ גימעלץ". טייטש=חומש,

הפטורה, מלכים א׳, ז - כא.

ג ע ש נ י צ ט - פאר פון שניצן.

641 –

ג ע ש נ י ר – דאָס/דער, =ן. (שנש) אַ סיסטעם פֿון שנורן,

שנירלעך; מ. ווײַנרײַך, 4, 14. 2903

642 - גײַ

ג ע ש נ י ר ט  – אדי/אדוו. וואָס איז מיט/איך שנורן/ שנירלען. % געשנירטע שיך.

1885 " |...| איך בין געווען אַ בראַבאַנטער שפּיץ, |...| מיט פּערל געצירט און מיט גילדענע קייטן געשנירט". 2904

עטינגער, פּער 74, נ׳ 16, ז׳ 239 - !!.

1923 " ווּעסט האָבן שיך. – מיט קנעפּלען? – אַפילו געשנירטע, אויב דו ווילסט". הירשביין, 2, 183. 2905

643 – גל

ג ע ש נ י ר ל ט – אדי/אדוו. 1. דזוו געשנירט.

2. וואָס האָט די פּאַרעם, אויסזען פֿון שנורן/שנירלעך.

1867 " |...| סימנים של הנטבע |...| הויזן של קאַרט,

2907 געלבלעך, אין פּאַסיקלעך געשנירלט". אלטער, 1, דף לח/ד.

1955 " |...| בעכערס דורכגעצויגן מיט שיינעם געשנירלטן

2908 זילבער". שפּיגל, 3, 160.

3. צונויפֿגעצויגן (וועגן ליפּן).

|1930 – 1926| " צווישן די געשנירלטע ליפּן האָט

2906 געציטערט אַ דין שמאָל צינגל"ץ אַפּאַטאַשו, 12, 204.

644 - לג

ג ע ש נ י ר ע ו ע ט – <u>פֿאר פּוץ</u> <u>שנירעווען</u>.

645 – גע

(?נ⁹⁄₂) ג ע ש נ ע ב ל ט – פֿאַר פֿון שנאַבלען |דיק 84א, 24|.

646 – פּג

ג ע ש נ ע ל ט – פֿאַר פֿון שנעלן.

647 - גי

געשעדיקט - 1. פֿאַר פֿון שעדיקן.

2. אַדי. (פֿיג) דורכגעטריבן קלוג, כיטרע, געביפֿט, ממזריש. % געשעדיקטער יונג.

1868 " גוט איז, אַז מ'איז אַ געשעדיקט, שמיִדיק חסידל, וואָס נאַרט אַראָפּ טאַקע פֿונעם רבינס טיש אַ זילבערנעם לייִכטער |...|". ליִנעצקי, 9, 111. 2912

/7 געשעדיקטע חכמות - אומאַנשטענדיקע, וווּלגאַרע וויצן.

1868 " |...| דאָס האָבן זיי געוואָלט, אַז איך זאָל זאָגן דעם אורח: 'שלום=עליכם אַ גוטער ייִד, אַ האַלבן ה... אָפּגעבריט' און נאָך אַזעלכע געשעדיקטע חכמות". 2911

ליִנעצקי, 9א, 14.

647/1 גע -

94

ג ע ש ע ד י ק ט  ו ע ר ן  -  אוטוו. ווערן באַשעדיקט (ס'רוב געמיינט קערפּערלעך), פּאַרווונדיקט ווערן, קריגן אַ מום. % אַראָפּפּאַלנדיק פֿון די טרעפּ איז דאָס קינד געשעדיקט געוואָרן, צעבראָכן אַ האַנט.

ゾ געשעדיקט זאָלסטו (ער/זי/איר) ווערן - קללה.

648 - גיל

?נב? ם|געשעדיקן| ג ש י ד י ג ן - דזוו שעדיקן.

... " נים איין אוייג פון איינם האנן און' קניפף איך 2920
אן דיין רעכט זייט זא קאן דיך ניט גשידיגן קיין
הונט נוך קיין מענש". ס' הרפואות.

649 - גיל

ג ע ש ע ו נ ג — די, =ען. (שנש) דאָס געשען, געשעעניש.

1937 "|...| און אַט אַ געשעונג: איך שפּיר דורך די
גלידער פֿון גראָזן און ביימער דעם שאָרך". 2910
סוצקעווער, 3, 593.

1970 "|...| מייַן זעונג |...| פֿאַרוואַנדלען אין געשעונג".
אהרן צייטלין, 7, 133. 2909

650-
651

650-
651

652 – גל

ג ע ש ע ט ק ע וו ע ט – פאר פון שעטקעווען, |הארקאווי|.

653 - גז

ג ע ש ע כ ט - דאָס, בא. (שנש) דאָס שעכטן, שחיטה.

1966 " |...| האָסט געזען אַזוי פיל געשעכטס".

2921 מ. מ. שאַפיר, 2, 73.

ג ע ש ע כ ט ע ו ר ע ט – פֿאַר פֿון <u>שעכטעווען</u>.

<u>האַרקאַווי</u> |.

655 - גען

?נ? ם | געשעכטער | ג ש ע כ ט ר - אדי. וואס מע שעכט אים, געשאכטענער.

1768 " דר געכטער (אברהם) אונ' דר גשעכטר (יצחק) זיא האבן זיך בײדי פר דײן ריד געפארכט". 2922

מחזור, 3, דף מא - ו.

|| גישעכטרהײט - אדוו. איך מצב פון ווערן געשאכטן.

1721 " דא בעטט יצחק דער אײניגר זון דז מן איך זאלט בינדן הענד אונ' פיס, דז ער זאל ניט קענן 2923

צאפלן דאז ער מעכט גישעכטרהײט אברהם שלאגן מיט

דען צאפלן אונ' מעכט מחלל זײן דיא מצוה פון

(חבד את אביך)". מחזור, 2, דף סב - 2.

656 - געז

ג ע ש ע כ ע ו ו ע ט – פֿאַר פֿון שעכעווען, |האַרקאַווי|.

657 - ש

ג ע ש ע כ ע נ י ש - דאס, =ן. (עלט) 1. געשעעניש, פאסירונג.

1843 " גיי און ברענג מיר דאס קראניקי בוך דאס מן

2925 דרינן איין שרייבט אלי גשעכניש וואס גשעהן אין".

אהרן מטריבוש, 1, דף כד - ב.

1893 " וואס זאגט איר פארט, מיין ליבער ר' קרוב, צו

2928 אזא געשעכעניש? |...| האט איר ווען געהערט, א מיידל

זאל זיך פארכליאבען אין א בחור, וועלכער איז פאר

וויפל טויזנט מייל?". בודזאהן, 1א.

1902 " אזוי, הארצעדיקער פאטער, זאלסטו טון טון מיך

2929 באשערמען פון ביידן געשעכעניש, ביידע רוחות און

וויסטע חלומות". שיין, 1, 10.

658 - גיז

2. (שלש) באשעפעניש, בריאה.

1897 " זאג מיר, אדרבא, מיין געשעכעניש, פאר וואס געשוועלט דיר ניט דער פראוויזאר פיפערנאטער?".

בודזאהן, 1ב.

ם

גישעכניש.

--- ← 1.

1711 " איטליכר דער, דא איז עוסק בתורה, דער פערכט זיך נישט מן עליונים ומן תחתונים און אך פר ביזה גישעכניש פון עולם". נחלת צבי, 1, דף לו/ג.

2936

3. צופאל, צופעליקייט.

659 - גיל

1711 " |...| עס אי. אלץ במקרה, איין גישעכניש

2927 דער מענש אונ' דיא בהמה אלץ צו גלייכן".

נחלת צבי, 1, דף ט/ד.

660 - גז1 ,18806

?נ? ם |געשעל| ג ש י ל א - דאס. ליארעם, טומל.

... " שאון - גשילא". רייכלין 8, תהילים, עד - כג.

|תי: טומל|.

661 - גע

?נ? געשעלט - דאס/דער, בא. (שנש) דאס שעלטן, שעלטערײַ.

1936 " |...| ער ווײַליונגערט זיך מיטן געשעלט פֿון א גאסנפֿרוי". נאדיר, 9, 221.

2936

|| געשעלטערײַ - דאס, =ען. |סטוטש 559|.

דזוו דפֿוו.

662 - 

ג ע ש ע ל מ ע ו ו ע ט   –   אדי/אדוו. ווייבער ל.

(רוס) באַרעדט צום שלעכטן, באַשמוצט, פֿאַרשוואַרצט.
R: шельмовать.
באַס פּנים.

1886 "[...] ייִדן וואָס זייער נאָמען איז געשעלמעוועט,
ווייל זיי זענען באַשטראָפֿט געוואָרן פֿאַר גניבֿות".

פֿער 74, נ׳ 44, ז׳ 711.

2938

663 - גאַל

?נ? ם |געשעלן| גְ שֶׁ י לְ ן - אוטוו. ברומען, רעווען.

2939 ... " נוהם, - גשילט". ריַיכלין 8, משלי, כח - טו.

ג ע ש ע מ ט ( ז י ך ) – פֿאַר פֿון שעמען (זיך).

665 -

(ג ע) ש ע מ ע ד י ר ט – פאר פון שעמערירן.

666 - גשען

געשען I – אוטוו, דריטפערזאניק, פאר (איך)

געשען, פארקומען, פאסירן, טרעפן זיך. % דאס

געשעט אפט. אזעלכע זאכן געשעען זייער זעלטן.

ס'איז געשען אן אומגליק.

|אנהייב XIX| " וואס עס איז אמאל מיט אייך געשען,//

2952 ווען איר זענט נאך קליינע קינדער געווען".

עטינגער, 3, 38.

1864 " די דאזיקע טרויעריקע מעשה איז געשען מיטוואך

קאנק תחילת אוונט". מענדעלע, 12, 33.

1916 " האבן מיר דערציילט דעם גאנצן אמת, וואס

קאנק מיט דעם בחור איז געשען". שלום=עליכם, 28, 59.

1972 " |...| ער האלט איך איין נקמה נעמען אן די

3036 שכנים פאר אלץ, וואס געשעט מיט אים".

ראזענפארב, 3, 134.

667 -לא

א נס איז אים געשען! - אויסרוף (אַפּט איראַניש)
וועגן עמעצן וואָס איז אומגעריכט אַרויס פֿון אַ
צרה, האָט געהאַט אומפֿאַרדינטע הצלחה אד"גל.

אַן אומגליק איז מיר געשען! - אויסרוף בעת אַ פּלוצעמדיקער
צרה, אומגליק.

שור: ס'איז געשען די זאַך, קומט מען מיט אַ שבֿח - מענטשן
האָבן ליב צו קומען צום פֿאַרטיקן, שאַצן אָבער ניט אָפּ
די מי וואָס מע לייגט אַרײַן אין אויספֿירן די זאַך. 3061

וואָס געשען איז געשען - ס'איז שוין פֿאַרפֿאַלן, מע
קאָן גאָרניט מאַכן.

ס'איז ניט געווען און ניט געשען - ס'איז ניט אמת,
אַזאַ זאַך האָט ניט פּאַסירט, ס'קאָן ניט זײַן.

668 - 674

ס׳איז געשען אין די צייטן פון אחשורוש - ס׳איז שוין

זייער אַן אַלטע מעשׂה, אָדער ס׳האָט קיין מאָל אַזאַ זאַך :

ניט פּאַסירט |בערעזניאַק|.

□

גישעהן.

1544 דיר ווערט אלש גישעהן וואש איך די הון גיזייט. //

דוד דיינם גיזעלן איש דש קויניגרייך בירייט". 3017

שמואל=בוך, סטר׳ 738.

1648 " |...| דז מושט אלש גישעהן ביצייטן // דאז

נית אידרמן דער פון ווישן זעלט". מגילת ווינץ, ז׳ 38. 2998

1739 " מעשה גישאך |=איז געשען|, איינר האט גיהיישן

נחום איש גמ״ו |...|". מעשה=בוך, 2, מעשה 3ד. 2977

ג ע ש ע ן !! – דאָס, בא. דאָס פֿאָרקומען, דאָס פּאַסירן,
אַקט, אַקציע, אַקטויִרונג.

1912 " דער מענטש פֿון קבלה בענקט נאָך דעם 'אין=סוף',
נאָך דעם אומענדלעכן ליכטקוואַל, פֿון וועלכן עס שלאָגט, 3048
ווי פֿון אַ פֿאָנטאַן, דאָס וועלטלעכע געשען".
זשיטלאָווסקי, 2, 165.

1946 " עס גייט אויף זיי אָן אַ טיף און וווּנדערלעך
געשען". טרונק, 5, 131. 3056

1955 " איך זע מיט אַלע מײַנע חושים,—// אַז ס'קומט
אָן דאָס גרעסטע געשען". לייוויק, 11, 74. 3063

670 –

?נ? ם |געשענד| ג ש ע נ ד |דאָס?|. אומרעכט.

3067 1767 " עשק – אום רעכט. <u>גשענד</u>". <u>ס׳דברי יושר</u>.

671 - לז

ג ע ש ע נ ד ט - פאר פון שענדן.

672 - גע

ג ע ש ע נ ד ע ט - ----⇐ געשענדט.

673 —

13

ג ע ש ע נ ק – דאָס/דער, =ען. (עלט) געשאַנק, מתּנה.

1875 " אַ גאַנץ יאָר עסט זי קדחת און קרענק // און זאַמלט צונויף דעם חתן אויף אַ געשענק". 3077

אנ, דער קרימער מארשעליק, 1, 2.

1922 " דער געזעץ זאָגט, אַז דער געשענק קאָן זיך ניט אומקערן צום שענקער |...|". ב. האלפּערין, 1, 14. 3080

|| געשענקס – דאָס, =ן. (עלט) דזור דפּור.

1905 " אויפֿן גרויסן ווייסן שטערן, וואָס זעט אויס ווי אַ מענטשנקרויך פֿון גאָטס געשענקס |...|". 3094

אש, די, 47.

געשענקעכץ – דאָס, =ן. (ביטול) דזור דפּור.

1963 " |...| לייגט אַוועק דאָס גאַנצע געשענקעכץ אויף אַ פּאַליצע". שניאור, פּער 69, XII/29. 3095

געשענקעניש - (שנש) דאס, =ן. דזוו געשאנק.

1968 " כ'האָב דאָ באַקומען ס'העכסטע מענטשלעכע געשענקעניש, דעם גראָדן קוק, דאָס רעכט אַ ווילן צו פֿאַרמאָגן". לעיעלעס, 6, 309. 3097

□ גישענק

1679 " אונטר דעסין ביררייטיטן זיא דאז גישענק, ביז דש יוסף קאם אויף דען מיטאג". בליץ, בראשית, מג - כד. 3097/א

1718 "ער גאב זייני פריינדן גשענק". מראות הצובאות. 3083

675 - גע

ג ע ש ע נ ק ט – 1. פֿאַר (פֿפּ) פֿון שענקען.

2. אַדי. וואָס איז (געוואָרן) געשאָנקען. % דער זייגער איז אַ געשענקטער, אַ מתנה פֿון זיידן.

// געשענקטע טעג – 1. ווען די לעצטע אָבער שיינע טעג פֿון זומער אָדער האַרבסט.

1888 "אַ טאָג איז דענסטמאָל געווען זייער אַ שיינער, ווי עס גיט זיך אויס אַ מאָל אין אלול, איינער פֿון די געשענקטע טעג". מענדעלע, 3, 62. קאַנק

2. ווען די לעצטע טעג, יאָרן אין לעבן פֿון אַ מענטשן.

1962 "באַשאָנקען האָט זיי |די אַלטע לײַט| גאָט מיט טעג, |...| און ווי אַרײַנגעפּאַסט אין ראָד פֿון כוכבי= לכת און פֿון זונען, זיך אײַנגעוועבט אין די געשענקטע טעג". גראַדע, 5, 27. 3085

676 - גזל

<u>געשענקטע יאָרן</u> - <u>דזוו געשענקטע טעג</u>, ב 2.

1966 " |...| איצט אָבער, ווען ס'איז אַ פֿראַגע וועגן איבערשטופּן די עטלעכע <u>געשענקטע יאָרן</u> |...|".

הנפֿטערמאַן, פֿאַ זמן, 16/ז :

<u>שור: א געשענקטן פֿערד קוקט מען ניט אין די ציין אַריין</u> - א זאַך וואָס מע קריגט אומזיסט, נעמט מען אָן ווי ס'איז, מע קלײַבט ניט איבער, מע זוכט ניט קיין חסרונות. (רז)

3088

677 - גען

ג ע ש ע נ ק ע ר ט - פֿאַר פֿון שענקערן.

געשעען (ע/ער) - אדי, אפט סובסטאנטיווירט.

וואס איז פאר(ג)עקומען, האט פאסירט, האט (זיך) געטראפן.

% ער האט דערציילט א געשעענע מעשה, ניט קיין אויסגעטראכטע. ס'איז שוין א געשעענער פאקט און מע קאן גאר ניט ענדערן.

1875 " האט זי געטראכט, אז דאס וואס ער זעט אזוי
שלעכט אויס או ך גייט ארום אן א קאפ, איז דורך 3100
דעם געשעענעם אומגליק". איבן הנ"ץ, 1, 52.

1940 "ווער וועט אונדז דערציילן,// ווער וועט אונדז
באוווסטיקן//פון געשעענעם און פון געוועזענעם". 3150
קושניראוו, 5, 91.

1948 " דער |...| עולם האט זיך נאך געפונען אויף
די ערטער, |...| נאך איבערראשט פונעם נאר וואס
געשעענעם |...|". נסתר, 6, 81.

|| געשעענקייט - די, בא. (שנש) דאס (האבן) געשען, געשעעניש.

1958 " ווו· זענען זיי, די זינגער און די בארדן,//
(מיין) געשעענקייט צו געבן קלאנג און צורה?". סוצקעווער,474,4.

∠7 שטעלן עמעצן פאר א געשעענעם פאקט (וואר: געשעענע פאקטן) - אין א וויכוח, מחלוקת אפטאן עפעס, אז דער צווייטער צד זאל שוין ניט קענען ענדערן דעם מצב.

◻ גשעהנע.

1732 " גשעהנע זאכן זיין זעלטן צו איבר מאכן".
טאץ יצחק, דף 56/ב.

3098

680 -

ג ע ש ע ע נ י ש – <u>דאָס, =ן.</u> דאָס וואָס געשעט, קומט

פֿאָר, פֿאַסירט, טרעפֿט זיך; פֿאַסירונג, פֿאַל, פֿאָרפֿאַל.

% געוויינטלעכע, טאָג=טעגלעכע געשעעניש. וויכטיקע,

אויסערגעוויינטלעכע, אויסטערלישע געשעענישן.

גאַנג (לויף, קורס) פֿון געשעענישן. פּאָליטישע,

געזעלשאַפֿטלעכע געשעענישן. היסטאָרישע געשעעניש.

מיט דער געשעעניש האָט געקאַכט די גאַנצע שטאָט.

1902 " היסטאָריע |...| דאָס איז אַ קול פֿון עלטערן,

וואָרענונגען און לערנונגען; אַ פֿאַרצייכעניש פֿון 3138

זאַכן, געשעענישן, איינפֿירונגען פֿון פֿאַרצייטן".

מענדעלע, 7ג, 12.

1926 - 1931 " אָן אַ צאָל געשעענישן האָבן זיך

אָפּגעצייכנט אין איין רגע, אַלע אַזוי בולט, קלאָר". 3106

אָפּאַטאָשו, 9, 38.

681 - גע

1960 " אַ באַרעכטיקונג האָט אויך אַשס שרייַבן באַריכות
3112 וועגן אַזוינע האַלב נאַטירלעכע, האַלב איבערנאַטירלעכע
געשעענישן, ווי קריעת=ים=סוף". ניגער, 10, 362.

682 - גע

?נ? ג ע ש ע ף - דאס, =ן. (עלט) באַשעפעניש, באַשאַפונג.

1908 " די יונגפרוי האָט דערפילט אַ לעבעדיק געשעף

|טעקסט: געשעפף| אונטערן האַרצן |...| אַ לעבעדיק 3163

קינד |...|". גאָרדין, 3.

□ גשיפדא. מה"ר: Gescheftede/geschepfede.

... "בריאה - גשיפדא". רייכלין 8, במדבר, טז-ל. 3163/a

683 -

ג ע ש ע פ ט — פאר פון שעפן.

684 - גץ

ג ע ש ע פ ט - דאס, =ן. 1. באשעפטיקונג, אונטערנעמונג (אין האנדל, אינדוסטריע, האנטווערק) מיטן ציל פון פארדינסט, רווח, פרנסה. % אויפשטעלן (גרינדן, פארלייגן, איינפירן) א געשעפט. מאכן (שליסן, דורכפירן) א געשעפט. פירן (אנפירן[מיט) א געשעפט. פארדינען, אנווערן ביים/אין געשעפט. גוטע (בליענדיקע) געשעפטן. שוואכע (שלעכטע) געשעפטן. דאס קויפן די דירה איז געווען א גוט געשעפט, דירות זיינען געווארן טייערער. תבואה |=האנדל| איז איצט א שלעכט געשעפט. וואס איז זיין געשעפט? - ער האנדלט מיט געהילץ. ער דארף א שותף צום (אין) געשעפט.

1864 "|איך| וואלט דערמיט געקענט מאכן דאס בעסטע געשעפט, גיין אין גאלד!". מענדעלע, 12, 123.

קאנק

685 -

1892 " איך גיי מיר ארויס מיטן שטעקל אין גרעצק אריין,
אזוי הייסט דא אין אדעס די גאס, ווו יידן האנדלען, 3392
האב איך טויזנט געשעפטלעך: וויל איך ווייץ - איז
ווייץ, קלייען - איז קלייען, וואל - איז וואל".
שלום=עליכם, 21, 11.

1917 " מען ארבעט אפ א פאר יאר, מע קלייבט צונויף
א פאר דאלאר און מע נעמט זיך פאר א שטיקל געשעפט. 3338
גליקט אפ, שלאגט מען זיך דורך ווי ס'איז".
זשיטלאווסקי, 232,6.

1936 " ער האט זיך מיט מער אייפער אריינגעווארפן
אין די געשעפטן". י.י. זינגער, 6, 166. 3316

1968 " איך בין בטוח, אז אויב איר וואלט זיך אנגעשטרענגט,
וואלט איר נאך געקענט פירן געשעפטן". גראדע, 7, 46.

2. (ספּעציעל) אָרט וווּ מע פֿאַרקויפֿט געוויסע פּראָדוקטן; קראָם, קלייט. ער האָט אַ געשעפֿט פֿון שניט אין סאַמע מאַרק. די געשעפֿטן פֿאַרמאַכט מען 6 אַ זייגער אין אָוונט. זי קויפֿט נאָר אין סאָלידע געשעפֿטן. אין יענעם געשעפֿט קאָסט אַלץ ביליקער.

1886 " 500 רובל ביסטו מיר שולדיק פֿון געשעפֿט, וואָס דײַן טאַטע, עליו=השלום, האָט בײַ מיר אָנגענומען סחורה". בעקערמאַן, 6, 16. 3412

1906 " ער איז געגאַנגען פֿון איין געשעפֿט צום צווייטן, אָבער קיינער האָט ניט געוואָלט קויפֿן דאָס בילד". 3221
עדעלשטאַט, 3, 13.

1931 " די געשעפֿטן אין די הינטערגעסלעך פֿון אַלבאַני זענען אויסגערעכנט אויף 'באַמס'". נאַדיר, 5, 221. 3252

687 -

1947 " קום איך אין אנגעוויזענעם געשעפט, איך
~~איך~~ קלויב אויס שטאף און וויל באצאלן, נעמט מען 3209
נישט קיין געלט". סעגאלאוויטש, 11, 109.

3. עפעס וואס אינטערעסירט, וואס גייט אן, ארט, איז
נייטיק, וויכטיק; עניין, זאך, עסק, אויפגאבע,
אנגעלעגנהייט. (ניט) מישן זיך אין יענעמס געשעפטן.
ס'איז ניט מיין געשעפט, וואס דער שכן מיינער טוט.
ס'איז ניט פאר איר, אן אלטער פרוי, קיין געשעפט
צו גיין אזוי ווייט. ווארף אוועק אלע געשעפטן
און נעם זיך לערנען. מיט דעם גראבן יונג וויל
קיינער קיין געשעפטן ניט האבן.

|אנהייב ~~צוא~~ י"ה| " האט נישט קיין פאראיבל, איך דארף
נאך אויף איין ארט צו גיין, אנייטיק געשעפט 3319
אפצומאכן". עטינגער, 3, 506.

1888 " בשעת פרידן |...| פלעגט אונדזער הערשעלע מיט
דעם גאנצן פעקל יינגלעך זיך אפגעבן מיט אנדערע 3397
געשעפטן, און געשעפטן זענען געווען זייער פיל, ברוך=
השם, אין איטלעכער צייט". מענדעלע, 3, 22.

1907 " אט האסטו דיר א געשעפט! וואס א שרייבערל
קאן! פריער האט ער געזאגט, אז אויף טינט גייט קאנק
ביי אים אוועק א פארמעגן; איצט – קויפט ער א פלאש טינט,
וועט ער האבן און האבן!". שלום=עליכם, 8א, 114.

1926 – 1931 " כ'האב זיך קוים ארויסגעריסן, דיינע
געשעפטן – און אצינד זוכט מען דיך, ס'גאנצע דארף 3269
איז אויף. טראג זיך בעסער באצייטנס אפ, הערסט?".
אפאטאשו, 5, 174.

1948 " משונה!... ווייל וואס פאר א געשעפט האט
געקאנט האבן אזא ווי יאסעלע צו אזא ווי לוזי". קאנק
נסתר, 6, 279.

689 - גע

|| געשעפֿטעניש - דאָס, =ן. (ביטול) געשעפֿט, אין ב' 3.

... "דער דאָקטאָר האָט זיך נישט געוואָלט מישן אין אירע געשעפֿטענישן". בערגעלסאָן. 3518

............................................

רעד: חוץ דעם נאָמען 'בערגעלסאָן' איז ניטאָ מער קיין ביבל' דאַטן. פֿון וואַנען די ציטאַטע?!

............................................

0 געשעפֿט(ס)=אָפּמאַך - דער, =ן. קאָנטראַקט.

געשעפֿט=אָרט - דאָס, =ערטער, סטוטש 485, דאָס אָרט, ווו. ס'געפֿינט זיך דאָס געשעפֿט (קראָם, פֿאַבריק, וואַרשטאַט), די קאַנטאָר פֿון געשעפֿט.

690 - גזל

געשעפֿט=באַציִונגען – מצ. קאָנטאַקטן צווישן צוויי אָדער מערערע פּערזאָנען אָדער אונטערנעמונגען אין ענינים פֿון מסחר אָדער אינדוסטריע. % האָבן (איַינשטעלן, שטיין אין) געשעפֿט=באַציִונגען.

1951 " ס'האָבן זיך איַינגעשטעלט פֿריַינדלעכע געשעפֿט=באַציִונגען". מ. ווישניצער, פֿער 106, 67.

געשעפֿטביכער – מצ. בוכהאַלטערישע ביכער.

געשעפֿטבריוו – דער/די, מצ דז. בריוו צווישן צוויי פֿירמעס וועגן ענינים פֿון מיסחר אָדער אינדוסטריע.

געשעפֿטגעלט – דאָס, =ער. דאָס געלט וואָס איז אַריַינגעלייגט אין געשעפֿט, ניט דאָס פּריוואַטע.

1962 " אומציילקע געשעפֿטסליַיט, וואָס האָבן אַריַינ-געלייגט זייערע געשעפֿטגעלטער אין סטאקס |=אַקציעס| זענען רוינירט געוואָרן". ש. ראַפּאַפּאָרט, פֿער 69, 30/ד.

א/3489

691 ~~ גע

געשעפּט=האַלבער — אַדוו. (עלט? דטשמ?) געשעפּטלעך, וועגן געשעפּט.

1873 " האָב איך מיך, ווי צו זאָגן, פֿאַראַירט |=פֿאַרבלאָנדזשעט| געשעפּט=האַלבער איך אַ הויז פֿון איינס פֿאַרנעמען יידישן הערן". דיק, 67, 3. 3506

געשעפּטהויז — דאָס, =הייזער. ‡קאָנטאָר[?].

1890 " אויף דאָס פֿאַרלאַנגען פֿונעם ראב"ד |=רב אב בית=דין| אין די קאַסע און בוכפֿירונג פֿונעם מושב=זקנים איבער= געגעבן געוואָרן אין דאָס געשעפּטהויז |...| וועלכעס וועט אַרויסגעבן געלט צו הוצאות |...|". פֿער 74, נ׳5, ז׳ 14. 3445

(?בג) געשעפּט(ן)=וועלט — די, באַ. כולל=נאָמען

1865 " דער פּועל=בטל, וואָס קען ניט קיין מלאכה און
האָט ניט שטודירט, |...| טויג ניט פֿאַר קיין בוכהאַלטער,
פֿאַר קיין געשעפֿטס=טרעגער וכדומה". ארז, פּער 177,
נ' 33, ז' 508.

געשעפֿט=מאַכער - דער, =ס. 1. דער וואָס מאַכט (שטעלט אויף)
אַ געשעפֿט, אויך דער וואָס האָט געשלאָסן אַ געוויסע
טראַנזאַקציע.

2. (איר) דער וואָס פֿירט דורך אומאָרנטלעכע, שווינדלערישע
געשעפֿטן. אויך דער וואָס קען פֿון אַלץ מאַכן אַ געשעפֿט,
פֿאַרדינען.

1884 " דער צווייטער פּאַסאַזשיר, אַ מענטש פֿון אַ יאָר 50,
פֿון זייַן פּנים, פֿון זייַן הויך פֿאַררוקטן קאַרטוז 3475
און פֿון זייַן פֿאַרקאַשערטן אַרבל האָט מען אַרויסגעזען,
אַז דאָס איז אַ געשעפֿט=מאַכער". פּער 74, נ' 47, ז' 732.

693 -

1888 " מעקלערס, טאַנדעטניקעס און כל=המינים געשעפּט=
מאַכערס". מענדעלע, 3, 193.

3478 ~~3475~~

געשעפּט=מאַכעריי - דאָס, בא. 1. דאָס שליסן, דורכפֿירן
א געשעפֿט.
2. (איר) דאָס פֿירן אומאָרנטלעכע שווינדלערישע געשעפֿטן.

געשעפּט=מאַרקע - די, =ס. אַ באַזונדער צייכן (סימבאָל)
וואָס געוויסע פֿירמעס האָבן אויף זייערע פּראָדוקטן,
בריוו אד"גל.

געשעפּט(ס)מאַן - דער, =לײַט.זבז.

געשעפּט(ס)מענטש - דער, =ן. דזוו געשעפֿטסמאַן.

געשעפט(ס)=פאפיר – דאס, =ן. בריוו אדער אנדערע דאקומענטן וועגן געשעפט=ענינים.

געשעפט=פארבינדונגען – מצ. דזוו געשעפט=באציונגען.

געשעפט=פירער – זבז.

געשעפטפעיק – אדי/אדוו. וואס טויג זיך אויס צו געשעפט (מיסחר, אינדוסטריע).

געשעפט=פעיקייט – די, בא. דאס זיין געשעפטפעיק.

1870 " אז איייניקע יידישע באנקירן גלאנצן ארויס, האבן זיי דאס צו פארדאנקען זייער געשעפט=פעיקייט". 3313

פער 177, נ' 45, ז' 335 – I.

**געשעפט(ס)צווײַג** - דער, =ן. אָפּטייל פֿון מסחר אָדער אינדוסטריע; בראַנזשע.

**געשעפט(ס)=קענטעניש** - דאָס, =ן. דאָס זײַן בקי, געניט אין ענינים פֿון געשעפט (מיסחר, אינדוסטריע).

1867 " אין אונדזער קאַנט זענען אויך דאָ |...| סוחרים,

וואָס האָבן זיך ערוואָרבן מיט זייער פֿאַרשטאַנד סאָלידע 3527

געשעפטס=קענטענישן". ארז, פֿער 177, ג׳ 27, ז׳ 207 -!!.

**געשעפט=רײַזנדער** - דער, =ס/ מצ דז. אַן אַגענט פֿון אַ פֿירמע וואָס פֿאָרט אַרום צו פֿאַרקויפֿן (רעקלאַמירן) איר סחורה; קאָמי=וואָיאַזשאָר.

**געשעפטשטוב** - די שטיבער. (עלט) קאַנטאָר, ביוראָ פֿון אַ געשעפט.

געשעפֿט=שעהען |=שאָען| – מצ. די שעהן פֿון טאָג וועך ס'זײַנען אָפֿן די געשעפֿטן (קראָמען).

אײנהײט=געשעפֿט – בנב.

1938 " |...| אַן אײנהײט=געשעפֿט פֿאַר קלײדער, ווו. די פֿרײַזן הײבן זיך אָן בײ 59 קראָנען פֿאַר אַ מענערישן 3211
אָנצוג |...|". וואַקסמאַן, 1.

באַנקגעשעפֿט – (עלט) באַנק |סטוטש 487|.

באַקאַלײ=געשעפֿט – קראָם פֿון שפּײַז=אַרטיקלען.

1947 " |...| סאַליעס פֿאָטער |...| האָט דאָרט געהאַט אַ גרויס באַקאַלײ=געשעפֿט". יזב 8, 367. 3208

697 -

באקליידונג=געשעפט - דזוו קליידער=געשעפט.

1970 " באלד האט מען די ייִדן גענומען אין באקליידונגס=
געשעפט און אנגעטון פון קאפ ביז די פיס |...|". 3207
א. פייוולאוויטש, יזב 7, 102.

בייגעשעפט - צוגאבלעך געשעפט צו א הויפטגעשעפט.

בייטגעשעפט - טראנזאקציע וואס באשטייט אין בייטן איין
סחורה אויף אן אנדערער.

1914 " דער רב איז צופרידן געווארן |...| און מען האט
דעם |דאס| בייטגעשעפט געשלאסן". גליק, 21. 3229

ביכער=געשעפט - קראם ווו מע פארקויפט ביכער; בוכהאנדלונג.

698 - גי

**בלומען=געשעפֿט** – קראָם וווּ מע פֿאַרקויפֿט בלומען.

1930 " מיר איז איין מאָל אויסגעקומען אין אַמעריקע

צו באַזוכן אַ ייִדיש בלומען=געשעפֿט". איינהאָרן, 7, 194. 3449

1947 " די רויזן זייַנען צעשיקט געוואָרן אין די

בלומען=געשעפֿטן פֿון פּוילן און זייַנען אויך טראַנספּאָרטירט 3450

געוואָרן קיין אויסלאַנד". יזב 8, 67.

**בראַנפֿן=געשעפֿט** – געשעפֿט וווּ מען פֿאַרקויפֿט בראַנפֿן.

1884 " אין דעם גרויסן געמאָלטן זאַל |...| זיצן 4

שותּפֿים פֿון אַ בראַנפֿן=געשעפֿט |...|". פּער 74,נ׳3,ז׳35. 3181

**בשׂמים=געשעפֿט** – (עלט) קראָם וווּ מע פֿאַרקויפֿט געווירצן.

1930 " אין די גרעסערע שפּעצערייַ (בשׂמים=)געשעפֿטן

באַקומט מען צו קויפֿן באַמיאַ, געטריקנט אָדער אַלס 3255

קאָנסערוון". שאַפּראַן, 1, 131.

גאלאנטעריי=געשעפט - קראם פון גאלאנטעריי=ארטיקלען
(העמדער, זאקן, סוועטערס א"א).

דעפארטאמענט=געשעפט - ---→ פל=בו=געשעפט.

ווייַנגעשעפט - קראם וווּ מע פארקויפט פארשיידענע ווייַנען.

1947 " אין אנהייב האט ער זיך באמיט צו לערנען א האלבן
טאג און גלייַכצייַטיק זייַן אן ארויסהעלפער אין א 3454
ווייַנגעשעפט אויפן אלטן מארק". יזב 8, ז' LX.

פל=בו |קאלבוי|=געשעפט - גרויסע קראם, וווּ מע פארקויפט
אלערליי ארטיקלען.

מאנופאקטור=געשעפט - דזוו שניטגעשעפט.

פֿרוכטגעשעפֿט — קראָם וווּ מע פֿאַרקויפֿט פֿרוכטן, גרינוואַרג.

קאָלאָניאַל=געשעפֿט — קראָם וווּ מע פֿאַרקויפֿט געווירצן און שפּײַזפּראָדוקטן פֿון די טראָפּישע לענדער.

קליידער=געשעפֿט — קראָם וווּ מע פֿאַרקויפֿט פֿאַרשיידענע קליידער, בגדים.

שניטגעשעפֿט — קראָם וווּ מע פֿאַרקויפֿט פֿאַרשיידענע טעקסטיל שטאָפֿן, צײַג.

שפּײַזגעשעפֿט — קראָם וווּ מע פֿאַרקויפֿט פֿאַרשיידענע שפּײַזאַרטיקלען

1973 " |...| זײַנען אין סאָסנאָוויץ געווען אַן ערך 300
שפּײַזגעשעפֿטן, צענדליקער רעסטאָראַנען, בירשענקען 3453
און אַנדערע געשעפֿטן". יזב 16, 133.

<u>אײַנגעאַרבעט</u> (<u>וואָר</u>: <u>אײַנגעפֿונדעוועט</u>, <u>אײַנגעפֿירט</u>, <u>אײַנגעצויגן</u>) <u>געשעפֿט</u> – אַ געשעפֿט ~~(ס'רובֿ וועגן אַ קראָם)~~ וואָס עקזיסטירט שוין לאַנג, האָט אַ גוטן נאָמען, אַ סך שטענדיקע קונים.

1969 "|...| זיי קומען פֿון יוראָפּ, נעבעך |...|. זיי
האָבן ניט קיין פּוח צו אַרבעטן בײַ יענעם. זוכן זיי 3390
אַ ווײַב מיט אַן אייגן <u>אײַנגעאַרבעט געשעפֿט</u>".
<u>י. פֿערלאָוו, פֿער 155, XII/28.</u>

<u>גאָלדן געשעפֿט</u> — (<u>ס'רובֿ אין מצ</u>)טראַנזאַקציע וואָס גיט אַ סך פּראָפֿיט.

1892 "איך בין גאָר ניט אומשטאַנד דיר צו באַשרײַבן
די שטאָט אָדעס, |...| און די <u>גאָלדענע געשעפֿטן</u>
וואָס מע קאָן דאָ מאַכן". <u>שלום=עליכם, 21, 11.</u>

702 - פּיג

|1931 - 1926| " אויב איר זײַט טאַקע אַ ביזנעסמאַן,
האָב איך פֿאַר אײַך אַ גאָלדן געשעפֿט". אַפּאַטאָשו, 7, 54.

פּעט געשעפֿט(ל) - דזוו דפּוו.

געהויבענע געשעפֿטן - דזוו דפּוו.

פֿוילע געשעפֿטן - וואָס גיבן ניט (אָדער ווינציק) רווח.

1920 " ווען איינער וויל זיך ניט אַרײַנלאָזן אין
3355 פֿוילע געשעפֿטן, זאָגט ער: כ׳וויל מיך נישט אַרײַנלייגן
מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט". עלזעט, 2ג, 115.

בלאָע/בלויע געשעפֿטן - דזוו דפּוו.

שבתדיקע/פּורימדיקע געשעפֿטן - דזוו דפּוו.

טונקעלע געשעפֿטן — 1. אומגעזעצלעכע קאָמערציעלע טראַנזאַקציעס.

2. אומגעזעצלעכע אָדער אוממאָראַלישע טעטיקייט בכלל.

בלינדע געשעפֿטן — דזוו דפּוו.

קהלישע געשעפֿטן — געזעלשאַפֿטלעכע ענינים, טעטיקייט.

מאַכן א געשעפֿט — 1. אויפֿשטעלן אַן אונטערנעמונג (קראָם, וואַרשטאַט, פֿאַבריק אד"גל).

2. דורכפֿירן אַ געוויסע קאָמערציעלע טראַנזאַקציע מיט עמעצן.

1888 " אַט מיט אַזעלכע מיני מימראָס |...| פֿלעגט ער
אַלץ אײַנרײדן רפֿאלן, ער זאָל מאַכן דורך אים 3461
געשעפֿטלעך מיט קרעמערס". מענדעלע, 3, 175.

704 - גיז

3. אַפּרעדן זיך מיט עמעצן וועגן עפּעס, אָפּמאַכן, אײַנשטימען.

% זיי האָבן זיך געאַמפּערט, יעדער האָט געוואָלט צאָלן פֿאַרן מיטאָג אין רעסטאָראַן, ביז מע האָט געמאַכט א געשעפֿט – מע וועט צאָלן האַלב אויף האַלב.

מאַכן א גוט געשעפֿט – גוט פֿאַרדינען אין א טראַנזאַקציע.

מאַכן א שלעכט געשעפֿט – 1. ווינציק פֿאַרדינען אָדער גאָר אָנווערן.

2. טאָן עפּעס מיט אַ שלעכטן רעזולטאַט, מיט נעגאַטיווע קאָנסעקווענצן.

מאַכן א געשעפֿט ווי דער פֿעטער עשיו – מאַכן אַ שלעכט געשעפֿט.

אויסדרייען א געשעפֿט – דורכפֿירן אַ טראַנזאַקציע/אַן עניין מיט הצלחה ביזן סוף.

1901. "פֿאַרשטייסטו שוין, ווי אַזוי לוי=יצחק דרייט
אויס אַ געשעפֿט?". שלום=עליכם, 24, 96.

דורכשלאָגן אַ געשעפֿט – דזוו דפֿוו.

אָנשלאָגן אַ געשעפֿט (עמעצן) – פֿאַרלייגן, נאַראַיען אַ
קאָמערציעלע טראַנזאַקציע.

1895 " |...| האָט מיר אָנגעשלאָגן אַ געשעפֿט, בײַ וועלכן
איך קען אַרײַנכאַפּן עטלעכע הונדערט רובל". 3312
בעקערמאַן, 12, 103.

אָפּמאַכן אַ געשעפֿט – פֿאַרענדיקן אַ טראַנזאַקציע מיט
הצלחה.

1914 " אמת, דאָס געשעפֿט איז אָפּגעמאַכט, מיר האָבן איצט
אַ סך געלט". אדעלהיים, 1, 8. 3337

706 - גזל

באהייבן א געשעפט - קענען (אנ)פירן א געשעפט.

... "אליין האט מען ניט געקענט באהייבן א געשעפט

פון הונדערטער רובל". פער 94, נ' XXII, 189. 3236

באטרייבן א געשעפט - (עלט) פירן א געשעפט.

1887 "די ערסטע קויפלייט |=סוחרים| פון שטאט זיינען

דאס ניט אין שטאנד צו באטרייבן אזא געשעפט". 3262

יאסעלאוויץ, 4, 17.

מישן זיך אין פרעמדע געשעפטן - אומגעבעטן אנטערווענירן

(מיט רייד אדער מעשים) אין ענינים, פראבלעמען,

וויכוחים פון פרעמדע מענטשן.

ער (זי) פארשטייט א געשעפט - וועגן א קלוגן, געניטן

מענטשן.

707 - [illegible]

האבן געשעפטן (מיט א פרוי) – זיין אין באציונגען מיט
איר.

ער האלט אפן דאס געשעפט – (ווּלג, שלש) וועגן א מאנצביל ?נ?
וואס דער קראק פון די הויזן איז ניט פארשפיליעט.

זי האט אן אפן געשעפט – (ווּלג) וועגן אן אויסגעלאסענער ?נ?
פרוי.

א געשעפט האב איך/האסטו (מיט עפעס) – ס'איז ניט
וויכטיק, ס'ארט מיך ניט/זאל דיך ניט ארן.

נא דיר א(ן א) געשעפט/אט האסטו דיר א געשעפט! – אויסרוף
ביים אנטרעפן זיך פלוצעם מיט א פראבלעם, שוועריקייט.

ס'איז א געשעפט צו..? – ס'איז ניט קיין פראבלעם,
ס'איז ניט שווער צו...

708 - [illegible]

3413

|1931 - 1926| "כ'מיין די ווײַבער, זיי קאָן מען

נישט קאָנטראָלירן. און ביי אַזאַ 'בייזי' ווי הײַנט,

איז א געשעפט ארויסצוגיין און נישט באַצאָלן?".

.320 ,15 ,אפאטאשו

ס'איז א געשעפט פאר א לײדיק=גייער (וואָר: פאר אַן

אקאלאדאטשניק, פאר א נאכט וועכטער) – ס'איז אַן עניך,

אַן ארבעט וואָס ס'איז ניט כדאי זיך צו פארנעמען

דערמיט (צו נודנע, צו שווער, ניט וויכטיק).

די געשעפטן גייען גוט – מע פארדינט גוט.

די געשעפטן גייען שלעכט – מע פארדינט ווינציק, אדער

איך גאנצן ניט.

די געשעפטן גייען קיין דאנציג – זיי גייען שלעכט.

709 אפשניידן פון געשעפט – ארויסציִען זיך פון א געוויסן
געשעפט, טראנזאקציע, מער ניט פארנעמען זיך דערמיט.

אפהאקן פון/מיטן געשעפט – דזוו דפוו.

אפשאקלען/אפטרייסלען זיך פון געשעפט – דזוו דפוו.

אפלאזן דאס געשעפט – דזוו דפוו.

אויפהייבן א געשעפט – דערפירן דערצו, אז א געשעפט
(קראם, אונטערנעמונג) וואס איז אין א שלעכטן מצב
זאל אנהייבן פראספערירן, גיין גוט.

פויל: פון אלע געשעפטן אין באד אריין – שפאסיק וועגן
איינעם וואס פלוצעם נעמט ער זיך צו אן ארבעט,
וואס האט ניט קיין לאגישע שייכות מיט דעם וואס ער
האט פריִער געטאן.

710 - גזל

1940 " דאָ האט ער געהייסן זײַן פורמאַן איינשפּאַנען און

3174 איז - ווי זאָגט מען: 'פון אַלע געשעפטן איז באַד אַרײַן'-

אַוועק אָפּשטעקן א וויזיט דעם רעדאַקטאָר".

בערגעלסאָן, 14, 158.

אַז ס'וואָלט געווען א גוט געשעפט, וואָלט מיט דעם

ראָטשילד געהאַנדלט - (איר) וועגן א שלעכט געשעפט.

ער האָט א געשעפט מיט א שפּייכלער (דער געשעפט איז

פון פּאַרנט און דער שפּייכלער פון הינטן)". |קטוו|.

כּוח זוכט מען אין שיסל און א קערבל - אין געשעפט.

שוו: געשעפט איז געשעפט און מחותן איז מחותן -

אין געשעפט רעכנט מען זיך ניט מיט פריינדשאַפט אָדער

קרובֿהשאַפט.

711 –

ס'איז גרינגער אויפצוהייבן א שיכור פון דער ערד

איידער א געשעפט – אן אונטערנעמונג וואס איז

געפאלן איז שווער צו פארבעסערן.

פון א שלעכט געשעפט רייס אפ א פאלע און אנטלויף –

מע דארף קענען אויסניצן יעדער מצב, אפילו א שלעכטן.

אז עס גייט א געשעפט, מאכט מען עס אויף גיך.

קללה: א גרויס געשעפט זאל ער האבן מיט סחורה: וואס

ער האט זאל מען ביי אים ניט פרעגן, און וואס מע פרעגט

זאל ער נישט האבן.

ם

גישעפט.

.3 ←---

712

1544 " חושי דער ערכי דער רוט אונש וואל רעכט.//

ער ווייש דעש קויניגש דוד זין אונ׳ אל זיין גישעפט". 3340

שמואל=בוך, סטר׳ 1497.

1610 " עש איצט איין גישעפט איין ביז דש ער הוט געבן

גאט צו פור קינדר דעש מענשן גוט אונ׳ ביז אונ׳ 3349

פריבן וויא זיא זאלן פּפלעגן אן אים".

טייטש=חומש, קהלת, א׳ יג, |תי:עניין|.

1739 " דער (חכם) זאגט, דעם מענשינס גישעפטין

ווערדן ניט פולקומן ביז ער זיין הערץ פון אלי 3354

(חשק) אונ׳ גלושטין אבהאלטיט". ס׳ מבחר הפנינים,

דף טו - !!.

650 - גע
712/1

געשעפֿטיק (ט) זײַן - (עלט) פֿאַרנומען, באַשעפֿטיקט זײַן מיט/אין עפּעס.

1541 " ניט נים דיך אן דער זאך אזוי העפטיג // דו דארפשט ניט זייך האלב אז געשעפטיג". בבא=בוך, סטר' 207. 3457

1668 " אונ' מיט דען זיבן הגמונים דען ערשטן דיא דא אויך זיין גישעפטיג גיוועזן אין דער האנדלונג 3458
זיינר קרינונג". יוסיפון, 3, דף רעב.

1837 "גיהער מן זייך תפלה וואל אן בריינטן אין זייך הארצן |...| זייך כוונה זאל ניט אנדרש זייך 1/3454
נאר צו גאט אוך ניט גישעפטיגט זייך מיט וועלטליכע זאכן". אב, סדר תפלות |...|, ז' 5.

ם גישעפטיג

712/2

ג ע -

(?נ?) ג ע ש ע פֿ ט י ק מ אַ כ ן ז י ך - <u>אוטוו</u>. נעמען

אויף זיך די אַחריות (פֿאַרן געשעפֿט, פֿאַר דער זאַך)

|<u>בער/זניאַק</u>|.

21213 - גע

ג ע ש ע פּ ט י ק ן   ז י ך  –  אוטוו. (עלט).

1. באַפֿאַלן, פֿאַראַרדענען, בעל=הבתעווען |ליפֿשיץ, 2, האַרקאַווי|.

2. באַשעפֿטיקן זיך |ראַכקינד|.

712/1/c די- 21

(?נ?) ג ע ש ע פ ט י ז ם - <u>דער, בא.</u> (<u>שנש,פעיא</u>) דאס

פארנעמען זיך/אינטערעסירן זיך בלויז מיט געשעפטן,

מיט פארדינען געלט.

1936 " |...| אנטי=<u>געשעפטיזים</u> איז נישט מער ווי א

3455 געשעפטל אזא". <u>נאדיר, 70,10.</u>

713 – גדל

געשעפֿטלעך – אַדי/אַדוו. 1. שייכדיק צו געשעפֿט (בב 1, 2). געשעפֿטלעכער בריוו. % געשעפֿטלעכע באַציִונגען. זיי שמועסן וועגן געשעפֿטלעכע ענינים.

1929 " דער בריוו צו ראָזען איז אַרייַנגעפֿאַלן צו רוכימאָוויטשן אין איינעם מיט דער גאַנצער געשעפֿטלעכער פֿאָסט". טייטש, 3, 159. 3465

1951 " ער איז געווען |...| דער געשעפֿטלעכער פֿירער פֿון דער פֿירמע". טרונק, 8, 120. 3466

2. פֿאָרמעל, אָפֿיציעל, ניט אינטים, טרוקן.

1966 " דערנאָך האָט ער |אַרטאַפֿאַנוס| אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, |...| און געענטפֿערט מיט אַ געשעפֿטלעכן טאָן, כּדי צו באַהאַלטן פֿאַר די געצנ=דינער זייַן ווייטיק". צאַנין, 1, 178. 3467

714 - גאַל

געשעפּטלעריי – דאָס, בא. (שנש) געשעפּט=מאַכעריי, |סטוטש 484|.

רעד: דאָס וואָרט איז אַ דעריוואַט פון "געשעפּטלער", אָבער באַ סטוטשקאָוון איז אַזאַ וואָרט ניטאָ...

715 - לעז

ג ע ש ע פֿ ט ל ע ר י ש - אדי/אדוו. (נש) אויפֿן

שטייגער פֿון א געשעפֿט=מאכער |סטוטש 484|.

.................................................

רעד:דאָס וואָרט איז א דעריוואַט פֿון "געשעפֿטלער",

אָבער ביי סטוטש איז אַזאַ וואָרט ניטאָ...

.................................................

716 – גע

?נ? ם |געשעפטן| ג י ש ע פ ט ן / ג ש ע פ ט ן – אוטוו.

פארנעמען זיך, באשעפטיקן זיך, טאן.

1626 " |...| דוא ווערשט גישעפטן אין חכמה אונ׳

אין דעת". ס׳ המגיד, 1, משלי, א – ז. 3481

1767 " שוח. ב. עסק ומעשה. טוהן. גשעפטן".

ס׳ דברי יושר. 3482

717 -

ג ע ש ע פ ט (ס)מ אַ ן – דער, מצ געשעפטס(ס)לײַט.

דער װאָס פירט געשעפטן איז באַהאָװנט אין ענינים פון געשעפט (בבֿ 1, 2). % גענײטער געשעפטמאַן. בראש פון דער באַנק שטײען סאָלידע געשעפטלײַט.

1871 " בײַ אַזעלכע הױזלעכע געשפּרעכן פלעגט ער צו דערצײלן, |...| װאָס פאַר א גרױסער געשעפטסמאַן ער איז". דיק, 52, 16. 3235

1939 " גרױסע געשעפטלײַט האָבן צו טאָן מיט גרױסע בעלי=הלװאות, |...| און דער קאָפּ דאַרט פאַר גרױסע װעקסלען צו צאָלן |...|". נסתר, 4, 29. 3463

1951 " װי אַ פּראַקטישער געשעפטסמאַן, האָט ער דערשמעקט, אַז יידישע ביכער איז אַ גוט געשעפט, האָט ער געעפנט אַ יידישע אָפּטײלונג". י. שאצקי, פער 106, 715. 3498

718 –

ג ע ש ע פ ט ס מ ע ס י ק – אדי/אדוו. 1. ווי א

געשעפט(בב 1, 2), פאסיק פאר א געשעפט, פראקטיש.

1930 " דער פלאן קלינגט פילאנטראפיש אבער נישט

3505 ~~נישט~~ געשעפטסמעסיק". אש, 11, 314.

2. געשעפטלעך (ב 2)

1957 " שפאן אין די שקאפע, – האט דער דארפסייד

3502 א זאג געטאן געשעפטסמעסיק". ברוסילאוו, 2, 112.

1972 " דער הער ביבאוו און זיינע מיטארבעטער האבן

3504 רומקאווסקין געפרעגט געשעפטסמעסיק, פאר וואס די

צוגעזאגטע טעגלעכע ציפער ווערט נישט צוגעשטעלט".

ראזענפארב, 3, 222.

719 - גל

ג ע ש ע פ ט (ס)=פ י ר ו נ ג - <u>די, בא.</u> 1. אָנפירונג מיט

אַ געשעפט/געשעפטן ( <u>בב 1, 4, 2</u>); אויך אַדמיניסטראַציע

בכלל.

1948 " אַזוי וואַלט ער שוין לאַנג אַרויס נקי

|...| פון זײַן מישטיינס=געזאָגטער <u>געשעפט=פירונג</u>, קאנק

פון זײַן אומדערפאַרנקייט". <u>נסתר, 6, 300.</u>

1965 " אין די מיטלשולן און גימנאַזיעס פירט אײַן

דער געזעץ די ליטווישע שפּראַך אַלס שפּראַך פון זייער 3507

<u>געשעפטס=פירונג</u>". <u>פער 107, 307.</u>

2. (<u>עלט</u>) בוכהאַלטעריע.

1947 " ס'איז באַשטימט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג פון

דער קאַסע מיט אַ באַצאַלטן באַאַמטן, וועלכער האָט איבער- 3508

גענומען די <u>געשעפטס=פירונג</u>". <u>פער 8, 335.</u>

720 - גש

געשעפֿט(ס)-פֿירער - דער, =ס/ מצ דז.

1. אַנפֿירער פֿון אַ געשעפֿט/געשעפֿטן/(בב 1, 2 #)

אַדמיניסטראַטאָר, עקזעקוטיוו.

1869 " די דאָרטיקע מלכים (פֿון שפּאַניע) פֿלעגן זיך

באַרימען מיט זייערע יידן, |...| עובדי אדמה, 3521

קינסטלער, האַנטווערקער, דאָקטוירים, געשעפֿטס=פֿירער

און גרויסע סוחרים". דיק, 44.

1939 " זיינע פֿריערדיקע געשעפֿט=פֿירער, דעם פֿאַרוואַלטער

און עקאָנאָם, וואָס האָבן ביי אים געגנבֿעט |...| האָט קאַנקק

ער אויפֿגעדעקט און אַרויסגעטריבן |...|". נסתר, 5, 171.

1947 " אין 1943 האָבן זיך די |נאַצישע| געשעפֿט=

פֿירערס געכאַפּט, אַז דאָס איז אויסברענגעריי, האָבן 3512

זיי גענומען פֿאַרקויפֿן די ביינער |פֿון די אומגעבראַכטע

יידן| אויף אויסצואַרבעטן באַגיטיקונג פֿאַר דער

לאַנדווירטשאַפֿט". מ. ווייגרייך, 5, 218.

721 - ✓

2. (עלט) בוכהאלטער.

1870 " אַז אַלע שטריק רייַסן שוין, איז ער אַלץ ניט קיין פֿאַרלאָרענער מענטש, ווערט ער |...| א געשעפֿטס=פֿירער אין אַ גרויסער קאַנטאָר". ארז, פּער 177, נ׳ 8, ז׳ 59 - !!!. 3511

|| געשעפֿט=פֿירערײַ - דאס, בא. 1. אַדמיניסטראַציע, אָנפֿירונג מיט אַ געשעפֿט/געשעפֿטן.

2. (עלט) בוכהאַלטעריע.

722 - ??

ג ע ש ע פּ ט ש(ע) - דאָס/דער, באַ. (שנש) דאָס דויערנדיקע שעפּטשען אָדער דאָס שעפּטשען פֿון אַ סך מענטשן; שעפּטשערײַ.

1944 " |...| איז צווישן די ייִדן דורכגעלאָפֿן אַ געשעפּטש".
שניאור, 9, 32. 3159

1963 " |זיצט| בײַם זאַק מיט פּעדערן // און פּליקט מיט
אַ געשעפּטשע". מ.מ. שאַפּיר, 1, 64. 3161

1973 " |...| וואַרפֿט אָפּ פּערעלע מיט אַ לײַכטער באַוועגונג
און געשעפּטש אַזאַ אויסטײַטש". אליצקי, 5, 142. 3157

723 -

ג ע ש ע פ ט ש ע ט - פאר פון שעפטשען.

724 - גל

געשעפּסלט (זיך) - פֿאַר פֿון שעפּסלען (זיך) *

|סטוטש 229].

725 - גשע

?נ? ▪ |געשעץ| ג ש ע ט ץ - שאַצונג?

3532

1767 " שער א. שיעור. גשעטץ פֿר מיטן". ס׳ דברי יושר.

ג ע ש ע צ ט - 1. פֿאַר פֿון שעצן.

2. אדי. חשוב (געניצט אין ווענדונגען, טיטולירונג אין בריוו א"א). % געשעצטער הער, דערמיט ענטפֿער איך אויף אײַער בריוו פֿון --- אאז"וו. געשעצטע פֿרוי, אײַער בקשה וועגן הילף איז באַשטעטיקט געוואָרן.

727 - אַש

גְ ע ש ע ר! - דאס, בא. (דיאל) דזוו געשיר (געפּעס).

1923 " אַזאַ שטוב האָט ער מיר געלאָזט, איז זי געווען

שמעקעדיק, ס'געשער האָט נאָך אַזוי געבלאַנקט". 3535

ניימאַן, 1, 15.

728 -

געשער II - די, =ן. "א מאשין צו שלאָגן (פּלעכטן)

גראָבע שטריק, אויך באַוווּסט ווי "שלאָג=מאַשין" |קטוו|.

1948 "אַראָפּשאַרן דאס לעזעוואָל |?| פון געשער".

שפּיגל, 1 א, 37. 3536

רעד: כ'בין ניט זיכער צי "געשער" פון דער ציטאַטע

איז טאַקע פּאַסיק צום באַטייט וואָס דער זאַמלער גיט.

אפשר מיינט עס אַן אַנדער מאַשין אָדער גאָר פון

וואָרט "שערן - געשער".

729 -

?נ?   געשערב - דאס, מצ? מין ציבעלעס?

1903 "כמה פעמים אכל דג ~~שורה~~ שקוי הערינג עם בצלים

3542 שקוי גשערב". ר' יוסף ב"ר משה, לקט יושר,

ז' 52, ציט פער XIV,90 - 4, ז' 119.

730 - ...

ג ע ש ע ד י ו ו ע ט - פאר פון שעריוועז, |שערעוועז?הארקאווי|.

(עמודים 731 - 739
לא הותרו לפרסום)

עמודים 731 - 739
אינם קיימים (במקור)

(עמודים 731 - 739
לא רלוונטיים)

(עמודים 731 - 739 לא מצולמים)

(עמוד 731 - 739
לא הועתקו)

(עמודים 731 - 739
לא קיימים)

(עמודים 731 - 739
לא רלוונטיים)

(עמודים 731 - 739 לא הועתקו)

(עמודים 731 - 739
לא מצולמים)

740 – גלי 542

ג ע ש ע ר ן – דאס, בא. דאס שעפּכען (שאַרבען)

סטוטש 282.

741 – געז

?נ?          ם |געשערפט| ג י ש ע ר פ ט  –  אדי. שאַרף.

1696   " פפייל[איינש שטערקן גישערפטי |...|".

1/3543   |סידור| תפלה למשה, דף שפה – 1. [תי(תהילים קכ – 4):

שאַרפע גיבור=פייַלן].

1721   " איין גשערפט מעסר ער בגריף |...|".

2/3543   מחזור, 2, דף קצד – 1.

742 -

ג ע ש פּ א ט ! – (עלט) פאר פון שפעטן.

743 - גן

ג ע ש פּ אַ ט !! – דאָס, באַ. דאָס דויערנדיקע שפּעטן
אָדער דאָס שפּעטן פֿון אַ סך מענטשן. % זיי מאַכן
געשפּאַט פֿון אים. אויסשטעלן אויף געשפּאַט.
זײַן צו געשפּאַט.

1870 " זי איז געוואָרן אַ ן אומגליקלעך באַשעפֿעניש,
אַ געגנשטאַנד פֿון מיטלײַד פֿאַר פֿרײַנד און אַ 3549
געשפּאַט פֿאַר שונאים". יוסף גאָלדענפֿאָדען, פֿער 177,
נ' 47, ז' 350.

1967 " ער לאַכט, אַברהם, און זײַן יעדער קוק איז
חוזק און געשפּאַט". פֿרידמאַן, 4, 24. 3555

ג ישפּוט/ג ישפּאַט.

[illegible] " הלעג – דש גשפּוטא". רײַכלין 8, תהילים, קכג-ד. 3544

744 - גיל

1610 " איך בין געווארדן צו גישפוט צו אל דען

פעלקערן". טייטש=חומש, איכה, ג - יד. 3548

1723 " רייניג מיינע ווערקן פון אונפלאט פיליכט

זעלטן מיינע פיינד האבן איר גישפאט". 3554

ברכת המזון, דף כז / א.

745 -

ג ע ש פ א כ ל י ע וו ע ט - פאר פון שפאכליעווען.

746 - גזק

ג ע ש פּ אָ ל ט ן – 1. פֿאַר פֿון שפּאַלטן.

2. אַדי. וואָס איז (געוואָרן) געשפּאָלטן, וואָס האָט אַ
שפּאַלט. % אַ געשפּאַלטן פּעסל. די געשפּאַלטענע
וואַנט. אַ קו האָט געשפּאַלטענע טלאָען. געשפּאַלטענער
קאָפּ.

1910 " אין קאַפּע=קערנדלעך איז דאָ צווייערליי מינים,
3570 געשפּאַלטענע און אומגעשפּאַלטענע, וועלכע רופֿט זיך [illegible]ר
פּערל=קאַווע". טאַרלער רבי, 1, 100.

1935 " אַ בהמה וואָס מען וויל עסן ברויך מען נאָכזען
3569 אויב עס האָט געשפּאַלטענע קלונען |=טלאָען| און
אויב עס טוט ווידער קײַען". אנ, ס' המצוות, דף נט.

1955 " די קאַץ האָט אָנגעשטעלט אויף אים גרויסע,
3563 גרינלעכע, געשפּאַלטענע אַפּלען". שפּיגל, 3, 257.

747 - פּג

3. (פּיג) ניט איידעלע, צעטיילט, צעריסן. % א געשפּאלטענע
פּאַרטיי, באַוועגונג. מע האָט אויסגעפונען, אַז ער
האָט אַ געשפּאָלטענע פּערזענלעכקייט.

|| געשפּאָלטנקייט - די. אַ. אייגנשאַפט אָדער מצב פֿון
זיין געשפּאָלטן.

1949 " דאָרטן איז געווען אַ געשפּאָלטנקייט צווישן
3574 אַלטע אייַנגעזעסענע טראַדיציעס |...|". טרונק, 6, 249.

1972 " |...| אָדער צוריק פֿאַראייניקן די צעשפּליטערטע
3564 געשטאַלט פֿונעם אַקטיאָר אָדער לאָזן זי אין דער
קרענקלעכער, גורלדיקער און דעסטרוקטיווער געשפּאָלטנקייט".
ח. שמערוק, פּער 38, נ' 77, ז' 125.

געשפּאָלטענערהייט - אַדוו. אין מצב פֿון זיין געשפּאָלטן.
% די קלעצלעך ברענען בעסער געשפּאָלטענערהייט.

748 - גיש

ם גישפאלטן.

... מפרסת פרסה - גשפאלטן קלוון". ריכלין 8,

3560 דברים, יד - ו׳.

1610 " צו אל דעם ויך דש דא קלואט קלואן אונ׳

3565 גישפאלטן ניט זיא אישט גישפאלטן אונ׳ איינדרוק

ניט זיא ברענגט אויף אונרייך זיא צו אייך אל דער

דא אן רירט אן זיא ער זול זיין אונרייך".

טייטש=חומש, ויקרא, יא - כו.

1752 "|...| ער איז וויא אייך חזיר כשר כלומר וויא

3567 אייך חזיר שטרעקט זיין פוס אויש אונ׳ ווייזט

וויא עש האט גישפאלטני קלאהן". ס׳ עץ חיים,

דף טז - 3.

(גע)שפּאָליִרט - פּאַר פּון שפּאָלירן.

750 - גע

געשפאַן I – דאָס, =ען. 1. צונויפשטעל פון אַלע זאַכן, וואָס זײַנען נייטיק אײַנצושפּאַנען אָדער אָנזאָטלען אַ פערד (רימענס, לייצעס, כאָמעט, ציימל, זאָטל א"א). % דער בעל=עגלה גרייט צו דאָס געשפאַן פאַרן פערד.

1865 " אין דעם הערט מען איין קאַטש אָנקומען. דאָס געשפאַן איז מיט זילבער". רוף, 1, 40. 3595

1911 " איר קאָנט אים |דעם פערד| ניט געבן ־די שיינע אַשייניקעס, דאָס טײַערע געשפאַן מיט די פליטערלעך וכדומה, אָבער עסן, פרײַ אָטעמען |...| דאָס אַלצדינג מוזט איר אים געבן". מענדעלע, 9, 116. 3581

|1926–1931| " פישל האָט אָפגעשנאַלט אויפן פערדס בויך די זילן (פאַסטראָמקעס), לויז געמאַכט ס'געשפאַן". אָפּאַטאָשו, 15, 89. 3580

751 - גע

1965 " |...| ער האָט זיך געסטאַרעט צוגרייטן די

שניידמאַשינעס, |...| די האַרבעס |=מיך וואָגן|; 3576

דאָס געשפּאַן, עס זאָל דערנאָך קיין אָפּהאַלט ניט זיין".

נאַטע לוריע, 5, 96.

2. פערד און וואָגן צוזאַמען מיטן געשפּאַן (איך באַטייט 1).

1912 " |...| טאַ מאַכט מיר א געשפּאַן, קויפט מיר אַ

פּאָר שקאַפּעס". אפּאטאשו, 1, 18. 3613

1941 " וואָס שפּעטיקן זיך די טריט פון זיינע |סיסראָס|

געשפּאַנען". תרגום יהואש, שופטים, ה - 28. 3605

1948 " עס שוועבן, עס שוועבן געשטאַלטן,// עס שלעפּן

זיך שווערע געשפּאַנען". סעגאַלאָוויטש, 9, 82. 3597

1951 " איין מאָל האָט אַזאַ פאַרשיפורטער באַראַנטשיק

אַרומגעטריבן מיין פאָטער מיט זיין געשפּאַן שעהען נאָך

אַנאַנד". ב. ריווקין, פער 106, 413. 3588

752 -

3. (<u>פיג, איר</u>) טלית און תפילין.

1.96... " אין די שולן ווו פראסטע לייט קומען |...|

אפדאווענען און אנטאן דאס <u>געשפאן</u> (טלית=ותפילין)". 3607

<u>באשעוויס, 5, 12</u>.

4. (<u>פיג, איר</u>) פאר, זיווג, פאר=פאלק.

|אנהייב<u>XIX</u>| " א יונג מיידל פון איאר ,עכצן //

נעמט אן אלטן מאן // מען האט דרויף צו וויינען. 3608

צו קרעכצן // אוי, נישט קיין גלייך <u>געשפאן</u>".

<u>עטינגער, 3, 270</u>.

5. (<u>שלש</u>) אַמאן, א שלימזל. " דער <u>געשפאן</u> מיינער

האט זיך באזעצט ביים רבין און קלערט גארנישט

צוריקצוקומען" |<u>קשוו</u>|.

1896 " אַט ווער איז באַלד דאָס ערשטע כּפּרה=הינדל, דער
מאַן, נאַ דיר שטיינס געזאָגט אַ געשפּאַן, פֿאַרהאַקט זאָל 3593
עס ווערן זײַן וועלט". שלייפשטיין 2, 6.

|| געשפּאַנעכץ - דאָס, =ן. דזוו געשפּאַן ב 1.

0 געשפּאַן=אָקס - דער, =ן. אָקס וואָס ווערט אויסגעניצט
צום אַקערן אָדער צו פֿירן אַ וואָגן.

געשפּאַן=בהמה - די, =ות. בהמה (אָקס, קו) וואָס מע
ניצט צום אַקערן אָדער צו פֿירן אַ וואָגן.

געשפּאַנפֿערד - דאָס, מצ דז. פֿערד וואָס מע ניצט צו
פֿירן אַ וואָגן (ניט צו רײַטן).

754 - גזל

1924 " דער פֿערד איז אַ גרויסער און שטאַרקער בעל=חי,
דער הויפּט |...| די משא און געשפּאַנפֿערד, וואָס זייַ 3560
קומט אויס צו שלעפּן |...| געוואַלטיקע משאות".
איבן איסעל, 1, 59.

